STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05188

DI AMERIKANISHE GLIKEN

N. M. Shaykevitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05188-8

D:\YIDDISH\Titles\9780657051884T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

АМЕРИКАНИШЕ ГЛИКЕНЪ

т. е.

Американскія счастія,

РОМАНЪ

въ 5-хъ частяхъ

Сочиненіе

Н. М. ШАЙКЕВИЧА

Часть I.

Изданіе и собственность
КНИГОИЗДАТЕЛЬСТВО
М. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА, ВИЛЬНА.
Уголъ Еврейской и Нѣмецкой ул.

ВИЛЬНА.
Электро-тип. И. А. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА, Большая ул. № 1.
1912.

פערפאסט פאן
נ. מ. שייקעוויטץ (שמ״ר).

די
אמעריקאנישע
גליקען

א

ראמאן
פון אידישען לעבען אין אמעריקא.
אין 5 טהייל.

ערשטער טהייל

פערלאג און אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא
בדפוס-החשמלי יצחק יהודה ליב קאצינעלינבויגען.
1912
שנת תער״ב לפ״ק.

פארךעדע

דא האט איהר מיינע לעזער דעם נייעם ראמאן „אמעריקאנישע גליקען" וואס איך האב אייך פערשפראכען ביים ענדע פון דעם ראמאן „יוד אונד גרעפין". זעהט האטש, אז אבוואהל היינטיגע צייטען אנטלויפען פיהלע מענטשען פון רוסלאנד נאך אמעריקא אום בעלי חובות צוא בלייבען, וויל אייער שמ"ר אייך קיין בעל חוב בלייבען האטש ער איז שוין פיער יאהר אין אמעריקא.

איך בין פעסט פערזיכערט דאס איהר וועט דעם ראמאן „יוד אונד גרעפין" פון יעצט אן בעטראכטען אלס פונדאמענט צוא דיא „אמעריקאנישע גליקען", אונ איהר וועט מיר פאר דעם צווייטען ראמאן פיהל מעהר דאנקבאר זיין אלס פאר דעם ערשטען, דען דא האב איך פאר אייך גיגעבען אהיבשע זייטע פון דער נייער וועלט, אלע בילדער וואס איהר וועט אין דיא אמעריקאנישע גליקען באגעגענען זיינען געמאלט מיט נאטירליכע פארבען:

וואס מאכען בייא אייך אין רוסלאנד אונזערע זשארגאנישע שרייבער, איך האב געמיינט אז אוועק פארעדיג פון רוסלאנד האב איך זייא איבער געלאזט אברייטע פעלד וואו צו ווייזען זייער טהעטיגקייט, איך האב גירעכענט אז וויא באלד זייא וועלען פון מיר פטור ווערין וועלין זייא ערשט בעווייזען וואס זייא קאנען, צום סוף זיינען זייא גאר אלע שטיל געווארין, אונ זאגאר פון דער נייער וועלט הער אי' [illegible] געשרייען פון דיא רוסישע בוכהענדלער: גוואלד גיט אונז נייע רא[illegible] דען דיא לעזער רייסין אונז דיא פאלעס מיר זאלין זייא געבין עפעס צום לעזין אונ מיר האבין ניט וואס צו געבין.

וואס מאכען בייא אייך דיא יודישע קריטיקער, דיא שלום עליכם'ס מיט דיא לאנגע פינגער... וואס מיט א' האנד שרייבען זייא גאנצע משפטים אונ מיט דער צווייטער אמת

(אמ"ג ח"א) וואס

וואס מיר אנבלאנגט, קאן איך אלע מיינע גוטע פריינד ערפרייען מיט דער גוטער נאריכט, אז איך בין מיט אמעריקא זעהר צופרידען, אונ אז אמעריקא איז מיט מיר צופרידען פערשטייא איך פון דעם וואס מיינע ווערק וועלכע איך גיב דא ארוים, ווערין צו האפט אונ פערקויפט וויא קמיעות פון אגוטין יודען.
צום ווידער זעהן אין אנאייעם ראמאן.

דער פערפאססער.

חכם מה הוא אומר *)

ניויארק ערשטען סעפטעמבער 1893

ווערטהער פריינד ה' שייקעוויטש.

אויף אייער ביטטע: איך מיין ריכטיגע מיינונג אום שרייבען וועגען אייערע ווערקע, מוז איך אייך ענטווערען, דאס איך האב געלעזען פילע פון אייערע ראמאנען אויך דעם שעהנעם ראמאן „יוד אונד גרעפין" אונד איך זאג אייך גאר אהן א שום חניפה, אז אייערע ווערק זיינען מייסטערהאפט געשריעבין, נאטור טרייא געשילדערט, דראמאטיש דורכגעפיהרט, אינטערעסאנט אונד זעהער אנגענעהם. דיעזע ראמאנען ערקלערען מיר אלזא גאנץ גענוג, ווארום דער נאמען „שמר" האט אזא זיסען כשוף אויף אלע קלאסען לעזער אין גאנץ רוססלאנד, וויא אויך פון דער זייט ים.

אך וואס פאר א גרויסער תהום איז מפסיק צווישען אייער פעדער אונד דיא פעדער פון דיא יעניגע, וואס זוכען צו שענדען אייערע ראמאנען! וואס דיעזע יאלעווע „קריטיקער" ווילען פון אייך, ווייס איך ווירקליך ניט אונד איך האב מורא אז זייא אליין ווייסען דאס אויך ניט. איהר פיהרט דאכצאך דעם לעזער אין דיא פערבארגענסטע חדרים'ליך פון מענשענס הערץ! איהר בעזיצט דיא קונסט צו פעראינטערעסירען דעם לעזער פון טאוועל ביז טאוועל: איהר מאכט איהם לאבענדיג מיט אטרעהר אונד וויינענדיג מיט אשמייכעל. וואס קאן מאן שוין מעהר פערלאנגען פון א ראמאנען-פערפאסער? דיא אומות העולם פערלאנגען אויך ניט מעהר פון זייערע בעסטע ראמאניסטען.

אייערע

---

*) אביוואהל עס איז געגען מיין פרינציפ, אבצודרוקען אויף מיינעם א ראמאן א בריעף פון א מענשען וואס ריהמט מיינע ווערק, אבער דעם בריעף אין ריין זשארגאן פון אזא אויטאריטעט וויא דער וועלט בעריהמטער פראפעסאר ג. זעליקאוויטש איז, וואס איז פערגעטערט זאגאר פון דיא גרעסטע געבילדעטע קריסטליכע מענער, האב איך געמוזט אבדרוקען, אום מיינע לעזער זאלען פערשטעהען דעם אונטערשיעד פון דיא בעקאנטע ווערטען: חכם מה הוא אומר אונד רשע מה הוא אומר.

דיזער בריעף וועט ארונטער רייסען דיא מאסקע פון מיינע שלימזלדיגע קריטיקער, וואס האבען אויס אנגעווייסער אורזאכע, געוואלט מיינע ראמאנען בעשמוטצען אין דיא אויגען פון מיינע טייערע לעזער.

שמר. (אמ"ג)

אייערע זאגענאנטע קריטיקער בעשולדיגען אייך, וואָרום איהר גיעהט אביסעלע צו ווייט אין אייערע שילדערונגען, וואס זיינען מאנכעס מאל נאך זייער מיינונג ניט אזויא מאראליש. דאס איז אבער ניט מעהר וויא אבלבול אונד עס איז ניט אונזער שולד וואס דיזע „מאראליסטען" ווייסען ניט וואו דיא קונסט ענדיגט זיך אונד וואו דיא „נבול-פה" פאנגט זיך אן. דיזע מאראלישע היץ-קעפ, וואס שמעקען מיט קלויזניק אדער ישובניק קריינען געוועהנליך מיט דעם נאמען נבול-פה יעדע עדעלע זאך וואס טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון קונסט. פראבירט זייא פארלעזען אין זשארגאן מאנכע קאמעדיעס פון שעקספיר, דער פרינץ פון אלע פאעטען, אדער געוויסע ליעדער פון דעם אונשטערבליכען הענריך היינע, וועלין זייא באלד מאכען אגוואלט, אויסלעשען דיא לאמפען אונד אפשר אויך צו מאכען דיא לאדענס, כדי קיינער זאל חלילה ניט זעהען וויא זייא ווערען רויט פאר חרפה. דיזע מוחר זאגערס דערמאנען מיך דיא פערשמעלצענע קלויזניקעס פון דיא ליטווישע קליינע שטעטלאך. וואס זאגען אז עס איז הלכה למשה מסיני, אז אווייב הייסט אין זשארגאן „פלוניתטע" אדער „צו הערשט".

נור מיט זאלכע מאראלישע נפשות לוינט ניט צו האבען וכוחים, ווייל זייא האבען אזא בעגריעף פון מאראל פונקט וויא אקאזאק פון קבלה. בעוואונדערן אויף אבאל אפרויא וואס געהט געבלייזט, דאס זאגען זייא מעג מאן, אבער עס בעשרייבען שווארץ אויף ווייס טאהר מאן ניט, וויא מאן קוקט זיך אין טהעאטער מיט ליידענשאפט, דאס איז דעם מאראליסט ערלויבט צו זעהען — אבער ווידער געבען דיא זעלבע זאך מיט טויטע בוכשטאבען, איז אסקאנדאל. וויא געפעלט אייך אזא יושר? גאט זאל מיך אוים היטען פון אזא מאראל, וואס איז אין גרונד ניט מעהר וויא דער פאנצער פון פערדארבענהייט, אונ צבויאטסטווא.

נור לאזען אייערע קריטיקער זאגען אללעס וואס זייא האבען אויפן הערצען. דאס איז ניט מעהר וויא אשטורם ווינד אין אגלאז וואסער. דער דענקער שמייכעלט אונ דאס פאלק הערט זייא וויא דעם קאטער. דיא היסטאריע וועט אמאל זאגען: אז איהר פריינד שייקעוויטש, האט אוים געפלאכטען אקרוין פון אונשטערבליכקייט פאר אונזער זשארגאן, וואס איז ישראל'ס מוטער-שפראך אין גלות.

איך דריק אייך ברידערליך דיא האנד אונד פערבלייב אייער פריינד אונד בעוואונדערער

פראפעסאר ג. זעליקאוויץ.

(אמ"ג)

א.

דער ארמער פאעט

שטארק האט דיא אמעריקאנישע זאגע געברענט אין אנפאנג פון דעם מאנאטה יולי פון יאהר 1890.

דער אייראפייער וועלכער קומט נאך אמעריקא, דער ווייס ריכטיג דעם אונטערשייד צווישען דער אייראפייאישער זאגע און דער אמעריקאנישער, בעדייטענד שטארקער איז דיא היץ פון דער זאגע וואס בעלייכטעט דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, עס טרעפט מאנכעס מאל אז דיא היץ איז זא אונערטרעגליך, דאס הונדערטער מענשען פאלען גייענדיג אין גאס און געפינען דעם טויט אויף דעם ארט, בעזאנדערס איז דיא היץ שרעקליך שטארק אין נויארק, וועלכע איז אנגעפילט מיט טויזענדער ריזענהויכע הייזער וואס לאזען איינפאך קיין פרישע לופט אריין אין דיא גאסען און אין דיא איינגע וואהנונגען.

אין אזעלכע טעג פיהלען דיא נויארקער איינוואהנער, בעזאנדער דיא ארבייטער קלאסע מאנגעל אין לעבען און אין לופט.

פאר דיא אונגליקליכע ארבייטער וואס מוזען זייער מעגליכען ברויט פערדינען מיט זייערע צעהן פינגער, פאר זיא עקסעסטירט גאר ניט קיין היץ און קיין קעלט, זיא ווייסען זעהר גוט אז ווען זיא וועלען דעם טאג ניט ארבייטען, וועלען זיא אויף מארגען פאר זייערע קינדער קיין ברויט האבען, ווא וועלען זיא קוקען אויף היץ אדער אויף קעלט? דארום איז קיין וואונדער וואס אין דיא הייסעסטע טעג, ווען זאגאר אין דרויסען פעהלט לופט, זיינען דיא שאפען (פאבריקען) געפאקט מיט ארבייטער, וועלכע זיינען זא איינגעטונקט אין שווייס, דאס מען קאן מיינען אז יעדער פון זיא איז אבגעגאסען מיט עמערס וואסער, דיא געזיכטער ברענען, דיא אויגען זיינען רויט וויא פאר נאסען מיט בלוט, און דיא הענט מיט דיא פיס ארבעטען פלייסיג ביי דיא מאשינען.

ארמע אונגליקליכע ארבייטער! קאן געבען אנ׳ערגערע זאגע פון דיזער? און דאך זיינען דיא ארמע מענשען צופרידען דאמיט וואס זיא האבען ווייניגסטענס דיא מעגליכקייט צו ארבייטען און דאדורך פערדינען אויף דיא נאטהווענדיגסטע לעבענס מיטלען, עס געפינען זיך אין נויארק טויזענדער מענשען וואס וואלטען זיך גליקליך געשעצט ווען מען זאל זיא געבען ארבייטען אין איינעם פון דיא גיהנמ׳ס,

(א״ג) ליידער

לײדער אָבער גײען זײא אַרום לײדיג, מיט לײדיגע קעשענעס און מיט לײדיגע מאַגענס.

אין אײנעם פון דיא פײערנסטע יולי טעג (פונ'ם יאָהר וואָס מיר האָבען דער מאָהנט) איז א יונגער מאַן פון אונגעפעהר צוואַנציג יאָהר, זעהר אָרעם געקלײדעט, מיט אַפינסטערעס פערזאָרגטעס געזיכט, צו געגאַנגען צו אַפינף שטאָקיגעס הויז אין קאַנאַל סטריט, ער האָט דורך געקוקט אַלע שילדען (טאַבליצעס) וואָס זײנען געהאַנגען אויף דיא פיעלע סטאָרען (קראָמען) וואָס װאַרען אין דעם הויז, בײא אײן שילד וואָס אויף איהם זײנען מיט גרויסע יודישע בוכשטאַבען אָנגעשריבען געװעזען דיא װאָרטען: „דער יודישער פערטהײדיגער" זײנען זײנע בליקען שטײן געבליבען, ער איז צו געגאַנגען צו דער טיר, איבער װעלכער דער שילד איז געהאַנגען, האָט אָב געװישט דיא שװערע טראָפענס שװײס פון זײן שטערין, האָט נאָך אײניגע מינוטען געטראַכט און איז ענדליך אין דער טיר אַרײן געגאַנגען.

ער איז אַרײן געקומען אין אַגרויסען צימער װאו עס זײנען געשטאַנען עטליכע יודישע זעטצערס און האָבען פלײסיג געאַרבײט, און אַזײט איז געװעזען אַקלײן צימעריל, װעלכעס װאַר נור מיט אַקלײנע דינגע ברעטער װאַנד אָבגעצאַמט, דאָרט איז געזעסין א יונגער מאַן און האָט געשריבען.

װעמען בעדאַרפט איהר? — האָט א יונגע פון אַיאָהר דרײצעהן געפרעגט דעם אָרמען יונגען מאַן, װעלכער איז אין דער טיר שטײן געבליבען.

איך ברויך צום מיסטער רעדאַקטער — האָט דער נאָסט מיט אַציטערדיגע שטימע גיענטפערט.

גײט אַרײן צו דיזען מאַן דאָ אין צימער — האָט דאָס יונגע גיענטפערט אָנצײגענד אויף דעם יונגען מאַן װאָס איז געזעסין אין דעם קלײן צימעריל און האָט געשריבען.

איז דאָס דער מיסטער רעדאַקטער? — האָט װײטער דער נאָסט מיט אַשװאַכער שטימע געפרעגט.

ער איז אַהאַלבער רעדאַקטער, איהר קאָנט מיט איהם רײדין אַלס דינג װאָס איהר װילט.

ציטערענד בײא אַלע גלידער איז דער אָרמער יונגער מאַן צו געגאַנגען צו דער קלײנער אָפענער טיר פון דעם צימער, אײניגע מינוטען איז ער דאָ אומבעװעגט געשטאַנען, און אַלס ער האָט געזעהן אַז דער שרײבער שײנקט איהם דיא מינדעסטע אויפמערקזאַמקײט ניט, האָט ער אַהוסט געטאָן, מיט דער האָפנונג אַז דער מיסטער האַלבער רעדאַקטער, װעט דורך דעם הוסט אויף איהם אויפמערקזאַם װערין, אָבער דער שרײבער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט

אַצװײטען און אַדריטען מאָהל האָט ער אַהוסט געטאָן, און אַלס ער

האט גיזעהן אז דאס מיטעל ווירקט ניט , האט ער מיט אקוים הערבארער שטימע אוים גירעט : מיסטער רעדאקטער !

יעצט האט דער שרייבער אויף געהייבין דעם קאפף , האט זיך געווענדעט צו דעם ארמען יונגען מאן , מיט שטאלצע בליקען האט ער איהם בעטראכט פון אויבין ביז אראפ אונ האט זעהר שטרייננ געפרעגט : וואס פערלאנגט איהר ?

מיסטער רעדאקטער — האט דער נאסט מיט גרויס רעספעקט געזאגט — דארפט איהר פילייכט אין אייער צייטונג אפאעט וואס זאל פאר אייך שרייבין פערשידענע לידער .

אפאעט ? לידער ? — האט דער האלבער רעדאקטער מיט אספאטישען טאן געפרעגט — זייט איהר דען אפאעט ?

יא .

מיר דארפין קיין פאעטין ניט , מיר האבין גענוג לידער שרייבער

איך גלויב אבער אז מיינע לידער וועלין דעם היגען פובליקום זעהר ■ט געפעהלין , ווילט איהר מיר בעעהרין אונ דורך לעזין איינע פון מיינע פאעזיען ?

איך האב קיין צייט ניט .

דאס וועט ביא אייך ווייניג צייט געהמען , אין פינף מינוטען וועט איהר מיין ליד דורך לעזין , זיא איז אגאנץ קליינע .

ביי דיא ווארטען האט ער דעם שטאלצען רעדאקטער דער לאנגט אוויים בינגעלע פאפיר .

מיט אנ׳אונפריינדליכע מינע האט דער האלבער רעדאקטער גענומען דאס פאפיר אין דער האנד אונ האט געלעזין פאלגענדע ווארטען :

צו מיין מוזע !

ניין ! איך קאן דיך ניט ערטראגען ,
מוזע , זאלסט אין מיר ניט דרינגען ,
מיט אפוסטען בויך אונד מאגען ,
ועלכער דומקאפף וויל דען זינגען ,
איך וויל ניט וויסען פון דיר ווידער ,
מוזע ! איך וויל דיך ניט מעהר קאנען ,
דען איך בין שוין זאט מיט לידער ,
פון גאנץ אנדערע פערזאנען .

איך הער פון ווייטען יאמער טענער
(אך וויא ציטערט יעצט מיין האנד)
דאס ווייגען שרייען פרויען מענער
וואס מען טרייבט פון לאנד צו לאנד ,
דאס שרייען פון דיא פיעל נבלות
מיינע יודען מיינע ברידער ,

(א״ב)

זייגען דען ניט דיא ילדות
עכטע רעכטע קלאגע לידער ?

אין דיא שאפען הערט מען קלאפען
אהן אנ׳אויפהער דיא מאשינען ,
דער באס זעהט מען זאל ניט שטאפען *)
וואס מעהר שוויים זאל דארט ריגען
ביז ביי נאכט פון פריא באגינען
ברעכין מענשין זיך דיא גלידער ,
זינגען דען ניט דיא מאשינען
עכטע טרויעריגע לידער ?

קאפיטאליסטען פאל עשירות
פאן בלוט טרערין דורך איהם
ווארפען פון דיא איינגע דירות
פיעל פאמיליען אויף דער גאס ,
״בייבים , קינדער , פרויען , מענער
מארש ! איך וויל איך ניט זעהן ליידער״ .
הייסען דען ניט זאלכע טענער
עכטע רעכטע העלדען לידער ?

ניין איך קאן דיך ניט ערטראגין
מוזע זאלסט אין מיר ניט דרינגען ,
פון אלע זייטען הער איך קלאגען
זאל איך אליין זיטצען זינגען ?
איך וויל ניט וויסען פון דיר ווידער ,
מוזע איך וויל דיך ניט מעהר קאנען ,
איך בין שוין זאט , זאט מיט לידער
פון גאנץ אנדערע פערזאנען

דאס ליד איז ניט שלעכט — האט דער רעדאקטער גענזאגט אלס ער האט געענדיגט צו לעזין , איך זעה אז איהר האט טאלענט .

איך דאנק איך זעהר הערר רעדאקטער פאר אייער גוטער מיינונג וואס איהר גיט וועגין מיין געדיכט .

רופט מיך ניט הערר רעדאקטער , איך בין אין דער יודישען פערטהיידיגער נור אשרייבער פאר וועכענטליכען געהאלט , מיין נאמען איז לימאן .

אזו ? איהר זייט דא נור אשרייבער — האט דער פאעט גענזאגט מיט אפרייערע

---

*) ניט אויפהערען

אפריערע מינע — ווער זשע איז דא דער רעדאקטער ?

דאס בלאט רעדאקטירען עטליכע מענטשין, דארום האט קיינער פון זיא דאס רעכט זיך רופען מיט דעם נאמען רעדאקטער.

ווער זשע נעהמט צו דיא ארטיקעלען אונ דיא לידער וואס דיא שרייבער שיקען אריין פאר דעם בלאט.

אויף גוטס איז יעדער פון אונז אמבין, אונ ווען אונז פאלט אריין אגוטער ארטיקעל נעהמט מען דאס שוין צו.

ווער זשע צאהלט דעם גאנאראר (לאין) דיא פרעמדע שרייבער.

גאנאראר ? אין דער רעדאקציאן צאהלט מען ניט יעדען איינציגען פאר זיין שרייבען, גענוג עהרע איז פאר דעם שרייבער ווען מיר דרוקען אב זיינס אנארטיקעל אין אונזער בלאט.

מיר צווינגען קיינעם ניט ער זאל פאר אונז שרייבען.

נוא צום ביישפיל, מיין ליד זאגט איהרנאיז אייך גיפעלין, וועט איהר מיר פאר איהר אויך ניט צאהלען ?

געווים ניט איהר וועט אונז דארפין דאנקבאר זיין ווען מיר וועלין זיא אב דרוקען, אונ דאדורך וועט אייער נאמען באקאנט ווערין.

וויא וואס וועט שוין זיין ווען מיין נאמען וועט באקאנט ווערין ?

וואס עס וועט זיין ? וואס ווילט איהר דען עס זאל זיין, איז דאס דען אקליינע עהרע וואס לייט וועלין ריידין פון אייך ?

אבער אום נאמעס ווילען, וואצו ניצט אליידיגע מאגען עהרע, ביא איהם איז איין פונט ברויט טהייערער פון דער גרעסטער עהרע.

דאס האט איהר אפילו רעכט, אבער איך זאג אייך פאראוים אז דיא ערשטע צייט וועט איהר געווים קיין לאהן ערהאלטין פאר אייער שרייבין.

וואס הייסט דיא ערשטע צייט ?

איך מיין פאר דיא ערשטע צעהן לידער וואס איהר וועט אונז געבין זאלט איהר אויף לאהן ניט רעכענען, ביים עלפטין ליד וועט איהר אנהייבין צו ערהאלטין עטוואס געלד ביז איהר וועט ארויף שטייגין צו דעם גרעסטין לאהן וואס דער בעסטער פאעט נעהמט ביא אונז פאר אליד.

וויפיל איז דער גרעסטער לאהן.

איין דאלאר פאר אליד.

וויא ? סך הכל איין דאלאר ?

מעהר צאהלט דא אין נויארק קיין רעדאקטער ניט פאר דער גרעסטער בעסטער ליד, איך פערשטייא אן אייך אז איהר וואונדערט זיך, ווייל איהר האט געמיינט אז איהר וועט דא קאנען אלעבין מאכין פון שרייבין לידער, אבער יעצט וועט איהר איינזעהן אז דאס וועט אייך קיין ברויט געבין, אונ

מיין באבע איז איהר זאלט זיך בעסער נעהמען צו אנ׳איינפאכע ארבייט, וויא צום ביישפיל אפרייטעריא (שנייִדעריי) אדער אנ׳אנדער ארבייט.

דאצו בין איך ניט פעהיג — האט דער פאעט זיפצענד גיענטפערט — איך האב שוין דאס אויך געפרובט, איך האב זעקס וואכען געניית העמדלאך, איך האב אזוי לאנג געארבייט ביי דער מאשינע ביז דיא פיס זיינען מיר געשוואלען געווארען און איך האב געמוזט זוכען עפעס אנדערס, איך האב זיך גענומען צו ביגלעריי (פרעסין רעק), איך האב זיך אזוי לאנג בעשעפטיגט מיט דעם שווערען ברענענדיגען אייזען, ביז מיינע הענד האבען מיר אנגעהויבען שטארק וויא צו טאן, און דארום בין איך גאר געווארען אפעדלער, איך האב מיך אזוי לאנג ארום געדרייט איבער דיא הייזער און איבער דיא גאסען מיט מיין פעקיל ביז דיא לויפערס האבען מיך דער טאפט אין אקריסטליכער גאס, זייא האבען מיך אזוי געשלאגען דאס איך האב אדגעקריינקט אגאנצען מאנאט אין האספיטאל, ערשט מיט דרייא טעג פריהער בין איך פונ׳ם האספיטאל ארויס געגאנגען און האב מיך בעשלאסען זיך נעהמען גאר צו פאעזיע ווייל איך האב דאצו טאלענט, איך האב געמיינט אז דאס וועט מיר עפעס געבען, אבער לויט וויא איך הער פון אייך קאן איך פון דעם אויך קיינע גליקען ערווארטען.

איהר זייט שוין לאנג דא אין נויארק?

ניין מאנאטען.

פון וואנען זייט איהר אליין?

אויס אליטוועשער קליין שטעדטיל הארידאק.

איהר זייט אהער געקומען אליין צו מיט עלטערין?

מיט אגאנצער פאמיליע, אפאטער אמוטער און עטליכע שוועסטער.

מיט וואס בעשעפטיגען זיך אייערע עלטערין?

מיין פאטער איז שוין אנ׳עלטערער מענש, אין דער היים איז ער גיוועזען אסוחר און אמיוחס, דען ער איז דעם הארידאקער רבס אברודער, דיא געשעפטען זיינען אין דער לעצטער צייט אין אונזער געגענד זעהר געזונקען, דארום האט זיך מיין פאטער בעשלאסען ארויס פאהרען אהער אין דער גליקליכער אמעריקא, געוויס ווייסט איהר אז ביי אונז אין דיא קליינע שטעדטליך דער ציילט מען זיך אן פון אמעריקא גרויסע גליקען, נו א ווער וויל דאס ניט באקאנט ווערען מיט דעם גליק, אבער קומענדיג אהער האבען מיר זיך איבער צייגט אז דיא גליקען האבען מיר גאר אין רוסלאנד איבער געלאזט. מיין אלטער פאטער האט זיך גענומען צו פעדלען, ער איז אבער ניט געוואהנט געווארען זיך ארום דרייען מיט אשווערען פאק איבער דיא גאסען אין היטץ און אין קעלט, דארום איז ער גיך אזוי קראנק געווארען דאס ער קען דאס צימער ניט איבער גיין, צווייא פון מיינע שוואכע שוועסטער ארבייטען נעבעך מיט דעם ביטערען שווייס און פערדינען פינף דאלאר דיא וואך, דער פון

לעבט אונזער גאנצע פאמיליע אין גרויס דחקות, איך האב אויך געוואלט מיינע עלטערין האמש מיט וויפיל עס איז בעהילפיג זיין, אבער וויא איך האב אייך שוין ערצעהלט, צו וואס איך האב מיך צו געריהרט איז עס געגאנגען שלים מזליג, יעצט בין איך ראטהלאז אונ ווייס ניט צו וואס זיך צו געמען, פיליייכט קאנט איהר מיר ליבער פריינד העלפין מיט אגוטען ראטה.

דיא איינציגע ראטה וואס איך קאן אייך געבין איז: איהר אדער אייער פאטער זאל זיך ווענדין אין באראן הירש'ס פאנד אונ בעטין מען זאל אייך געבין אביסעל געלד אויף אגישעפט, עס קאן זיין אז צו אגישעפט וועט איהר אויך אייער פאטער בעסער טויגען.

וועט מען דען אונז געבין געלד פון באראן הירש'ס פאנד?

נאך מיינער מיינונג דארף מען אייך געבן, דען דיא צעהן טויזענד דאלאר וואס דעם באראנס פאנד טראגט יעדין מאנהייט אריין, איז בעשטימט געווארין נור פאר דיא רוסישע ארמע איינוואנדערער, אונ אזו וויא אייער פאמיליע איז אוים רוסלאנד, האט איהר פאלעס רעכט צו פערלאנגען שטיטצע.

דאס איז זעהר אגוטער ראטה, איך וועל דאס באלד פארלייגען מיינען פאטער.

לויט איהר האט מיר געזאגט איז אייער פאטער אקראנקער מאן — האט ווייטער מיסטער לימאן געזאגט — גלויבע איך אז ווען אייער פאטער וועט זעלבסט אריין גיין אין דעם אפיס (קאנטאר) פון דעם באראן הירש'ס פאנד, וועט מען אויף איהם מיטלייד האבין אונ מען וועט איהם ליידיג ניט לאזין אוועק גיין.

איך בין אייך זעהר דאנקבאר פאר אייער ראטה מיסטער לימאן, מיין ליד קאנט איהר אב דרוקען אזו אהן געלד. וואס קאן איך העלפין, זיא איז דאך שוין אלין איינס אנגעשריבען, וואס וועט זיא זיך ביי מיר וואלגערין, איהר זאלט אבער ניט פערגעסין אונטער דרוקען אונטער דעם ליד מיין נאמען „זיסעל דארף".

אלרייט! (גוט) — האט לימאן געענטפערט אונ האט צום לידען צו געשריבען דעם נאמען זיסעל דארף.

וואו געפינט זיך דער אפיס פונ'ם באראן הירש'ס פאנד? — האט דארף געפרעגט.

איך ווייס ניט, אבער איהר וועט דאס שוין ריכטיג ערפאהרען. יא מיסטער דארף מיר איז נאך עטוואס אינ'ם קאפף איינגעפאלין.

וואס?

איהר זאלט אייער פאטער אריין פיהרען צו דעם באנקיר בערנארד בערינגטאן.

וואס איז ער פאר אמענש?

ער איז איינער פון דיא פיינסטע בראפסטע לייטע דא אין נויארק, ער

האט שוין טויזענדער אונגליקליכע פון די גרעסטין אונגליק ארויס געהאלפין, און איך גלויב אז ווען ער וועט הערין אין וואס פאר לאגע איהר געפינט זיך וועט ער אייך געוויס ניט איבער לאזין אין זא עלענד.

וואו וואהנט דער באנקיר בריגגטאן?

איך ווייס ניט, אבער איהר קאנט דאס זעהר לייכט ערפאהרען, דען דער עדעלמאן איז יעדען באקאנט, עס שאדעט ניט אייער, באטער זאל פריער צו איהר שרייבין א בריף.

איך דאנק אייך זעהר הערר לימאן פאר אייער גוטעס ראטה.

איהר וועט מיר ערשט דאן דאנקען ווען מיין ראטה וועט אייך גוטצען ברייגגען — האט לימאן פריינדליך גיענטפערט — געדיינקט זשע אין דעם בריף זאל אלעס בעשריבען ווערין.

זיסעל דארף האט זיך מיט אדאנקבארע מינע פערנייגט און איז אוועק געגאנגען פון דער רעדאקציאן.

ב.

אידישער פהילאנטראפ

בערנארד בערינגטאן איז איינער פון די רייכסטע לייט אין נויארק, ער איז איוד און ער שעמט זיך מיט זיין נאמען ניט, וויל אין אמעריקא שטייט דער יוד אויף דער זעלבער שטופע וואס דער קריסט, די עכטע אמעריקאנער האבין ליב דעם יודען פאר זיין ערדענליכקייט און פאר זיינע מערקווירדיגע פעהיגקייט, דארום איז קיין וואונדער וואס דער מיסטער בערינגטאן איז פרע-זידענט אין איינינע קריסטליכע פעראיינען וואס בעשטייען פון דער גרעסטער נויארקער אריסטאקראטיע, און די גרעסטע קריסטליכע מענער זיינען זיינע אינטימע פריינדע.

בערנארד בערינגטאן איז אויך איינער פון די גרעסטע נויארקער וואהל-טעטער, ער איז מיטגליד אין אלע וואהלטעטיגע סאסייטיעס (חברות), ער שפענדעט יערעס יאר שווערע טויזענדער פאר ארעמע און קראנקע, בעזאנדערס אינטערעסירט ער זיך פאר זיינע רעליגיאנס ברידער, פאר זיי איז אהים קיין זאך ניט צו שווער צו טאן.

ער וואהנט אין דער פינפטער עוועניו, די שענסטע און רייכסטע גאס אין נויארק, זיין הויז איז אפראכט געבוידע געבוידע אין גריכישען סטיל, אבער מיט דער מעכנישער קונסט פון דער לעצטער צייט.

מיט איינינע יאהר צוריק איז די טיר פון זיין הויז גיווען, אפין פאר אלע ארמע און געדריקטע, אבער וויל די צאהל פון די הילפסזוכענדע איז געווארין זעהר שטארק און אונערטרעגליך, האט דער מיסטער בערינגטאן געמוזט

געמוטט זיינע טירען צו שליסען , אונ האט געהייסען מעלדען דאס ווער עס דארף עטוואס צו איהם האבען זאל זיך צו איהם ווענדען מיט אבריף , ער האט בעשטיממט אגעוויסע צייט ווען ער פלעגט דיא אלע בריף דורך לעזין , אונ וועמען ער האט געפונען פאר נעטהיג צו העלפען האט ער גלייך געהאלפען .

ער איז אמאן פון אנאהר פערציג זעהר אשיינער עלעגאנטער הערר , הויך , שטארק אונ געזונד , דאס געזיכט איז וויים מיט אגעזונטער פארבע אונ גלאט ראזירט אויסער אפאר שווארצע לאנגע שנורבערטע (וואנטשעס) זייגען אויף איהם געבליבען וואס גיבען איהם צו אהעלדענמוטיגעס אויסזיכט . מיט דעם ערשטען בליק אויף אים האט מען גיקאנט לייכט ערקאנען אז דיזער מאן איז עדעל אונ זעהר גוטמיטהיג , דען אויף דעם גאנצען שיינעם געזיכט איז גילעגין אצוג פון זאנפטמוטה אונ צארט געפיהל .

וויר זעהן איהם יעצט אין זיין פראכטפאלען קאבינעט בעשעפטיגט מיט לעזין דיא פילע בריפע וואס זיינען איהם אין דיזען טאג אנגעקומען פון דיא נאטה בעדירפטיגע .

איין בריף האט זיין אויפמערקזאמקייט אויף זיך געצויגען מעהר אלס אלע איבעריגע בריפע .

אין איהם זייגען געשטאנען פאלגענדע ווארטען .

אדעל געבארענער וועלט בעריהמטער פהילאנטראפ !

מיסטער בערנארד בערינגטאן .

אנ'אונגליקליכער רוסישער יוד וואס געפינט זיך אין זעהר אטרויעריגער לאגע ווענדעט זיך יעצט אום הילף צו אייער גוטהערציגקייט .

איך בין אליין אוים אקליין ליטוויש שטעדטיל וואס הייסט הארידאק , זייט איך בין אשטיקעל מענש געווארין , האב איך מיך בעשעפטיגט מיט מסחר (האנדעל), איך בין גיוועזן אשיינער סוחר אונ קיינער האט זיך חלילה אויף מיר בעקלאגט אז איך האב זיינס אקאפיקע גערויבט , איך האב בעשטענדיג געארבייט פאר מיין פאמיליע זאל געזונד זיין , אונ האב זיך גילעבט גאנץ רוהיג , נור אין דער לעצטער צייט האט מיך דער נאטה געטריבען אהער אין אמעריקא , איך בין אהער געקומען מיט מין ווייב אונ מיט מיינע פינף קינדער , איך האב דיא ערשטע צייט געפעדילט אונ בין לא עליכם דער פון קראנק געווארין , דאס ביסעל געלד וואס איך האב געבראכט האבין מיר אויף געגעסין , אונ יעצט לעבין מיר אלע נאר דער פון וואס מיינע צווייא עלטערע טעכטער ארבייטען , זייא זייגען אבער שוואכע קינדער , זעה איך שוין ארוים וואס זייער סוף וועט זיין , דארום עדעלער גוטער הערר , בין איך געצוואונגען זיך צו איך צו ווענדין , אזו וויא איהר האט שוין טויזענדער אונגליקליכע פון גרעסטין עלענד גירעטעט , בעט איך איך מיט טרערין איהר זאלט מיך מיט מין פאמיליע אויך ראטעווען , ווען איהר וועט מיר אוים בארגין אפאר הונדערט דאלאר אויף עפיגען אקליין

שטיקעל געשעפט, גלויב איך אז אונזער לאגע וועט זיך פערבעסערין, בזכות זה וועט איהר נחת האבין אויף אייערע קינדער, גאט וועט אייך מאריך ימים ושנים זיין, וויא אייך ווינשט דער אונגליקליכער

אהרן ברבי שמואל הלוי דארף. לודלאוו סטריט 115 №.

דער באנקיר האט דעם בריף איינינע מאל דורך געלעזין, ער האט זיך אויף היבשע עטליכע מינוטען פערטראכט און האט אקלונג געטאן אין דעם עלעקטרישען גלעקיל, וואס איז בייא איהם אויף דעם טיש געשטאנען.

דיא טיהר האט זיך גיעפינט און א בעדינטער איז אריין געקומען.

איגנאל! — האט בערינגטאן געזאגט — פאהר אונטער אין לודלאוו סטריט 115 №, דארט וואהנט איינער א געוויסער אהרן דארף, ארוסישער יוד, זאלסט דוא איהם זאגין ער זאל מארגין אום צעהן אוהר אין דער פריא קומען אהער.

זאל איך שוין געהן?

יא, איך וואלט איהם דאס אנגעזאגט דורך א בריף, נור אין יענע טענעמענט הייזער טרעפט זעהר אפט אז דיא בריף ווערין פערלארען, ווייל אין איין הויז וואהנען צוואנציג פאמיליען אויסער פארדער און בארדערקערס (קוואַרטיראנטען).

אלבייט! איך פאהר שוין — האט איגנאל גיענטפערט און האט געוואלט ארויס גיין, אבער בערינגטאן האט איהם אבגעהאלטען מיט דער פראגע: איז מיינע פרויא מיט מיין טאכטער צו הויזע?

דיא גינעדיגע פריילין לוירא זיצט מיט איהר פריינדין מינא אין דער ביבליאטהעק, און דיא גינעדיגע פרויא איז געפאהרען איינקויפע מאכען.

איז דא היינטע גיוועז מיסטער קנאפפמאן?

יא ער איז דא גיוועז.

האט ער דא לאנג פערבראכט?

ביינאהע צווייא שטונדען.

מיט וועמען האט ער פערבראכט?

מיט דער גינעדיגער פרויא.

וואו וואר לוירא צו דיזער צייט?

דיא גינעדיגע פריילין האט זיך אונוואהל געפיהלט, דארום איז זיא גילעגין בייא זיך אין צימער אין דער גאנצער צייט וואס מיסטער קנאפפמאן איז דא געזעסין.

קאנסט שוין גיין — האט בערינגטאן נאך אקורצער פויזע געזאגט.

דער בעדינטער איז ארויס געגאנגען.

דער באנקיר האט זיך פערזונקען אין געדאנקען, וויא א מעלאנכאליע האט זיך אויף זיין שיינעם געזיכט אויס געגאסין, ווען א זייטיגער מענשין קענער זאל גיוועזן אין דער מינוט אויף איהם א קוק טאן, וואלט ער פערשטאנען אז

אויך אין דער ברוסט פון דעם מיליאנער וואס אלע רעכענען איהם פאר איינעם פון דיא גליקליכסטע, ליגט פערבארגין אנראסעס שמערץ.

אגאנצע שטונדע איז דער באנקיר אין דער פאזע געזעסן, ענדליך האט ער זיך פון זיין פערטראכטהייט ערוואכט דורך דעם גערויש פון דער טיר וואס עס האט זיך גיעפינט, אונ אריין געקליידע שיינע געזונדע מיסיס (דאמע) איז אריין געקומען.

דוא ביזט דא בערנארד? — האט זיא צערטליך געפרעגט — ווארום זיטצט דוא דא זא לאנג?

איך האב היינטע זעהר פיעל בריפע געהאט דורך צו לעזין.

צוליב דיא בריף פערגעסט דוא אן זיך זעלבסט אונ אן דיין פאמיליע, דאס איז אגרויס אונרעכט פון דיר ליבער בערנארד, אויף אלעם איז דא אצייט, איך גלויב אז דיינע פרויא מיט דיינע קינדער האבין אויך פערדינט דוא זאלסט פאר זייא איין שטונדע שיינקען.

נוא זייא ניט צארניג דארא, איך געה שוין צו אייך, אבער יא איך האב מיך דער מאהנט דיך צו פרעגין: ווארום איז לויזא ניוועזן פערשפארט ביי זיך אין צימער דיא גאנצע צייט וואס מיסטער קנאפפמאן איז דא גיוועזן?

ווער האט דאס דיר ערציילט?

דאס מאכט שוין ניט אוים ווער מיר האט דאס ערציילט, אבער דוא ווייסט דאך דאס ניט אב לייקענען.

איך האב גאר ניט געדיינקט דאפאן אגעהיימניס צו מאכין, איך זעלבסט האב דאס דיר געוואלט ערציילען, וויא איך פערשטייא קאן זיא דעם מיסטער קנאפפמאן ניט ליידין, זיא אנטלויפט פון אים וויא פון אן׳אנשטעקענדע קריינק.

ווארום קאן זיא איהם ניט ליידין?

דאס פערשטייא איך אויך ניט, דוכט זיך קנאפפמאן איז זעהר אפיינער יונגער מאן, ער מוז גיפעלין יעדער קלוגע פריילין, איך פאנג אן צו גלויבין אז איהר הערץ איז שוין פערנומען.

וואאאס? — האט בערינגטאן ערשראקין גיפרעגט.

דוא דארפסט ניט זיין זא אויפגירעגט, אונזער לויזא איז אקלוגעס קינד זיא וועט זיך ניט פערליבען אין אבי וועמען.

אבער וויא קומט דאס וואס דוא זאלסט אזא זאך ריכטיג ניט וויסען?

וויא קומט דאס? — האט דארא געלאכט — ווייסט דוא דען ניט אז אזעלכע זאכין קאן מען ניט פערהיטען.

אבער דוא קאנסט דאך לייכט ערפאהרען, וואהין זיא גייט, מיט וועמען זיא באגעגינט זיך, אין וועלכע פאמיליען זיא מאכט אבעזוך.

זעלבסט פערשטענדליך אז איך וועל דאס ערפאהרען, עס קאן אבער אויך זיין אז איך האב אנ׳אירטהום, דאס וואס זיא קאן קנאפפמאנען ניט ליידין איז איינפאך, נייל שיינקייט איז אגעשמאק זאך, דאס וואס איינעם גיפעלט,

אין דעם צווייטין אבשייליך, אנ'אנדער פריילין וואלט זיך גליקליך גישעצט ווען אזא יונגער מאן וויא קנאפפמאן איז זאל זוכען איהר באקאנטשאפט, אונ אונזער לוירא איז ער ניט גיפעלין.

וויא דיא זאך איז, דוא זאלסט ליבע דארא וויא אגעטריייע טוטער ריכטיג דיא זאך נאכפארשען, דוא האסט געוויס גיהערט אז דיא ליבע איז בלינד, אונ ווען דער בלינדער איז נאך יונג אונ אונערפאהרען, ווייס גאט אין וואס פאר אזומפף ער קאן פערקריכען.

זייא רוהיג בערנארד, מיך אינטערעסירט דיא זאך ריכטיג וויא דיר, געוויס וועל איך טאן דאס וואס איך וועל געפינען פאר נייטיג, גייסט דוא מיט מיר אין שטוב?

יא איך גייא האט בערנארד גיענטפערט.

ער האט אלע בריף געבראכט אין ארדענונג אונ איז מיט זיינער פרויא אריין געגאנגען אין דיינינג-רום (שפייזע-זאל).

ג.

קאפוליער אנצוהערענים.

דער זייגער האט געשלאגין זעכס פאר נאכט.

דיא נויארקער גאסין זיינען שווארץ פון דיא פילע מענטשין וואס גייען אין זייא, דאס זיינען אלין ארבייטער וואס גייען פון דיא פאבריקען אהיים.

דער רוסישער יוד וואס איז נאך אונבאקאנט מיט דעם אמעריקאנישען לעבין, וועט זעהענדיג דיא שיינע יונגע עלעגאנט געקליידעטע מיידכענס, וואס גייען צו דיזער צייט אין דיא גאסין, מיינען אז דאס זיינען אלין רייכע גליקליכע קינדער, דען זייא גייען וויא מיר האבין שוין גיזאגט, זעהר עלעגאנט גע־קליידעט, אונ ריידין מיט אייגאנדער זעהר מונטער אונ פריילין, וויא וועט ער אבער שטוינען ווען ער וועט הערין אז דיא אלע לוסטיגע רייך געקליידעטע מיידכענס ארבייטין דעם גאנצין טאג פון זעכס אדער זיבען אין דער פריא זעהר שווער אונ ביטער, זייא זיצען אין דיא לופטלאזע פאבריקען אונ זייערע שלאנקע פיס זיינען דעם גאנצין טאג אין בעוועגונג ביי דיא מאשינען, צווישען דיא מיידכענס זעהט מען זאלכע שיינהייטין אונ עדלע קינדער וואס עס איז גאר ניט צו גלויבין אז זייא זיינען פעהיג דיא קלענסטע ארבייט צו טאן, אונ דאך זיינען דיא עדלע שיינע קינדער דעם גאנצען טאג איינגעשפארט וויא אנ'אקס אין דער סאכע, ווייל יעדע פון זייא ווייס אז זיא מוז זיך אליין פערזארגין, מאנכע פערזארגין זאגאר זייערע עלטערין מיט ברויט.

אויף דיא מענער ערקאנט מען באלד אז זייא גייען פון דער ארבייט, דען זייא גייען ניט געפוצט, יעדער פון זייא גייט אין איינפאכע קליידער וואס

א׳ארבייטער דארף טראגין צו דער ארבייט, פילע האלטין דיא רעק אויף דיא הענד אונ גייען בלויז אין הויזען אונ אין העמדער.

דאס מוז אויך דעם אייראפייאישען מענשען זאנדערבאר ערשיינען, ער קאן גאר ניט פערשטיין וויא אזוי ערלויבט דאס זיך אמאן מיט אקלארין פערשטאנד, געהן אין דער גאס וויא ביא זיך אין צימער, בלויז אין הויזין אונ אין אהעמד, אבער אין אמעריקא איז שוין אזוי איינגעפיהרט געווארין אז איינער פאר דעם צווייטען זאל זיך ניט לאזין דריקען דורך דיא פוסטע ווערטער „עס פאסט ניט" זאנאר אין דיא טהעאטערע זיטצען מענער אהנע רעק ווען עס איז הייס, אין דיזען פרייען לאנד זיינען אלע גלייך אונ קיינער געפינט ניט פאר נייטיג דעם צווייטען רעספעקטירען מיט דיא אייראפייאישע צערעמאניען, וויא צום ביישפיל גיין אנשטענדיג געקליידעט ווען ער קומט צו אבייכין מאן, אדער פאר דעם געלד זאק דעם הוט ארונטער געהמען, זאנאר פאר דעם פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען שטייט מען מיט דעם זעלבין רעספעקט וויא פאר איין אנדער ערעלמאן.

צווישען דיא פילע מיידכענס וואס גייען אין מעדיסאן סטריט זעהן מיר איין מיידכען געקליידעט אין אהעלער וואלענער קלייד וואס איז גענייט נאך דער לעצטער מאדע, אויפין קאפ טראגט זיא אהעלען הוט פערפוצט מיט פערשידענע בלומען, אליין איז זיא זעהר שיין אבער עטוואס בלאסלאך, זיא גייט איינזאם אונ אויף איהרע ליפען ליגט אשמייכיל, וואס בעווייזט אז זיא טראכט וועגין זעהר אנ׳אנגענעהמע זאך.

אלס זיא איז געקומען צו דעם גרויסין הויז 161 מעדיסאן סטריט האט זיא געטראפין ביא דיא טרעפ שטייענדיג דעם זעלבין יונגען מאן וועלכין מיר האבין גיזעהן אין דער רעדאקציאן פונ׳ם „יודישען פערטהיידיגער".

זיסעל? — האט זיא פערוואונדערט געזאגט — וואס טוסט דוא דא?

איך ערווארטע דיך ראזעלע — האט ער מיט רעספעקט גיענטפערט — איך האב געמיינט אז דוא ביזט שוין צו הויזע, אבער דיין טיר איז פערשלאסין, דארום האב איך זיך גישטעלט דא דיך צו ערווארטין.

דוא בעדארפסט מיך אזוי נאטהווענדיג האבן? — האט זיא מיט אפינסטערער ערינסטער מינע גיפרעגט.

יא איך מוז מיט דיר וועגין זעהר אנאטהוועגדיגער זאך ריידין.

נוא רייד זשע.

ניין ראזעלע, ניט דא איז דער פלאטץ פאר אזא געשפרעך, קום ארײן אין דיין צימער וועלין מיר דארט ריידין.

ראזע האט געמאכט אנ׳אונצופרידענע מינע אונ האט וויא ביזגיענטפערט: קום איך גייא אין מיין צימער.

ער איז איהר נאכגעגאנגען זא נידערגעשלאגען וויא אנ׳ארימאן וואס גייט נאך אבייכען מאן אין זיין קאנטאר.

זיא האט אויפגעשלאסען דיא טיהר פון איהר צימער אונ זייא זיינען ביידע אהין אריין געגאנגען .

זיא האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם וויעג שטול וואס דא איז געשטאנען לעבין דעם קליינעם טישעל אונ האט שטריינג געזאגט : נוא רייד וואס פערלאנגסט דוא פון מיר .

ערלויבסט דוא מיר זיך צו זעטצין ?

אט שטייט דאך אשטול זעטץ זיך — האט זיא אלץ בייז גיענטפערט .

ער האט זיך גיזעטצט , האט אויף איהר אקוק געטאן אונ טרערין האבין זיך געשטעלט אין זיינע אויגען .

נוא ? — האט זיא שטאלץ געפרעגט — דוא וועכט מיר ניט זאגין וואס דוא פערלאנגסט פון מיר .

איך מוז דיר זאגין ראזעלע אז איך ערקאן דיך גאר ניט — האט ער מיט אציטערענדע שטימע געזאגט — ניין , דוא ביזט ניט דיא זעלבע זאנפטע ראזע וואס איך האב גיקאנט אין רוסלאנד .

אהן פאעזיע ! — האט זיא בייז געזאגט — דוא ווייסט דאך אז אמעריקא איז אלאנד פון ארבייט אבער ניט פון פאעזיע

איך גלויב פאר קערט — האט ער גיענטפערט — אז אין אמעריקא מוז מען זיך נור מיט פאעזיע בענוטצען , דען ווען מען זאל דא ריידין פראזע מוז מען דיא גאל אויס ריידין ...

איך הער נאך אלץ פון דיר קיינע דייטליכע ווארטין , זאג מיר קורץ אונ שארף וואס פערלאנגסט דוא פון מיר ?

נאך דיין טאן מיט וועלכין דוא רעדסט יעצט מיט מיר אונ נאך דיינע ווערטער ווייזט אויס אז איך האב נור דאס רעכט צו דיר צו קומען מיט אפערלאנג אבער ניט אזוי אלס פריינד פון דער אלטער היימאטה .

יעצט זיינען מיר אין אנייער היימאטה מוזען מיר דער אלטער מיט אלע איהרע עראיינגנישע אונ נארישקייט פערגעסין — האט ראזע שארף גיענטפערט .

איך געפין קיין אורזאכע ווארום מיר זאלין אונזער אלטער פריינדשאפט פערגעסין , דיא וועלט זאגט דאך אוועקטיל : אלטע ליבע ראסטעט ניט .

דאס איז אלץ פון דיינע פוסטע פאעזיע , איך וויל פון דעם ניט הערין .

ראזע ! — האט זיסעל דארף מיט אפלעהענדע שטימע גיזאגט — געדיינקסט דוא דיא שבועה וואס דוא האסט מיר גיגעבין אלס דוא ביזט גיוועזען אין הארידאק : אז דוא וועסט מיך עוויג ליבען .

ניין איך געדיינק ניט — האט זיא גיענטפערט אבווענדענדיג איהר געזיכט אן אנייט .

אזוי ? דוא געדיינקסט דאס ניט — האט ער ספאטיש געזאגט — דאס איז אלץ דער פאר וואס איך פערדין יעצט קיין געלד אונ גייא ניט פראנטיש געקליידעט . דוא דארפסט אבער ניט פערגעסין אז איך בין נאך איינער מאן .

וואס

וואס אין צוקונפט איז פאר מיר בעהאלטין קאנען מיר ביידע ניט וויסען .

פון מיינט וועגין מאג פאר דיר אין צוקונפט ליגען בעהאלטין קרחס אוצרות ארט דאס מיך ניט .

ווילסט דוא טאקע פון מיר מעהר ניט וויסען ?

ניין !

איך וועל דיר צוליב טאן אונ וועל שוין מעהר צו דיר ניט קומען , ביזט דוא דאמיט צופרידען ?

זעהר צופרידען .

נוא אסוף , מעהר וועסט דוא מיך שוין בייא דיר ניט זעהן , אבער אקליין שטיקעל טובה מאג איך יא בייא דיר בעטין ?

וואס איז דאס פאר אטובה ?

מיין פאטער מוז מארגין אריין גיין צו אגרויסין מאן , זיינען זיינע שטיפעל אזו צו ריסען אז עס איז אונמעגליך אין זייא צו גיין , וויל איך דיך בעטין דוא זאלסט זא פריינדליך זיין אונ מיר לייען איין דאלאר איך זאל איהם קאנען קויפען נייע שיך .

דיינע שוועסטער פערדינען דוכט זיך אויך געלד

מעהר ארבייט היינט ניט וויא מיין עלטערע שוועסטער דבורה , ווייל דיא איינגערע איז ניט געזונד , דבורה פערדינט פינף דאלאר אוואך , פערשטייסט דוא דאך וואס פאר אבעטרעף פינף דאלאר אוואך האבין פאר אפאמיליע , דער פון מוז מען צאלין רענט (דירה געלד), דער פון מוז מען עסין טרינקען בעהייצין אונ זא ווייטער .

פאר וואס זשע פערדינסט דוא קיין געלד ניט ?

דאס טוט מיר אליין אויך זעהר לייד , אבער איך קאן דאצו גאר ניט העלפין , איך פערדין ניט אונ איך קאן דער ווייל ניט פערדינען , אבער איך פערזיכערע דיר אז דיין דאלאר וועט זיין גאנץ , איך זעלבסט וועל דיר איהם אב געבין .

איך האב פאר דיר קיין דאלארס ניט .

נוא פרעג איך דיר איז דאס ניט אשאנדע , מען זאל פון אנ׳איינגענעם מענטשין אזא קליינע טובה ניט ערהאלטין

דאס איז דאך דיין פעהלער זיסעל וואס דוא בעטראכסט מיך אלץ אלס אנ׳איינגענעם מענשין , איך בין אבער מיט דיר קיין מחותנתטע ניט .

דוא ביזט זעהר שלעכט געווארין ראזע .

אלץ איינס וועט צווישען אונז קיין שידוך ניט זיין .

דאס ווייס איך , ווייל דיר גיפעהלט דייוויס קאצין , דער פראנט מיט דעם גאלדענעם זייגער וואס ער האט גענומען אויף אויסצאלין .

פרווו דוא געהמען אזייגער אויף אויסצאהלין וועט מען דיר ניט געבין .

און טאקע נור דער פאר אליין וואס ער קאן אזא גליק יא ערדרייכען האסט דוא איהם אויף דיין הערץ געשיינקט .

דאס איז ניט דיין גישעפט , מיין הערץ גיהערט צו מיר אליין , ווערמען איך וויל דעם וועל איך עס אוועק שיינקען .

און דוא גלויבסט אז דוא וועסט פאר דעם פראנט אין גאלדענעם זייגער גליקליך זיין ?

וואס איך מיין און וואס איך דיינקע איז ווייטער ניט דיין גישעפט .

געדיינק ראזע דוא זאלסט שפעטער ניט בערייהען דאס וואס דוא בעהאנדילסט מיך אזוי גרויזאם ? איך בין נאך ניט קיין פערפאלענער מענטש , איך האב דאס רעכט צו האפין אויף גליק גלייך מיט אלעמען .

אבער זאג מיר זיסעל וואס האסט דוא זיך געזעצט מיר דולען דעם קאפף , איך בין ערשט געקומען פון דער ארבייט מוז איך רוהען .

איך צווייפעלע ניט אז ווען דייוויס קאצין זאל צו דיר יעצט אריין קומען וואלסט דוא זיך ניט בעקלאגט אז דוא ביזט מיעד .

יא איך זאג עס דיר אפען אז דייוויס קאצין איז מיר איטער זעהר וויל־קאמען ווייל איך ליעב איהם , דוא אבער פאלסט אויף מיר נור צו לאסט , ווייל איך האסע דיך , דוא פערשטייסט , דא האסט דוא קאפוליער אנצוהעריגש , און מאך איך זאל בלייבין אליין ...

זיסעל איז בלאס געווארין , ער איז נאך איניגע מינוטען שטום געזעסין , ענדליך איז ער אויפגעשטאנען , האט זאגאר קיין גוט נאכט געזאגט און איז ארויס געגאנגען , וויא ער איז נור אויף דער צווייטער זייט טיהר געשטאנען האט ער גיהערט וויא ראזע האט פון אינווענדיג דיא טיהר צו געשלאסין .

יעצט מוז שוין צו דער ליבע וואס איך האב צו דער הערצלאזער ראזען געפיהלט אן ענדע נעהמען — האט זיסעל צו זיך אליין געזאגט — פערגעסין יא אויף אימער פערגעסין וועל איך זיא

ד׳.

אין דער יודישער גהעטא .

לודלאוו סטריט , דאס איז אזא גאס וואס דער מאהנט דעם רוסישען יודען אין אמעריקא זיין אלטע היימאטה , דען דא זעהט ער זיך מיט אלע זיסע זאכין וואס ער איז פון זיין פריהעסטער יוגענד געוואהנט געווארין צו זעהן אין זיין געבורטס שטאדט .

ער בעגעגינט דא פערשמוצטע יודענעם סוחרטעס וואס רייסין דיא קונים ביי דיא פאלעס צו קויפין זייערע סחורות . ער זעהט דא יודען אין דיא אלט מאדישע ליטווישע קאסטיומען טראגענדיג געפיקטע (איבער געניצעוועטע)

קליידער אויף דיא הענד אונ ערמונטערנד דעם פובליקום מען זאל ביא זייא קויפען מציאות. מען זעהט דא בוכהאנדלונגען מיט שילדען וואס אויף זייא שטייען אנגעשריבען מיט גרויסע יודישע ווערטער „ספרים תפילין ומזוזות". דא איז נאך אנדערער רעש, אשטארקערער טומעל וויא אין ווילנא אויפן שולהויף, מען געפינט דא פון אלע סארטען סחורות פון אטייערען גאלדענעם זייגער ביז אביסעל צומאלענע חריין, פון דעם טייערסטען שפיגעל ביז אפעקיל שוועבעלאך, זאגאר קעשענע גנבים פעהלען דא ניט, זייא בענוצען זיך מיט דער איינגשאפט וואס היער איז אימער, אום אריין צו שיקען זייערע לאנגע פינגער אויף אוויזיט אין אפרעמדער קעשענע.

בעזאנדערס באגעגינט מען זיך אין דיא הייזער מיט דעם אלט באקאנטען שמוטץ פון דער אלטער היימאטה, אויף אלע טרעפ זיצען קינדערלאך זאלין געזונד אונ שטארק זיין אין פערדריפעטע העמדלאך מיט נאך מעהר פערדריפעטערע בעקעלאך אונ שפילען זיך אין אלע שפילעריען פון זייער מוטערלאנד, דיא דירות אין דיא גרויסע הייזער פון דער גאס זיינען ריכטיג וויא קלעטקעס פאר היענער, קליינע איינגע שמאלע אונ פינסטערע, אין קיך מוז בעשטענדיג ברענען פייער וויל דיא איינציגע פענסטער וואס אקיך האט איז פערשטעלט מיט אגרויסער וואנד פונ'ם צווייטען מויער, קיין הויפען זיינען ביא דיא הייזער ניטא, וויל אין דער גאס איז יעדער שפאן פלאטץ זעהר טייער, דאס איז אמסחר גאס, דארום זיינען אלע הייזער געבויט איינס אינ'ם אנדערן.

יעדעס הויז איז הויך פון פיער ביז זעקס שטאק (עטאזש) וואס העכער איז דיא דירה געלד ביליגער, דארום זיינען דיא אויבערשטע דירות בעשטענדיג פערנומען מיט יודען פון דער ארימסטער קלאסע, אונ אבוואהל דיא נויארקער פאליציא בעאמטע גיבען שטארק אכטונג איבעראל זאל זיין ריין אונ ציכטיג, אבער אוים צו ראמען דעם שמוטץ פון דיא הייזער אין לודלאו סטריט, האבין זייא קיין קראפט, וויל דאס איז אזא לאבערינט וואס מען קאן אין איהם קיין טאלק דער גיין, אויסער דעם האבין דיא איינוואהנער פון דיא הייזער, בעזאנדערס דיא לענדלארדס (בעלי בתים) שכל צו פערשמירען דיא אויגען פון דיא פאליציסקע זייא זאלין אויף זייער שמוטץ ניט קוקען.

דיא לעזער מוזין זיך בעמיהען מיט אונז ארויף צו גיין אויף דעם פירטען שטאק פון נומער 115 לודלאו סטריט, נור עס שאדעט ניט ווען מיר וועלין מיט זיך נעהמען איינגע צינדהעלצעלעכם, דען אין קארידאר איז אין מיטען העלען טאג זא פינסטער וויא אין מיטען דער נאכט, דיא לופט פון דעם קארידאר איז זא פערשטיקט, דאס פאר דעם פרישען מענטשין וואס קומט ערשט פון דער גאס איז זיא אונערטרעגליך, פאר דעם פייער פון אונזערע צינדהעלצעלעכם ווערדען מיר זעהן עטליכע טיהרען, צוויא זיינען גענומערירט 20 אונ 22 דאס בעווייזט אז אין דעם הויז געפינען זיך 22 דירות אין וועלכע עס וואהנען 22 פאמיליעס.

מיר וועלן אבער קומען אין דעם № 21.

באלד ווי מיר קומען אריין זעהן מיר אפינסטער צימער בעלייכטעט דורך אקליינעם לאמפּ, אין דיזען צימער שטייט אנ׳אייזערנער צובראכענער אויווין, אין איין ווינקעל זעהט מען אקראן איבער אסינק, דאס איז געמאכט אין דער פארעם פון אקעסטיל מיט אנ׳אייזערנעם דעק פול מיט לעכלאך ווי אזיפּ, דער קראן בעזארגט דער פאמיליע מיט וואסער, אונ דורך די לעכלאך גיסט זיך אראפּ די שמוציגע וואסער וואס מען גיסט אהין אריין נאכדעם אז מען ריינגט עטוואס אדער מען וואשט זיך אליין איין, צוטרעטין צו דעם סינק איז אונמעגליך, ווייל די מענשין וואס וואהנען דא בענוצין איהם, אהין אריין צו גיסען דעם גאנצין שמוטץ וואס זיי גיבען אליין פון זיך ארויס...

רעכטס איז דא אטיהר וואס פיהרט אין אפינסטערין בעד-רום (שלאף צימער), אונ לינקס איז פאראן אטיהר וואס פיהרט צו דעם איינציגען ליכטיגע צימער פון דער דירה, דאס איז אקליין פירקאנטיג צימעריל מיט צוויי קליינע פענסטער, ארום איין פענסטער איז געמאכט געוואר: פון דרויסען אנ׳אייזערנער באלקאן מיט אפירקאנטיגער גרויסער לאך אין וועלכער עס לאזט זיך אראפּ אלאנגער אייזערנער לייטער ביז צום ערשטין שטאק, דער לייטער איז געשטעלט געווארין זיך דורך איהם צו רעטין אין דער צייט ווען אין דעם הויז ברעכט אויס אפייער.

דאס מעביל פון דעם לעצטין צימער בעשטייט אויס אקליינעם טיש, אשווארצע זאפע אונ איניגע איינפאכע שטולען, פרובט זיך נור זעטצין אויף איינעם פון די שטולען, אדער אויף דער זאפע, וועט איהר באלד אנהייבין זיך ניט ווילענדיג צו קראצין, אונ אז איהר וועט אויף זיך אקוק טאן וועט איהר זיך געפינען באדעקט מיט וואנצין אדער מיט זשוקעס.

ריכטיג ווי די דירה זיינען די אלע 41 דירות וואס געפינען זיך אין דעם הויז, איינע איז ניט גרעסער אונ ניט קלענער פון דער אנדערער.

מיר זעהען אין דער אבענגענאנטער דירה № 41 אלייבענבלאסען מאן פון אונגעפעהר פופציג יאהר, ער זיצט נעבין פענסטער אונ נייט אין קנעפלאך אין אנ׳אלטען ראק, ביי דער זאפע שפילען צוויי יונגע קינדער אין צייכין, אמיידכען פון אציאהר 15, אויך אבלאסע אונ אקרענקליכע זיצט נעבין טיש אויף וועלכין עס ליגען אויפגעהויפט אסך נייע האלזטיכליך אונ זי נייט צו ווייא צו קליינע נומעלאסטלאך, אין קוך דרייט זיך ארום אפינסטערע שמוטציגע יודענע אונ מוטשעט זיך שוין פון אהיבשע צייט אין אויווין די שטיין קוילין אן צו צינדען, קיינער רעדט קיין ווארט אויסער די קליינע צוויי מיידעלעך וואס שפילען אין צייכין ריידין מאנכעס מאל אויס אפּאר ווערטער וואס זיינען באטהרענדיג צו זייער שפיעל.

פון אונטען האט מען גיהערט אלאנגען פייף אונ אמייזערינען געשריי א־אן דא־ף.

אהרן ! דוא הערסט ? — האט דיא יודענע פון דער קוך אנגעשריא געטאן — מען האט אונז ווייטער געבראכט אבריעף , דער פאצטעליאן פייפט אונ רופט דיין נאמען .

גייא הנהלע ארונטער אונ נעהם ביא איהם צו דעם בריף — האט דער יוד וואס האט איינגענומען דיא קנעפלאך געזאגט צו דעם 15 יאהריגען מיידכען ·

דאס מיידכען איז שנעל ארויס געלאפין .

פון וועמען קאן דאס יעצט זיין אבריף ? — האט דיא פרויא געפרעגט .

איך ווייס ? — האט אהרן גיענטפערט — מיר וועלין באלד זעהן ·

אפשר איז דאס ווייטער פון יענעם גביר .

ניין עס קאן ניט זיין , ער האט דאך מיר איין מאהל אנגעזאגט איך זאל מארגין אום צעהן אוהר ביא איהם זיין , וואס נאך האט ער מיר צו שרייבין .

נוא אונ דוא וועסט טאקע מירצע שעם מארגין גיין צו איהם ?

עס פערשטייט זיך אז איך וועל גיין .

דוא גייסט דאך אבער אין צוריסענע שיך .

נוא וואס קאן איך העלפין , איך מוז גיין חאטש אין דיא צוריסענע שיך , אקשיא אויף אמעשה , אפשר וועל איך פון דעם גביר האבין אשטיקעלע ישועה (הילף) .

וואס ? דוא גלויבסט טאקע אז אזו אגרויסער גביר וועט דיר טאן אטובה ?

פאר וואס זאל איך ניט גלויבען , דוא האסט דאך גיהערט וואס מען דער ציילט זיך אן פון איהם , אז ער איז זעהר אגרויסער בעל טובה , ער האט שוין הונדערטער מענשין פון גרעסטין אונגליק גירעטעט .

טאטע ! אבריף פון הארידאק ! — האט הנהלע העכסט ערפרייט אגעשריא געטאן אריין לויפענדיג מיט אבריף אין דער האנד , זעה דאס איז ארוסישע מארקע אונ ארום איהר שטייט דער נאמען הארידאק .

יא דאס איז טאקע פון הארידאק — האט אהרן געזאגט נעמענדיג דעם בריף אין דער האנד אונ לעזענדיג דיא אדרעסע · אבער — האט ער ווייטער מיט אן אונצופרידענער מינע געזאגט — דאס איז ניט צו מיר זאנדערין צו זיסלען .

צו זיסלען ? — האט ספרינצע אויך אונצופרידען געזאגט — ווער קאן דאס צו איהם שרייבין , עפין אויף אהרן דעם בריף , דא מוז דאך עפעס שטיין נייעס פון הארידאק .

אהרן האט גיעפינט דעם בריף , האט אקוק געטאן אויף דער אונטער שריפט אונ האט געזאגט : דאס איז פון יודעלען

פון יודעלען ? איך בין זעהר נייגיעריג צו וויסען וואס שרייבט ער , ער האט שוין חתונה געהאט מיט מאליע ראזענהויז , אין דעם בריף וואס ער האט מיט דרייא חדשים צוריק געשיקט האט ער געשריבען אז ער איז אחתן געווארין פאר מאליען .

אט וואס דיר ליגט אין קאפף פאר נארעשקייט — האט אהרן מיט כעס

געזאגט — מעהר פעהלט איהר ניט וויא נור צו וויסען אזעלכע גייטיגע זאכין, צו האט יודעלע יא חתונה געהאט צו ניט, דס איז טאקע מיין באבעס דאגה.

דער ווייל בין איך דאך נאך ניט געשטארבין — האט זיך ספרינצע פער־טהיידיגט — איך בין נאך אלעבענדיגער מענש אונ כל זמן דיא זינדיגע נשמה שטעקט נאך אין דעם זינדיגען מענשין געלוסט זיך צו וויסען וואס עס טוט זיך אין דער וועלט, בפרט אין הארידאק. נוא דוא לייענסט דעם בריף?

שפעטער, איך וועל איינגייען דיא קנעפלאך:

נעהם חנהלע דוא לייען מיר איבער דעם בריף — האט ספרינצע געזאגט ארוים רייסענדיג דעם בריף פון איהר מאנס האנד אונ איהם איבערגעבענד דער טאכטער.

חנהלע האט דעם בריף גיעפינט אונ האט אין איהם געלעזין פאלגענדע ווארטען:

מיין בעסטער פריינד זיסעלע!

שוין באלד צעהן מאנאטען אז מיר האבין זיך ניט גיזעהן ליבער פריינד, צעהן מאנאטען! מיר ווייזין זייא אוים וויא צעהן יאהר, איך מוז דיר זאגין זיסעלע אז וואו איך קוק מיך ארום פעהלסט דוא מיר, א מיין איינציגער גוטער פריינד פאר וועלכין איך האב גיקאנט בעשטענדיג מיין הערץ אויס גיסען, דוא ווייסט דאך אז אין אונזער שטעדטיל האב איך מעהר שונאים אלס גוטע פריינד, אונ דיא כלומרשט גוטע פריינד זיינען אזעלכע וואס איך קאן מיט זייא קיין צווייא ווארטין אוים ריידין.

איך האב דיר ליבער פריינד אהיבש ביסעל נייעס מיט צוטהיילען, נייעס וואס וועלין דיך געוויס איבער ראשין.

ערשטינס מעלדע איך דיר אז מיין אונגליקליכע מוטער אסתר איז מיט דרייא מאנאטען צוריק געשטארבען.

אסתר איז געשטארבין? — האט ספרינצע אויס געשריען — ברוך דין האמת! נעביך, אנ'אמתע כשרה יודענע גיוועזן, זיא איז בעשטענדיג גיוועזן מיין בעסטע פריינדין, זאל זיא דארט זיין אגוטע מליצה פאר אונז, דוא הערסט אהרן? אסתר גרונם'ס איז געשטארבין.

נוא מה רעש! — האט אהרן גיענטפערט אריינציהענד אפאדים אין דער נאדעל, געשטארבין איז געשטארבין, מיר וועלין איבער הונדערט אונ צוואנציג יאהר אלע שטארבין.

לייען ווייטער חנהלע — האט ספרינצע געזאגט אוים ווישענד אפאר טרערין פון דיא אויגען.

חנהלע האט געלעזין:

מיין אונגליקליכע מוטער וועלכע האט אביטער פינסטער לעבין פערבראכט וויא דיר איז באקאנט האט דער וועלט דעם לעצטין „זייא געזונד" געזאגט, אבוואהל פאר איהר איז דער טויט פיהל בעסער גיוועזן אלס איהר לעבין, דען

זיא איז געוועזן אקראנקע אשוואכע אונ האט בעשטענדיג גרויסע שמערצין געליטען, פון דעסט וועגין קאן איך מיך ניט טרייסטין אונ מיינע אויגען טריקענען מיר ניט אז איך דער מאהן זיך אן איהר, בעזאנדערס קאן איך ניט צוקוקען דיא שמערצין פון מיין גראס פאטער גרונם, וועלכער איז געבליבען גאנץ אליין, וויא מיינע מוטער איז געוועזן אקראנקע שוואכע פרויא פון דעסט וועגין האט זיא דעם אלטען געפלעגט וויא אגוט צערטליך קינד, זיא האט מיט איהם געטיילט לייד אונ פרייד, אבער אז זיא איז פון איהם אבגעריסען געוואָרין איז ער געבליבען איינזאם וויא אקערפער אן אזעלע.

וואס מיך אנבעלאנגט בין איך אויך ניט בעדיידענסווערטה, איך האב געהייראטעט מיט מיין ליבער מאליאן, דיא גאנצע שטעדטיל האט מיר מקנא געוועזן, אלע האבין געמיינט אז איך פאל אריין אין איין שמאלץ גרוב, דען מען האט געגלויבט אז מיין שוויגער פאטער שלמה ראזענהויז איז איוד אגביר אונ מיר וועט בייא איהם ניט פעהלין פון פייגעל מילך, עס האט זיך אבער גאנץ אנדערם אויס געלאזט, באלד נאך מיין חתונה האט מיין שוויגער פאטער באנקראטירט, אלעס וואס ער האט פערמאגט האט מען פון איהם אבגענומען אונ ער מיט זיין פאמיליע זיינען געבליבען זעהר אין אטרויעריגע לאגע, זעלבסט פערשטענדליך אז בייא אזא אונגליק קאן איך מיט מיינע פרויא זיך ניט אנוואַרפין אויף איהם צו לאסט, דארום האב איך פאר מיין פאמיליע, עס הייסט פאר מיר מיט מיין פרויא אונ מיין אלטען גראס פאטער געדונגען אבעזונדער וואהנונג אונ מיר לעבין וויא מען זאגט „פאר זיך", דעם נדן וואס מיין שוויגער פאטער האט מיר פערשפראכין האב איך אין דיא אויגען ניט געזעהן, מיין גליק איז נאך דאס וואס איך האב געהאט אביסעל אייגענע געלד פון דיא וואס איך האב פערדינט פון דיא בילדער וואס איך האב געמאלט, אבער אויך דאס ביסעל געלד וועט זיך באלד אויס שעפען, אונ וואו צו פערדינען פריש געלד זעה איך ניט ארויס קיין פלאטץ, הכלל ברודער עס איז שלעכט אונ ביטער אזוי ביטער אז איין גאט זאל רחמנות האבין, דאצו איז מיינע פרויא מאליא ניט געזונד צייט נאך אונזער האכצייט, זיא מוז זיך קורירען, דיא ערצטע האבין איהר געהייסין פארין אין דיא בעדער, אבער דאס דארף קאסטין געלד.

נאך דער קורצער שילדערונג קאנסט דוא פערשטיין זיסעלע אז מיין לאגע איז ניט בעניידענסווערטה, איך האב זאגאר ניט אזא גוטען פריינד וועמען איך זאל קענען מיינע ליידין ערציילין, עס איז ניטא ווער עס זאל מיר חאטש מיט אזיפטץ העלפין, וואוהין אריין צו גיין איז ניטא אונ אין שטוב איז גאר שרעקליך, דען דארט זעה איך פאר זיך דאס טרויעריגע פערצווייפעלטע געזיכט פון מיין אלטען פאטער אונ דאס קראנקע בלאסע געזיכט פון מיין פרויא.

מיין מאליא איז דיא לעצטע צייט זעהר קאפריזנע געווארין, עס קאן זיין אז דאס איז פון דעם וואס זיא איז ניט געזונד, איך האב פון איהר גרויסע

שמערצין, זיא קאן ניט ליידין וואס איך האלט בייא זיך מיין אלטען ארמען גראס פאטער, זיא איז אין כעס דער פאר וואס איך פערדין קיין געלד ניט, זיא איז אונצופרידען מיט זיך אליין, קורץ גירעט מיר איז ביטער פון אלע זייטען.

שרייב מיר ליבער פריינד צו איז פאר מיר פיליכט אפלאן איך זאל פארין נאך אמעריקא, צו גייט דארט אן מיין קונסט מאלען בילדער, צו קאן איך דארט מאכין אן אנשטענדיג לעבין, שרייב דאס מיר וואס גיכער כל זמן איך האב נאך געלד אויף דיא אויסגאבען וואס אזא וייטע רייזע פארדערט, שפעטער וועט מיר אונמעגליך זיין אזא רייזע צו מאכין.

וואס זאל איך דיר וייטער שרייבין ליבער פריינד, בייא אונז אין הארידאק איז קיין בעזאנדערע נייעס ניטא, אלע קלאגין זיך אויף דער שלעכטער צייט. זאגאר חאצקעלע דער בעל טקסא איז שוין ניט דאס וואס גיוועין, צייט זיין איידים יוסעל קלאפ האט איהם בעגנבעט אונ איז אנטלאפין געווארין איז ער עס הייסט חאקצעל אגרויסער קבצן געווארין, ער האט שוין ניט דעם שטאלץ וואס פריער, אבער איזער פאמיליע איז ער אלין אשונא אין לעבין, קאן ער מיך אבים טאן בייסט ער, אבער ער איז שוין אבייזער הונד אן ציין.

איך האב נאך אשטיקעלע האפענונג אויף רעטונג, געוויס ווייסט דוא אז איך האב אין ארעססא אבייכע מומע איהר מאן זימעל בלאך איז אגרויסער גביר אונ שפילט דארט אגרויסע ראליע, זיא האט זיך צו אונז עס הייסט צו איהר פאטער צו מיין מוטער אונ צו מיר ביז אהער זעהר אונפריינדליך געוויזען, איך דארף דאס דיר ניט ערציילין, דוא ווייסט אז זיא פלעגט מייגען גראס פאטער שיקען איין רובעל אויאך אונ האט נאכהער דאס אויך אויפגיהערט צו שיקען, דאך האב איך מיך געפרובט איהר אבריף שרייבין אין וועלכין איך האב זיא אנגעפרעגט פיליכט קאן איך אין ארעססע בייא איהר מאן בעקומען אשטעלע, איך ערווארטע דיא טעג איהר אנטווארט, עס קאן זיין אז זיא איז מיט דער צייט בעסער געווארין אונ זיא וועט מיך א־ויס נעמען צו זיך, אבער אלענפאלס שאדעט ניט דוא זאלסט מיר שרייבין וועגין אמעריקא וויא איך האב דיך גיבעטין.

יא נאך אוויכטיגע זאך האב איך דיר פערגעסין צו שרייבין וועגין דער יונגער גרעפין קארמעליע טאבאלסקי.

דוא ווייסט מעהר פון אלעמען ליבער זיסעלע וויא איך האב פאסט מיין לעבין אויפגעאפפערט אום פון איהר אראפ צו ווארפין דיא שרעקליכע בעשולדיגונג וואס איהר שטיף מוטער עליזאבעטהע האט אויף איהר ארויף געליינט אז זיא האט איהר קינד ערמארדעט, דוא געדיינקסט וויא איך האב ניט געגעסין ניט געשלאפין אונ ניט גערוהט אום איהר אונשולד צו בעווייזען, אונ איך קאנ מיך ריהמען אונ זאגין אז נור מיר האט זיא צו פערדאנקען וואס זיא

אין

איז בעפרייט געווארין פון געפיינקעניס אונ איז געווארין דיא ערבין פון איהר פאטערס נאכלאס, איך האב דיר שוין געשריבען וויא זיא האט מיך בעלאהנט פאר דער דינסט וואס איך האב איהר ערצייגט צוליב איהר פערוואנדעטען אגעוויסער נראף מארטינאוו וועלכער האט זיך צו איהר געשדכינט האט זיא מיך צו דעם באאל וואס זיא האט געמאכט לכבוד איהר בעפרייאונג פון געפיינקעניס ניט אריין געלאזט, פון דאמאלס אן האב איך זיא אויס געווייכט וויא דיא פעסט אונ האב זיך מיט איהר ניט געוואלט באגעגענען, דאך האב איך געמיינט אז דאס געוויסען פלאגט איהר דאפיר וואס זיא האט מיר זא גראב בעהאנדילט, ענדליך אבער האב איך זיך איבערצייגט אז דער אנטיסעמיט נראף מארטינאוו וועלכער איז איהר חתן געווארין, האט אויף איהר אזוי געווירקט דאס זיא איז אזא אנטיסעמיטין געווארין וויא ער אליין, זיא לאזט קיין יודען אין איהר שלאס ניט אריין, אונ אנשטאט דעם וואס פריער איז ביי איהר דער יוד אויף איין שטופע געשטאנען מיט דעם קריסט רעדט זיא היינט אויס אויף דיא יודען וואס נור אשלעכטער צונג קאן ריידין, איינינע מאהל האב איך זיך דורך אצופאל מיט איהר באגעגינט איז זיא רויטה געווארין אונ האט זיך געמאכט וויא זיא זעהט מיך ניט, לויט איך פערשטייא קאן זיא דער פארזעהונג ניט פערצייהען דיא זינדע וואס זיא האט איהר געשיקט דיא הילף דורך איודען. דיזע וואכע וועט געפייערט ווערין איהר האכצייט מיט דעם אנטיסעמיט מארטינאוו.

איא דאס איז שיין? אונ נאך דיא אלע זאכין זיינען דיא יודען דאס פערדארבענסטע פאלק אונטער דעם הימעל

איך ערווארטע מיט אונגעדולד דיין אנטווארט, נעריס דיינע עלטערין אונ דיין גאנצע פאמיליע אין מיין נאמען, שרייב מיר וויא געהט דאס אייך אלעמען אין דער פרייער אמעריקא, בעזאנדערס וויא גייט עס דיר.

איך פערבלייב דיין עוויג געטרייער פריינד

יודעל פיינהערץ.

אט האסט דוא דיר! — האט ספרינצע אויס געשריען אלם חנהלע האט דעם בריף גיענדיגט — זעהסט דוא שוין אהרן אז פאר דעם אונגליק קאן מען זיך ניט אויס בעהאלטין, דארף מען בעסער וויא שלמה ראזענהויז איז נישטאנען, מען האט דאך געמיינט אז דער כלל, ער איז גליקליך אונ ער וועט זיין בעשטענדיג אגליקליכער מענטש, צום סוף האסט דוא דיר, איז ער גאר געווארין אקבצן אונ זיין שיינע מאליע איז קראנק, איך זאג דיר אהרן אז הלעבין עס איז זעהר אפאסקודנע וועלט, פע! חלשות פאלט צו אז מען זעהט וויא מענשין האבין בסדר צרות מיט צרות

זיא האט נאך דיא ווארטען ניט גיענדיגט, האט זיך דיא טיהר אויף געעפינט אונ זיסעל איז אריין געקומען זעהר מונטער מיט אנייע פאר שטיוועל

(אמ"ג) אין

אין דיא הענד . טאטע ! — האט ער פרייליך אנגעשריא געטאן — דא האב איך דיר געבראכט אפאר נייע שטיוועל .

וואו האסט דוא גענומען געלד זיא צו קויפען ? — האט ספרינצע גיפרעגט .

דוא ווייסט גאר ניט טרעפין מאמע — האט זיסעל גיענטפערט — דוא געדיינקסט דאס שיינע מיידעל בערטהא שטאלץ וואס איז מיט אונז אויף איין דאמפפער געפאהרען אהער .

דיא הייבע מיידעל דיא בלאנדינקע ? — האט ספרינצע געפרעגט .

יא יא , טאקע דיא מיין איך , זיא האט מיר יעצט געליהען דרייא דאלאר .

וואו האסט דוא זיא גיזעהן ? — האט אהרן גיפרעגט נעהמענדיג דיא נייע שטיוועל אין דיא הענד .

איך בין גיוועזן בייא איהר אין קווארטיר .

לאנג לעבין זאל זיא — האט ספרינצע געזאגט — זאל דאס איהר זיין צו מצוה . איך בין חלעבין איהר מקנא דיא עולם הבא וואס זיא האט זיך געקויפט דורך דער מצוה . יא איך האב דיר גאר פערגעסין צו זאגין זיסעלע אז דיין חבר יודעלע האט דיר אבריף געשיקט .

פון יודעלען אבריף — האט זיסעל איבערראשט גיפרעגט , וואו איז ער ?

נא אט האסט דוא איהם — האט חנה גיענטפערט איהם איבערגייבענד דעם בריף וואס זיא האט ערשט געלעזין .

זיסעלע האט דעם בריף מיט אזא פייער אהאפ געטאן ריכטיג וויא ער זאל אגרויסע גענויגס ערהאלטין .

ה׳.

אנ׳אונערווארטעטעס גליק .

פון דער פינסטערער דירה אין לודלאוו סטריט , וואס זיצענדיג דארט מיינט מען אז קיין גליק איז גאר אויף דער וועלט ניטא , וועלין מיר אונזערע לעזער אריין פיהרען אין דעם № 250 פינפטע עוועניו .

דיא הייזער פון דיזער פראכטפאלער גאס בילדען אמערקווירדיגען קאנט= ראסט (היפוך) געגין דיא הייזער וואס שטייען אין לודלאוו סטריט , דאס אויג ווערט ניט זאט קוקענדיג אויף דיא זעלטענע שיינע געביידין פון דער פינפטער עוועניו , וואו מען ווארפט דעם בליק זעהט מען נור פראכט אונ גלאנץ , רייכטום אונ לוקסוס , דיא גאס אליין איז זא ריין זא רייצענד , דאס ווען מען קומט אין איהר אריין מיינט מען אז מען איז אין אגן עדן אריין געקומען , יעדער שטיינדעלע יעדער שטאקעטיל קוקט אונז ענטגעגין זא לעבענדיג זא מונטער דאס מען מוז ניט ווילענדיג אויפטין טאן אונ זאגין : וואמיט האבין דיא בעוואהנער פון דיזער גאס זוכה גיוועזן אזא גליק דא צו וואהנען .

אין דיזער גאס וואהנען דיא רייכסטע לייט פון נויארק, אין דיזע הייזער ליגען מיליאנען, דער לוקסוס פון דיא איגערליכע איינריכטונגען זיינען קיינעליך.

וואס קאנען מיליאנערין ניט אוים פיהרען, זייא האבען אוים געפיהרט דאס אין דיזער גאס זאל זאגאר קיין פערדבאהן ניט דורך געהן (פון אנ'עליוועטאר *) איז קיין רעדע), אום זייערע פאמיליען זאלין פון זייער רוהע ניט גישטערט ווערין דורך דאס געפראסקעל אונ דעם גערויש פון דיא באהנען.

דאס הויז № 250 געהערט צו אונזער באקאנטען בערנארד בעררינגטאן, מיר האבען שוין אין דיא ערשטע קאפיטלאך דער מאהנט אז דאס הויז איז איינס פון דיא שענסטע הייזער אין דער פינפטער עוועניו, יעצט בלייבט אונז איבער אונזערע לעזער אריין צו פיהרען אין מיסטער בעררינגטאנס קאבינעט, דען ווען מיר זאלין דארפין דורך גיין אלע סאלאנען אונ צימער פון דעם פאלאסט וועלין מיר זיך געוויס ניט זא שנעל קאנען אפרייסין פון צו בעטראכטען דיא אנטיקען וואס געפינען זיך אין זייא.

אבער אויך אין דעם קאבינעט איז דא וואס צו זעהן, דיא ווענט זיינען געמאכט פון ווייסען מארמאר אונ זיינען אין דער הייך בעמאהלט מיט אזעלכע פיגורען וואס ציהען צו זיך דיא אויגען פון יעדין פרישען מענטשין וויא מיט טויזענד מאגנעטין צו, דיא פיער גרויסע פענסטער וואס געפינען זיך דא זיינען קונסטפאל געארבייט, אונ זייערע גלעזער זיינען פון פערשידענע פארבין אונ אזו צוזאמען געשטעלט דאס ווען דיא זאנע שיינט אין זייא אריין זעהט מען ברענענדע בלומען, דאס ווייניג מעביל וואס דא שטייט איז איין אנטיק גרעסער פונ'ם צווייטען, זאגאר דער מענש וואס איז גאר קיין מבין ניט אויף אזעלכע זאכין פערשטייט באלד אז יעדע שטיק פון זייא האט גיקאסט געלד.

ביי דיא פענסטער שטייען גאלדענע בלומענטעפע אונ פון זייא שטייגין ארוים דיא טייערסטע זעלטענסטע בליהענדע בלומען וואס פערברייטען אנ-ערקוויקענדען ארמאט איבער דעם גאנצען צימער, אלעס גלענצט אונ פינ-קעלט, אלע גענעשטענדע זיינען וויא בעוואסין מיט אנייא לעבין, אלעבין וואס אין דעם איינוואהנער פון לודלאוו סטריט אזו אונבעקאנט וויא דאס לעבין פון דיא פרומע נשמות אין גן עדן איז אונבעקאנט אונז לעבעדיגע מענטשין.

נעבין דעם מערקווירדיגען שרייב טיש וואס שטייט דא אויף אייכען מיט סאמעט בעצאגענעם וויגשטול זיצט דער מיסטער בעררינגטאן מיט אסיגאר אין מונד פערטיעפט אין געדאנקען.

אקוק טאגענדיג אויף איהם מוז מען גלויבען, אז ער איז בעשאפין געווארין פאר דעם לוקסוס מיט וועלכין ער איז ארום גערינגעלט, זיין עדלעס ווייסעס אריסטאקראטישעס געזיכט איז ארום גערינגעלט מיט אגעדיכטען קאפף האלב גרויע

---

*) עליוועטאר הייסט דער באהן וואס פליהט אין דער הייך איבער דיא גאסין פון דער שטאדט.

גרויע האר, זייגע שווארצע קלוגע אויגין קוקען זא זאנפט, זא גוטמיטהיג, וויא דיא אויגען פון א ענגעל וואס מיר באגעגנען אויף דיא בילדער פון דיא גריהמטע קינסטלער, עס ווייזט אוים אז ווען דער מאן זאל זיין זאגאר געקליידעט אין לומפען, וואלט מען אלס אין איהם ערקאנט אבייגען אדעל געבארענעם מאן.

ביא דעם מינדעסטין גערויש האט ער דיא בליקען געווענדעט צו דער טיהר, עס וואר לייכט צו ערקאנען דאס ער האט יעמאנדין מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטעט.

דיא בראנזענע קונסטפאלע אוהר וואס איז געשטאנען אויף אשווארצין מארמארנעם פיעדעסטאל האט מיט אשטארקין זאנפטין טאן געשלאגין צעהן.

בערינגטאן האט אבערמאלס צום טיהר אקוק געטאן, אבער עס וואר שטיל אונ רוהיג וויא פריער.

אונגעדולדיג האט ער זיך אויפגעהייבין פון זיין שטול אונ האט אנגעהייבין ארום צו גיין הין אונ צוריק איבער דעם קאבינעט.

אקלונג אין דער טיהר גלאקע האט זיין אויפמערקזאמקייט אויף זיך געצויגין, ער איז שטיין געבליבען אונ פון זיין מונד האבין זיך ארוים געריסען דיא פאר ווארטען „דאס איז ער".

ער האט זיך צוריק געזעצט אויף זיין שטוהל אונ האט אנגעצונדין דעם סיגאר וועלכער האט זיך פערלאשין.

דיא טיהר האט זיך אויפגיעפינט אונ דער בעדינטער איז אריין געקומען אונ האט געמעלדעט דאס דער ארמער יוד, וועלכען ער האט געסטעריין אהער גערופין, איז יעצט געקומען מיט זיינעם זאהן.

פיהר זיא אריין אהער — האט בערינגטאן געהייסין.

דער בעדינטער איז ארוים געלאפין, אונ אין איינינע מינוטען ארום האט זיך אבערמאלס דיא טיהר גיעפינט אונ דער ארמער אהרן דארף מיט זיין זאהן זיסעלע זיינען אריין געקומען, ביידע וואריין שטארק ערשראקין, דען דער לוקסוס וואס זיא האבין דא גיזעהן, האט אויף זיא אשרעק געווארפין, זיא זיינען ביידע שטיין געבליבען אין טיהר אונ האבין ניט געוואגט איין שריט ווייטער צו מאכין.

בערינגטאן האט אויף זיא אקוק געטאן, ער האט דעם אלטען מיט זעהר נייגיעריגע בליקען בעטראכט, אונ האט ענדליך מיט זעהר אפריינדליכע מינע געזאגט: קומט צו נעהענטער, איהר זאלט קיין פורכט האבין, דען איהר זייט אין דעם הויז פון אזא יודען וויא איהר זייט.

דיא ביידע ארמע מענשין זיינען דורך דיא גוטע רייד מוטהיגער געווארין, זיא זיינען צו געגאנגען אפאר טריט נעהענטער אונ האבין זיך זעהר טיעף פערנייגט.

איז אייער נאמען אהרן דארף? — האט בערנארד געפרעגט דעם אלטען ארעמען גריגעם יודען.

יא ליבער הער! — האט אהרן געשטאמעלט.

אונ דער יונגער מאן איז אייער זאהן?

יא.

קומט צו געהענטער, זעצט זיך דא אויף דיא שטוהלען.

אהרן וויא אויך זיססעלע האבין ניט געוואגט גאר דיינקען זיך צו זעטצען אויף אזעלכע טהייערע שטוהלען וויא זייא האבין דא גיזעהען, אבער אלס בערינגטאן האט זייא נאך אמאל גיבעטין זייא זאלען זיך זעטצין האבען זייא זיך געזעצט אבער מען האט דייטליך גיזעהען אז אלע גלידער ציטערין אין זייא.

פון וואנען זייט איהר, מיר שיינט אז פון רוססלאנד? — האט בערינגטאן געפרעגט.

יא ליבער הערר — האט אהרן גיענטפערט מיט אציטערנדע שטימע.

פון וועלכער שטאדט?

פון אקליין שטעדטיל הארידאק וואס געפינט זיך אין דער ליטא.

מיט וואס האט איהר זיך דארטין בעשעפטיגט?

איך בין גיוועזן אקרעמער פון שניט סחורה.

מיא זאגט אז דיא קליינע ליטווישע שטעדטליך זיינען זייער ארעם, זייערע בעוואהנער לייד'ען איינפאך הונגער.

ניט אלע ליבער הערר, דארטין זייגען פאראן מענשין וואס לעבען זיך גאנץ שיין אונ גאנץ רוהיג.

אין אייער שטעדטעל וואהנען פיל יודען?

כמעט אלע איינוואהנער זייגען דארט יודען.

בערינגטאן האט זיך אויף איינינע מינוטען פערטראכט אונ האט נאכהער געפרעגט: האט איהר איבערגעלאזט אין אייער געבורטסשטעדטעל אפאמיליע, איך מיין פערוואנדטע.

יא גרויסער הער, איך האב דארט אברודער ער איז טאקי דער רב פונ'ם שטעדטעל.

וואס דענקט איהר דא צו טאהן?

זאל מיך אזויא קיין בייז ניט וויסען וויא איך ווייס ניט צו וואס מען האפט זיך, איידער איך בין ארויס געפאהרען נאך אמעריקא האב איך געקלערט אז איך וועל דא איבער קעהרין וועלטין, ווייל אין אונזער שטעדטעל האט מען מיך געהאלטען פאר אגרויסען קאפ מענשען אונ פאר אפראקטישען סוחר. אבער קומענדיג אהער, ווייס איך אליין ניט וואס מיט מיר איז געווארין, עפעס מיינ איך דא ניט וויא מען זאגט אפילו אקאטץ דעם עק צו פערבינדען.

נוא אונ איער זאהן ?

ער ווייס גענוג אויך ניט צוא וואס זיך צו כאפען, אין דער היים איז ער געוועזען אבעל הבתיש קינד, וואס נאט האט מיר געגעבען האב איך איהם אויך געגעבען, מיר האבען געמיינט אז דא וועט ער קאנען ווערין אגרויסער מענש, ווייל אלע וואס האבין איהם אין דער היים געקאנט, האבין געזאגט אז ער האט זעלטענע פעהיגקייט, אבער קומענדיג אהער זיינען מיר ניט פאר איך געדאכט אזויא פערדולט געווארין אז מיר ווייסין ניט וואס אנהייבין צו טאהן. שווער ארבייטין קאן ער ניט, ווייל ער איז דאצו ניט געוואוינט געווארין, לערנען זיך עפעס ארעכטע זאך דארף מען דאך האבין געלד, דער ווייל איז ער וויא מיא זאגט ניט אהער ניט אהין.

אין וואס איינענטליך בעשטייען זיינע פעהיגקייט ?

איך ווייס ? זאג דוא זיסעלע, שעם זיך ניט, דוא זעהסט דאך אז דער גינאדיגער האר רעדט מיט אונז וויא אגוטער פריינד.

איך האב אגעפיהל אין פאעזיע — האט זיסעל געענטפערט אונ איז רויט געווארין איבער דיא אויערין.

אין פאעזיע ? — האט בערינגטאן שמייכלענד געפרעגט — דאס איז איין שיינער קונסט, אבער ניט פאר אמעריקא, דען אמעריקא איז אוועלט פון מאטריאליזים ניט פון אידעליזם, דער מענטש וואס וויל דא גליקליך לעבין אדער וועניגסטינס אנ׳איינפאכען לעבין מאכען, דער מוז האלטען דיא אויגין אפען אונ קוקען אין דער טהעטיגער וועלט אבער ניט אין דער פאנטאסטישער. קאנט איהר יונגער מאן שוין אביסעל דיא ענגלישע שפראכע ?

יא איך האב אין דער ענגלישער שפראכע גרויסע פארשריטע געמאכט אבער מיר פעהלט דיא פראקטיק נוט שפרעכען צו קענען.

נוא אונ רעכענען קאנט איהר ?

ציםליך גוט.

איהר וועט שוין ניט פערפאלען ווערין, דען איך זעה אז איהר זייט אגעזונטער שיינער יונג אונ קוים וועט איהר אוועק ווארפען אייער פאעזיע אונ וועט זיך ווידמען דער קאמערציאן, וועט איהר געוויס אהייבען ציעל ערדייכען. ווילט איהר אנגעהמען אשטעלע ביא מיר ?

צו איך וויל ? — האט זיסעל איבערראשט גיענטווערט — וועגין דעם איז קיין רעדע, דיא פראגע איז אבער צו וועל איך קאנען אשטעלע אין אזא גרויסע הויז בעטרעטען.

איהר וועט זיך פרוווען, פיליכט זייט איהר דאצו אויך פעהיג, אייער שטעלע וועט דערווייל בעשטעהען אין דעם איהר זאלט אבשיקען דיא בריעף פון מיין קאנטאר מיט דער פאסט, גיין נעטהיגע גאנגען, טראגען געלד אין דער באנק אונ נאך אזעלכע זאכען, דאדורך וועט איהר ערשטענס זיך ערלערנען פראקטיש דיא ענגלישע שפראכע, צווייטענס וועט איהר בעקאנט

ווערין מיט קויפלייטע אונ מיט פערשיידענע געשעפטע, זייט איהר צופרידען?
איך וועל מיך מיט אזא שטעלע גליקליך שעטצען.

אלזא בלייבט דאס אזויא, מארגען קאנט איהר אייער שטעלע בעטרעטען, וויעגען געהאלט וועל איך מיט אייך ניט ריידען, איך וועל אייך צאהלען נאך אייער ווערטה, נוא אונ איהר מיסטער דארף — האט ער געזאגט זיך ווענדענד צו דעם אלטען — אין אייער בריף האט איהר מיר געשריבען אז ווען איך וועל אייך אויס בארגען אפאר הונדערט דאלאר אויף אגעשעפט קאנט איהר געהאלפען ווערין, ניכט וואהר?

איך דענק אזויא — האט אהרן געענטפערט.

בערינגטאן האט ארויסגענומען פון אסופליאד אין שרייב טיש אפעקעל בילעטין אונ האט זייא איבערגעגעבין אהרנן מיט דיא ווארטען: דא האט איהר טויזענד דאללאר פריווט זיך מאכען אגעשעפט, פיליכט וועט עס אייך גליקליך אבגליקען אונ אייער לאגע וועט זיך פערבעסערין. אבער מיסטער דארף וואָרום זייט איהר זא בלאס געווארין?

מיין מלאך הגואל! — האט אהרן וויינענדיג אויס גירעדט — איהר.. איהר, מאכט אגאנצע פאמיליע פון טויט לעבענדיג.

מיך וועט זעהר פרייען ווען איהר מיט אייער פאמיליע וועט אנפאנגען גליקליך צו לעבין — האט בערינגטאן גערירהט געענטפערט — נוא גענוג, דאנקט מיר ניט מער אונ גייט נאך הויזע, איהר יונגער מאן זאלט מארגען קומען צו מיר אין געשעפט.

אבער אהרן האט זיך ניט געקאנט בערוהיגען, דיא דאנקבארע פריידענטרעהנען האבען זיך וויא פון אהייסער קוועלע איבער זיינע אויגען גענאמען, ער האט געוואלט זיין מלאך הגואל אומארמען איהם קוסען, אבער ער האט דאס ניט געוואגט.

ער האט אבער פערשפארט דיא אלע זאכען צו טאהן, דען בערינגטאן האט פון זיין גאמעס בלאסעס געזיכט געלעזען וואס ביא דעם אלטען אין הערצען קומט פאר.

קיין פעדער איז אין שטאנד צו בעשרייבין מיט וואס פאר אפריידע דער פאטער מיט דעם זאהן זיינען אהיים געלאפען, אזא פריידע שטייגט איבער אלע גרענצע, אזא פריידע קאן מאכן נור פיהלען דער מענש וואס ווערט פון טויט לעבעדיג.

ו

ענגעל אונד טייפעל.

זעהר אשיין מיידיל איז געווען בערטהא שטאלץ, זא שיין דאס עס איז
(אב״נ) אונמענליך

אונמעגליך גיווען זיא צו זעהען אונ ניט אפשטעלען אויף איהר דיא בליקען איינינע מינוטען. זיא וואר פון הייכען געוואוקס, ווייס וויא שנייא, אלע געזיכטספיצינגע זיינען גיוועז פראכטפאל געפארמט, בעזאנדערס האט איהר דיא נאטור בעשאנקען מיט אזא פאר אויגען וואס איז זעהר זעלטען אזעלכע צו בעגעגנען, דאס ווארען אפאר בלאע אויגען וואס האבען אין זיך געהאט מאגנעטישע בליקען, האבען זייא אויף יעמאנדען אקוק געטאן, האט יענער געפיהלט וויא אפאר ווארמע שטראהלען האבען זיין ברוסט ערווארעמט. זאגאר איהרע האר זיינען וויא אונגעוועהנליך גיוועז, דאס וואר אגעדיכטער קאפף גאלדענע האר, דאס ווען מען האט זייא פונאינאנדער געפלאכטען האבען זייא זיך ארונטער געלאזט אין וועלען ביז דיא קניע.

זיא וואר זעלבסט אויס חארקאוו, מען האט לייכט געקאנט ערקאנען מיט דעם ערשטען בליק אויף איהר רייצענדעס געזיכט, דאס זיא האט זיך ערצאגען אין זייער ארייכע הויז, דען אזויא צארט אונ איידיל קאן אויסזעהען נור אמענש, וואס האט קיין מאל פון קיין שלעכטין טאג געוואוסט.

עס איז ערשט זעכס מאנאטען אז זיא איז געקומען אין אמעריקא. זיא איז געפאהרען דריטע קלאססע, דאס בעווייזט אז זיא וואר ארעם אונ דאך האט זיא מיט איהר מייסטעטישער ערשיינונג זיך אויפן דאמפפער ערווארבען דיא אכטונג פון אלע פאסאזשירע, זייא האבען פערשטאנען אז דאס פרייליין שטייט בעדייטענד העכער פון זייא;

זיא האט זיך געגען אלע פאסאזשירע זעהר שטאלץ געוויזען, ווייל זיא האט געוואוסט אז אין דער דריטער קלאססע פאהרען גרעסטענטהייל מענשען פון דער נידעריגסטער קלאססע, צווישען זייא זיינען אויך פאראן פערברעכער פון אלע וועלטטהיילע, וואס אנטלייפען פאר דעם געריכט אין דער פרייער וועלט.

אויסער מיט זיסעל דארף איז זיא בעפריינדעט געווארין, ווייל ער האט איהר גרויס פריינדשאפט בעוויזען אויפן שיף, אלס זיא האט זיך דורך דער זעעפאהרט זעהר ניט גוט געפיהלט האט ער איהר אונטער געטראגען פערשידענע ערפרישונגען אונ האט זיך בעמיהעט מיט אלע קרעפטען זיא צו ערמונטערין.

זיא האט ערקאנט אז ער איז אנ׳עדלער יונגער מאן, קיין פערברעכער אונ דארום האט זיא איהם אנגעהייבען פריינדליך צו בעהאנדלען, זייא זיינען זא בעפריינדעט געווארין דאס זייא האבען דיא גאנצע וועג ביז אמעריקא זיך ניט געקאנט אבריסען איינער פונ׳ם אנדערין, בייא זייא האט זיך קיינע ווארטען אויס געשעפט.

זיא האט איהם נור ערציילט אז זיא איז אויס חארקאוו אונ זיא פאהרט צו איהר רייכען ברודער אין ניויארק, ווער איהרע עלטערין זיינען, ווארום זיא פאהרט נאך אמעריקא, דאס האט זיא איהם ניט געזאגט

אונ ער אלס ער האט בעמערקט אז זיא וויל פון דעם ניט רייִדען, האט שוין מעהר וועגען דעם ניט געפרעגט.

קומענדיג נאך ניויארק אלס זייא האבען זיך צושיידעט, האט זיא איהם דיא האנט געדריקט, האט איהם בעדאנקט פאר דעם וואס ער האט איהר גיזעלשאפט געלייסטעט אין וועג אונ האט דאבייא אויסגעדריקט איהר פערלאנג אויך ווייטער זיינע פריינדין צו בלייבען, איהר ברודערס אדרעסע האט זיא איהם אויך גיגעבין דערפאר האט זיא גענומען בייא איהם דיא אדרעסע פון זיינעם אפערוואנדעטין אין ניויארק.

עס זיינען פערגאנגען צווייא מאנאטען אונ זיססעל האט פון זיין שיפסשוועסטער ניט גיהערט. אנפאנגס איז ער זעהער נייגיעריג גיוועזען צו וויססען וואס מיט איהר איז געווארען, מיט וואס זיא בעשעפטיגט זיך אונ וואו זיא געפינט זיך. אבער נאך דיא ערשטע אכט טאג האט ער זיא שוין אין זינען ניט געהאט. ער האט געהאט וויכטיגערע זאכען וועגען וואס צו דענקען, ער האט געמוזט טראכטען וועגען זיך מיט וואס צו בעשעפטיגען אום ער זאל קענען זיינע עלטערען אונ זיך זעלבסט נוטצליך זיין. דאבייא האט איהם זיין אמאליגע געליעבטע ראזא גלאנץ פערדרעהט דעם קאפף מיט איהר רעטזעלהאפטעס בענעהמען געגען איהם, דען אמאל איז זיא גיוועזען צו איהם אזויא פריינדליך, דאס ער האט געגלויבט אז זיא ליעבט איהם יעצט אזויא וויא פריהער וויא אין דיא ערשטע צייטען, אלס זיא איז פון איהר געבורטסשטאדט ווארשויא געקוממען אין זיין שטעדטיל הארידאק בעזוכען איהרע אטאנטע אונ זייא האבען ראמאנסירט ריכטיג וויא אין אראמאן שטעהט. אונ אמאל האט זיא זיך געוויזען צו איהם זא קאלט וויא זיא זאל איהם זעהען דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען.

ווען מען וויל אז אפייער זאל בעססער ברענען גיט מען אויף איהם אשפריטץ קאלט וואססער, דאס ליעבעספייער פערלאנגט אויך מען זאל איהם בעשפריטצען מיט קאלט וואססער אום ער זאל בעססער ברענען, ווען מען איז פערליעבט אין אמעדכען אונ זיא ווייזט זיך געגען דעם געליבטען קאלט צופלאקערט זיך זיין ליעבע נאך שטארקער.

דיא קאלטקייט וואס ראזע האט געוויזען זיסלען, האט אין איהם דיא ליעבע צו איהר נאך מעהר צופלאמט, איהם האט אויסגיזעהען אז ווען ער וועט זיא ניט הייראטען איז זיין לעבען קיין לעבען ניט, דארום האט ער זיך ניט אויפגיהערט ארום איהר צו דרעהען, זיא צו שמייכלען, ער האט געוואלט האטש הערען פון איהר מונד דיא פערשפרעכונג אז זיא וועט זיינע זיין. אבער ער האט פון איהר גיהערט אלין אזעלכע ווארטען וואס מען האט געקאנט דייטען אין ביידע זייטען אונ ער האט פאר קיין פאל געקאנט ערפאהרען וואו ער האלט מיט איהר אין דער וועלט.

ענדליך האט ער פערשטאנען וואס דא טוהט זיך, ער האט איין מאל געהענדיג אין דער בוירי גאס בעגעגענט זיין ראזען געהענדיג געארמט מיט איינעם פראנט. ער האט זיא נאכגעקוקט אונ האט געזעהען ווי זיא געהען ביידע אריין אין טהעאטער.

דאס איז דיא אורזאכע וואס זיא ווייזט זיך צו מיר אזייא קאלט — האט ער זיך געקלערט אונ זיין בלוט האט אין איהם אנגעהייבען צו זידען — זיא האט איהר הערץ אוועקגעשענקט אנ׳אנדערן, אבייבערן פון מיר, יעצט פערשטעה איך אלעס, אסוף! מעהר וויל איך זיא שוין ניט קאנען.

אבער דאס איז געוועזען ניט מעהר וויא געזאגט. אויף מארגען האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען אונ איז געפלויגען צו ראזען.

מערקווירדיג, יעצט האט זיא איהם זעהער פריינדליך עמפפאנגען, אזייא פריינדליך וויא אין דיא ערשטע יאהר, אונ ווען זיסעל זאל געסטערען ניט געוועזען זעהען מיט זיינע אויגען וויא זיא איז געגאנגען מיט איינעם מאן געארמט, וואלט ער געגלויבט אז איהר ליעבע צו איהם איז אזייא שטארק וויא זיינע צו איהר.

ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג פון איהר געבעטינגען גאנג אין טהעאטער, רוהיג האט ער זיך געזעצט געגען איהר אונ האט געזאגט: איך האב נאך געסטערען געוואלט אריינקומען צו דיר ליעבע ראזע, אבער איך האב מיך געפיהלט זעהער ניט גוט. דוא ביזט געסטערען דעם גאנצען אבענד געוועזען צו הויזע, אדער ביזט זיך אביסעל דורכגעגאנגען?

איך בין געסטערן אויך געוועזען ניט פאלקאמען געזונד — האט זיא געענטפערט — דארום בין איך דעם גאנצען אבענד פון צימער ניט ארויסגעגאנגען.

אבי מיא האט מיר ערצעהלט אז דוא ביזט געסטערן געוועזען אין טהעאטער.

זיא איז ראטה געווארין איבער דיא אויערין אונ האט ראש געענטפערט: דאס איז אליגען, איך בין דעם גאנצען אבענד געוועזען צו הויזע, ווער האט דאס דיר ערצעהלט אז איך בין געוועזען אין טהעאטער?

זיסעל האט ניט געהאט אין זיך אזייא פיעל כוח, איהר אין דיא אויגען צו זאגען אז ער אליין האט זיא געזעהען געהענדיג געארמט מיט איינעם מאן, ער האט געשוויעגען אונ האט זיך געקלערט, פיעלייכט האט זיא זיך ארום געזעהען אז יענער יונגער מאן האט איהר ליעבע ניט פערדינט אונ פון היינט אן אונ ווייטער וועט זיא איהם שוין בעטראכטען אלס איהר ברויטיגאם.

ער האט אבער אגרויסען אירטהום געהאט, דען אלס ער איז אויף מארגען וויעדער געקומען צו איהר, האט זיא איהם זעהער קאלט עמפפאנגען אונ אויף אלע זיינע ווארטען האט זיא איהם נור געציילטע

ווערטער מיט זייער אביזע מינע געענטפערט, ער האט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען און האט געזאגט: איך זע אז דוא קאנסט מיך ניט ליידען ראזא, איז דאס פיעלייכט דערפאר וואס יענעם יונגען מאן מיט וועלכען דוא ביזט פארגעסטערן אין טהעאטער געגאנגען ליידעסט דוא צו פיעל?

זיא האט אויף איהם יעצט אזא קוק געטאהן וואס איהם האט אויסגעזעהען אז ער זעהט אין דיעזען בליק אלע פלאמען פונ'ם גיהנם.

וואס? — האט זיא וויטהענד אגעשריא געטאהן — דוא שפיאנירסט מיך? דוא בעטראכסט מיך וויא איך פערשטעה אלס דיינע אשקלאפין?

איך בעטראכטע דיך אלס מיינע ברויט.

דוא לעבסט אין אירדטהום זיסעל — האט זיא שטרענג געזאגט — איך וועל ניט הייראטען מיט אזא שלימזל וויא דוא ביזט וואס טויג ניט צו גאט און צו לייט.

וויא באלד דוא ביזט אזא סחורה וואס יעדער איינציגער קען קויפען וויל איך דיך ניט קאנען — האט זיסעל שוין אויך צארניג געזאגט און איז אוועקגעגאנגען.

אוים! — האט ער צארניג געזאגט — מעהר וועט זיא מיך שוין ניט אנזעהען, איך וועל פון איהר וויבען וויא פון אמגפה וויא פון אנ'אנ־שטענדיגע קריינק.

קומענדיג אהיים האט ער געטראפען אבריעף וואס איהם איז פון בערטהא שטאלין אנגעקומען.

אין דעם בריעף זיינען געשטאנען דיא פאלגענדע צייל:

ליבער פריינד הערר דארף.

אויב איהר ווילט זיך מיט מיר זעהען, זאלט איהר זא פריינדליך
זיין און קומען אין דער צעהנטער סטריט (גאס), איך וואהן דארט אין № 135
אויף דעם צווייטען פלאר (עטאז) ביא אגעוויסען מיסטער דזשייקאבסאהן.
איהר קאנט מיך טרעפען אין מיין וואהנונג הייטע אום זעכס אוהר אבענדס.
אייער פריינדין בערטהא שטאלין.

דער קליינער בריעף האט זיסלען ניט איבעררראשט, אבער איהם האט הנאה געטאן וואס ער וויים וואו זיין שיפסשוועסטער וואהנט און ער האט זיך בעשלאסען הייטע אום זעכס אוהר זיא צו בעזוכען.

אום האלב נאך פינף איז ער אוועקגעגאנגען נאך דער אדרעססע וואס בערטהא האט איהם געשריעבען. ער איז געקומען צו דעם הויז № 135 צעהנטע סטריט און איז ארויפגעגאנגען אויפן צווייטען שטאק.

וואהנט דא מיסטער דזשייקאבסאהן? — האט ער געפרעגט אקליינעס מעדכען וועלכע איז איהם ענטגעגענגעקומען.

יא דורך דער טיהר קומט מען צו איהם אריין — האט דאס מעדכען געענטפערט.

דורך וועלכער טיהר געהט מען אריין צו פריילין בערטהא שטאלץ?

איהר מיינט דיא בארדערקע וואס וואהנט ביא מיסטער דזשייקאבסאהן?

יא.

דא דורך דיעזער טיהר קומט איהר אריין צו איהר אין צימער.

זיסעל איז צו געגאנגען צו דער אנגעוויזענער טיהר אונ האט אנגעקלאפט.

הערײַן! — האט אקלינגענדע פרויענשטיממע אגעשרייא געטאהן.

ער האט געעפינט דיא טיהר אונ באלד וויא ער האט דעם שוועל איבערגעטראטען האט ער דערזעהן זיין שיפסשוועסטער בערטהאן.

זייט מיר הערצליך ווילקאממען מיסטער דארף! — האט זיא זעהער פריינדליך מיט אזאנפטען שמייכעל געזאגט, אלס זיא האט איהם דער זעהן — יעצט בין איך נאך מעהר אלס זאנסט איבערצייגט אין אייער פריינדשאפט צו מיר;

איך מוז אייך זאגען פריילין שטאלץ אז מיך האט שטארק געוואונדערט דאס וואס איהר האט מיר דיא גאנצע צייט וואס מיר זייגען דא, ניט געמעלדעט וואו אייער קוואַרטיר איז — האט זיסעל געענטווערט — יעצט בין איך זעהער צופריעדען וואס איך זעה אייך האטש געזונד אונד מונטער. ערצעהלט מיר וויא געהט דאס אייך, זייט איהר צו פריעדען מיט אונזער נייער וועלט.

איך האב קיין אורזאכע פון איהר אונצופריעדען צו זיין — האט זיא שמייכלענד געענטפערט — דיא מיליאנען וואס איך האב אהער געבראכט זייגען נאך גאנץ. נוא אונ איהר זייט דען פון דער נייער וועלט אונ-צופריעדען?

איך האב קיין אורזאכע פון איהר צו פריעדען צו זיין, דען אזא קבצן וויא איך בין געווען פריהער בין איך נאך יעצט אויך.

איהר האט נאך קיין בעשעפטיגונג?

ניין — האט ער זייפצענד געענטפערט.

פאלט ביא זיך ניט אראפ העֶרר דארף, איהר זייט נאך גרין אין דעם לאנד, איהר וועט זיך אביסעל אויסגריגען איז ביא מיר קיין צווייפעל אז איהר וועט ערגרייכען אייער ציעל.

אויף דעם האף איך אויך — האט ער געענטווערט — דערווייל איז אבער זעהער ניט אנגענעהם, צו זיטצען ביא ארמע עלטערען אונ אנשטאט זייא צו העלפין מוז איך נאך פאלען אויף זייא צו לאסט.

אלע וואס זייגען אהער געקוממען האבען דיא ערשטע צייט קיין האניג געלעקט. פערליערט נור ניט דעם מוטה, וועט איהר זעהען וויא

איהר וועט דא גליקליך זיין, דען לויט איך האב בעמערקט איז אמעריקא ווירקליך אנגעבענטשט לאנד, דאס איז זעהער וואהר וואס מיא זאגט בייא אונז אז גאלד וואלגערן זיך דא אין דיא גאסען.

דערווייל אבער האב איך נאך אין דיא גאסען קיין גאלד גיזעהען.

דאס איז אלין דער פאר וואס איהר זייט גרין אונ איהר ווייסט נאך ניט וואו דאס גאלד ליעגט

נוא אונ איהר ווייסט שוין?

בין איך דען ניט אזייא גרין אזייא וויא איהר? מיר זייגען דאך גלייך אהער געקוממען, אויסער דעם דארפט איהר ניט פערגעססען אז איך בין אפרויא אונ אין אמעריקא זייגען דיא געשעפטסלייטע דורכאויס מענער. איך קען דא קיין מאל קיין גאלד געפינען אונ דארום זוך איך עס ניט.

מיר שיינט אז איהר האט מיר געזאגט דאס איהר פאהרט אהער צוא אייער ברודער?

יא איך בין ווירקליך צוא איהם געפאהרען, אבער יעצט זייגען מיר צוא פאהרען.

וואס מיינט איהר מיט דיא ווארטען

איהר ווייסט דען ניט וואס עס הייסט צו פאהרען, אויף פראסט מאמע לשון הייסט דאס צו קריעגט אונ צו שיידעט.

שוין אזו גיך?

נאך ווייסט איהר ניט אז אין אמעריקא ווערט אלעס געטאהן האריאפ (שנעל) — האט זיא מיט איהר זאנפטען שמייכעל גיענטווערט — איך האב געמיינט אז איהר וועט בעוואונדערן דאס וואס גאנצע צוויא מאנאטען בין איך גיוועזן ביי׳ם ברודער אין הויז.

מיר איז אוואונדער אייער ברודער זאל אזעלענדע שוועסטער אין אפרעמדעם לאנד פון זיך אפלאזען.

איך מוז אייך בעליידיגען הערר דארף, איך מוז אייך אנרופען מיט דעם נאמען „גרינהארן״. נאך ווייסט איהר ניט אז אין אמעריקא עקסעסטירען דיא נאמען ברודער שוועסטער, אנקעל טאנטע אונ זא ווייטער נור פון יוצא וועגן, דען דיא געפיהלע וואס אזעלכע מענטשען דארפען פון דער נאטור האבען פעהלען זייא אין דיעזען גליקליכען לאנד.

וויא איך פערשטעה האט אייך אייער ברודער ניט גוט בעהאנדעלט.

לאמיר ניט ריידין פון דעם געגענשטאנד מיסטער דארף, דען ליידער בין איך ניט לאנג פון יוראפ (איראפא) אונ אין מיין ברוסט זייגען נאך ניט פערלאשען געווארין דיא הייסע געפיהלע וואס אשוועסטער דארף פיהלען צוא אברודער, איך פירכטע אז ווען איך וועל פיל פון איהם ריידען וועל איך אויך ווערען איין עכטע אמעריקאנישע שוועסטער ... גענוג איז פאר אייך צוויסען

אז איך בין שוין ניט אין זיין הויז אונ וועל ארבייטין פאר זיך זעלבסט.

ביא וואס דיינקט איהר צוא ארבייטען?

איך וועל מיך לערנען מאכין בלומען.

האט איהר געלד צוא בעצאהלען פאר דער לעהרע אונ זיך צו ערנעהרין ביז איהר וועט אנהייבען אליין צו פערדינען?

איך בין בעקאנט געווארין טאקע ביא מיין ברודער אין הויז מיט דער מיסיס (מאדאם) דזשייקאבסאהן, וועלכע איז אבלומען מאכערין, זיא איז זעהר אגוטע פרויא אונ פרייאוויליג האט זיא אלס זיא האט מיינע ליידען בעמערקט, מיך אריין גענומען צוא זיך אין הויז אונ זיא וועט מיר אוים לערנען בלומען מאכין. שפעטער ווען איך וועל אן פאנגען צוא פערדינען וועל איך איהר פאר אלין בעצאהלען.

איך ווינשע אייך גליק ביא דיעזער ארבייט.

איך דאנק אייך פאר אגוט ווארט, איך גלויב אז איהר וועט מיך אפט בעזוכען הערר דארף.

געוויס, ווען דיא צייט וועט מיר ערלויבען.

ביא דיא בעסטע געשעפטע קאן מען געפינען אפאר פרייע מינוטען צו בעזוכען אפריינדין.

יא דאס גלויב איך אז ביא נוטע געשעפטע ליגט אין זיגען בעזוכע צו מאכין, אבער ווען דער קאפף איז פערדרעהט מיט דער זארג וועגען דעם טעגליכען ברויד, דאן פערגעסט מען אן זיך אליין ניט גראדע אן פריינדע.

אבער גענוג הערר דארף צוא זיין אזוא מעלאנכאליש, איז דאס ניט אשאנדע איך בין אפריילין אונ בין יעצט נאך עלענדער אלס איהר זייט, דען איהר האט דא עלטערין אונ שוועסטער, וועהרענד איך האב יעצט קיינעם פון דעסט וועגען פאל איך ביא זיך ניט אראפ, ווייל איך וויים אז דארט וואו עס לעבין אזו פיעל מיליאנען אלעבין וועל איך אויך קאנען אלעבין מאכען.

דאס זעלבע איז מיט אייך אויך, איהר זייט נאך יונג געזונד, פאר אייך איז נאך אפפען דיא וועלט ״ דאס לעבין, דארפט איהר געוויס קיין מוטה פאר ליערען.

איר האט פאלקאמען רעכט פריילין שטאלין — האט דארף גיענטפערט — איך מאג מיך ווירקליך גענען אייך שעמען, אבער פון יעצט אן אונ ווייטער וועל איך פיעל מוטהיגער זיין, איהר האט מיר אריין גיגעבין האפענונג, איך בין אייך דאפיר זעהר דאנקבאר.

אגליקליכער שמייכעל האט זיך געוויזען אויף בערטהאס שיינע ליפען, זיא האט גרוים פערגעניגען געהאט פון דעם וואס זיא האט דעם אונגליקליכען ערמוטיגט אונ געמוטהיגט.

זעהר פריינדליך האבין זייא איינינע שטונדען פערבראכט אונ ער איז ענדליך פון איר אוועק געגאנגען מיט דער פערשפרעכונג איר אפט צו בעזוכין.

(אמ״ג)

ער

ער האט אבער קיין ווארט געהאלטען . עס זיינען איבער געגאנגען נאך צוויא מאנאטין , זיין לאגע האט זיך ניט אויף דאס מינדעסטע פערבעסערט , אין גענצעהייל זיא האט זיך פערשלימערט , דען זיין פאטער האט דאס ביסעל געלד אנגעווארין , ער (זיסעל) האט נאך ניט איין סענט פערדינט , אלע האבין נור געלעבט פון דעם וואס דיא צוויא מיידלאך זיסעל'ס שוועסטער האבין פערדינט , דאס האט דעם יונגען מאן אזו גיעדער געשלאגען דאס ער האט דעם גאנצען מוטה פערלארען , אויסער דעם האט ער גאר אויף דאס נייע געהאט שרעקליכע ליידען פון ראזע גלאנץ .

מיר ווייסען שוין אז ער האט זיך פעסט בעשלאסען ניט מעהר פון איהר צו דיינקען און זיא ניט מעהר זעהען , וויל דורך איר לעצטע שלעכטע בעהאנדלונג געגען איהם האט זיא איהם צוא פערשטעהן גיגעבין אז זיא וויל איהם ניט מעהר קאנען , אבער אין אכט טאג ארום האט ער זיך מיט איהר בעגעגינט אין גאס , ער איז בלאס גיווארין און האט זיך געמאכט וויא ער זעהט זיא גאר ניט , אבער זיא האט איהם אב געשטעלט , מיט איין אונפערשעמט פנים איז זיא צו געגאנגען צו אים און פונקט אזו וויא צווישן זייא איז גאר ניט פארגעקומען האט זיא פריינדליך געזאגט : וואס איז דאס מיט דיר זיסעלע וואס מען זעהט דיך ניט , דוא ביזט אויף מיר ברוגז ?

ער האט זיא פערוואונדערט אן געקוקט , ער האט געמיינט אז זיא שעמט זיך גאר צוא זאגען דאס זיא איז אמאהל מיט איהם בעקאנט גיוועזן און פלוצלונג ווייזט זיא זיך צוא איהם גאר אויף דאס נייע פריינדליך אזוא וויא פריהער .

האסט דוא ניט פערדינט איך זאהל פון דיר אנטלויפין ? — האט ער גיענטפערט — דו האסט דאך מיך פאסט פון דיין וואהנונג ארויס געטריבען .

פע זיסעל ! איך האב ניט ערווארטעט דוא זאלסט אזוא קאפריזנע זיין — האט זיא געזאגט — נוא און אז מיא רעדט זיך אמאל אויס פון כעס אפאר ווערטער דארף מען שוין אזוא זיין אין כעס . אן דעם ערקאן איך וואס פאר אגוטער פריינד דוא ביזט מיר ביז אהער גיוועזן . דוא האסט נור געזוכט זוכען אגעלעגענהייט אויף מיר ברוגז צוא ווערין אום דוא זאלסט צוא מיר מעהר ניט קוממען .

ווילסטו דוא יא איך זאל צוא דיר אריין געהן .

ווארום זאל איך דאס ניט וועלין , עפעס אסך גוטע פריינד האב איך דא אויסער דיר .

גוט איך וועל קוממען .

און ער האט אנגעהייבען אפערמאלס צוא איהר אריין צו קוממען , זיא האט איהם ווירקליך אן געפאנגען זעהר פריינדליך צו בעהאנדלען , זא דאס ער האט געמיינט אז דיא אלטע ליעבע האט זיך אין איהר גאר אויף דאס נייע ערוואכט , אבער עס האט לאנג ניט גיוועהרט האט זיא איהם געוויזען

יענע קאלטקייט וועלכע האט איהם אזוא פיעל געזונד געקאסט.

דיא בעהאנדלונג האט זיין לעצט ביסעל מוטה גערויבט, זיך ענטזאגען פון איהר אין גאנצין האט ער ניט געקאנט, דען עס האט איהם וויא מיט אמאגנעט געצויגען צוא איהר, פלעגט ער צו איהר אריין געהן האט ער געפיהלט דעם טעם פון טויט, זעהר אפט האט ער ביי איהר אין צימער געטראפען יענעם יונגען מאן מיט וועלכע ער האט זיא אמאהל בעגעגענט גייענדיג אין טהעאטער, פאר איהם אין דיא אויגען האט זיא דעם יונגען מאן גרויס פריינדשאפט זאגאר ליעבע געוויזן, דער ארעמער זיסעל איז שיער פערריקט געווארין פון גרויסע שמערצין.

איין מאל האט ער זיך אין צענטראל פארק *) בעגעגענט מיט בערטהא שטאלץ זיא איז געגאנגען מיט איהר ווירטהין מיסיס קושייקאבסאהן שפאצירען.

מיסטער דארף! — האט זיא הויכט ערפרייעט אנגעשריא געטאהן — איהר זייט היא אין ניויארק? איך האב געמיינט אז איהר זייט שוין לאנג פון דאנען אוועק געפאהרען אין אקאנטרע (פראווינץ).

ווארום האט איהר אזו געמיינט? — האט ער געפרעגט.

זעהער איינפאך אז דיא גאנצע צייט האב איך אייך אין דיא אויגען ניט געזעהען, איז דאס מעגליך אז דיא גאנצע צייט זייט איהר געוועזן היער אונ איהר האט ביי זיך רעכט געמאכט מיך ניט איין מאל צו בעזוכען

דער קאפף איז שרעקליך פערדרעהט פריילין שטאלץ — האט ער זיפצענד געענטפערט — קיין זאך ליעגט אין זינען ניט.

וואס? איהר האט זיך נאך אלין צוא קיין זאך צוא געשלאגען?

ניין! נוא אונ איהר פריילין שטאלץ?

מיר איז נאט זאיי דאנק ניט שלעכט, איך פערדין שוין זעכס דאללאר דיא וואך אונ איך מאך זעהר אשיין לעבין, אבער איר דארפט אלין ביי זיך ניט אראפ פאלין הערר דארף, איהר וועט זעהען אז איהר וועט ענדליך געפינען דאס וואס איהר זוכט.

איך וועל אייך זאגין דיא ווארהייט אז איך זוך שוין גאר ניט, ווייל איך ווייס אז איך וועל גאר ניט געפינען.

ווען איך זאל זיין אייערע אמוטער וואלט איך אייך פאר אזעלכע ווערטין גוט אויס געזידעלט הערר דארף, איך מוז אייך זאגען אז איך האב ניט ערווארטעט פון אייך אזו אפייגהייט צוא זעהען, איהר מאגט אייך שעמען ליעבער פריינד, אזו איונגער מאן זאל פערלירען דיא האפענונג אויף גוטעס אין דיא ערשטע פיער מאנאטין וואס ער איז אין אפרעמדער לאנד, רעדט דאס חאטש ניט איבער פאר איין אנדערין דען עס איז אשאנדע.

אבוואהל

---

*) צענטראל פארק דאס איז אהיבשער פראכט פאלער וואלד אין ניויארק, דער הויפט פלאטץ צום שפאצירען געהן פאר דיא ניויארקער בעוואהנער.

(אמ״ג)

אבוואהל זיא האט גירעדט זעהר ערינסט אונד ביין האט ראך אנוטער בעאבאכטער געקאנט בעמערקען אז זיין ביטערע לאגע האט זיא ביז צוא טרערין געריהרט, זיא האט גיזעהן וויא ער געהט אבגעריסען אונ אין געלאטעטע שיך, זיא האט אויך בעמערקט וויא בלאס ער איז אין דער קורצער צייט געווארין דאס האט איהר וויא מיט מעסערס געשטאכען אין הערצען, זיא האט איהם געוואלט אוועק געבין די עטליכע דאללאר וואס זיא האט ביי זיך אין טאש געהאלטין אויף אקלייד, אבער זיא האט זיך געשעמט איהם דאס צוא געבין פאר איהר ווירטהין אין דיא אויגען. זיא האט געוואוסט אז ער וועט פאר פרעמדע מענטשין אין די אויגען ביי איהר קיין געלד געהמען.

העער דארף! — האט זיא געזאגט איהם ערגרייפענד פאר דער האנד, ווארום קומט איהר צוא מיר נישט אריין, איז אייך מיין פריינדשאפט אזוא לעסטיג?

איך קאן צו אייך ניט קומען — האט ער גיענטפערט אונ אין זיינע אויגען האבין זיך טרערין געוויזען.

זיא האט פערשטאנען פאר וואס ער קאן צו איהר ניט קומען, זיא האט גלייך געמערקט אז ער שעמט זיך אין אזא ארעמער קליידונג מאכען וויזיטען אונ זיא האט זיך קיין ראטה געקאנט געבין וואס צו טאהן, זיא האט אויך איהם אזו פיעל רחמנות געהאט דאס ווען עס זאל מעגליך זיין וואלט זיא איהם איינפאך איהר נשמה אבגעגעבין.

מיסטער דארף — האט זיא זעהער צערטליך גיבעטען — טוהט מיר דיא געפעליגקייט אונ קומט הייטע אריין צו מיר.

איך וועל זעהען, עס קאן זיין אז איך וועל קומען — האט ער גיענטפערט — דער וייל אדיע, איך וויל אייער ספאציער ניט שטערען.

ער איז אוועק געלאפען אונ איז צו איהר ניט געגאנגען, דען וויא מיר האבין געזאגט, ער האט זיך געשעמט אין אפרעמד הויז אריין צו קומען אזו ארעם געקליידעט.

ענדליך איז געקומען יענע צייט ווען זיסעל האט בעדארפט אריין געהען צו דעם גביר בערינגטאן אונ דער פאטער האט ניט געקאנט געהן ווייל ער האט פשוט קיין שיך געהאט. זיסעל האט ארויס געזעהען אז דא קאן קומען אשטיקעל ישועה אויף זיין פאמיליע, דארום האט ער זיך בעשלאסען צוא שווארצען דאס פנים אונ געהען זוכען אגמילות חסד איין דאללאר אום דעם פאטער שיך צו קויפין.

אבער צוא וועמען געהט מען בעטען לייהען אדאללאר, ער האט זיך געפרופט אריין געהען צו ראזע גלא״ץ, זיא איז דאך פארט איין אלטע פריינדין, וויא וועט זיא אזא קליינעם גמילות חסד ניט לייהען, אבער וויא מיר ווייסען, האט ער זעהר אמיאוסין אבשייד געהאט פון ראזען אלס ער האט ביי איהר

געבעטין לייהען אדאללאר, דאס מאהל האט זיא איהם שוין גאר אפפען פון איהר וואהנונג ארויס געיאגט.

מיט אפערבלוטעטעס הערץ איז ער פון איהר צימער ארויס געגאנגען. איהם איז גיוועז אין צווייען ביטער, ערשטענס פון דעם וואס זיין געליעבטע האט איהם זא ניעדערטרעכטיג פון איהר ליעבע אב געוויזען, צווייטענס פון דעם וואס דער טאטע האט אלין קיין שיך ניט.

אסוף! — האט ער זיך געקלערט — יעצט וועל איך שוין ניט זיין אזא נאר אונ זיך יאגען נאך אזא הערצלאזעס מעדכען, איך בין צופריעדען וואס עס האט זיך אזוי געמאכט, ווענינגסטענס וועט מיר איין לאסט פון דער זעלע אראפ פאלען, איך וועל זיא שאן מעהר אין זינען ניט האבין. אבער וואס טוהט מען ווען שיך, וואו געהמט מען אדאללאר.

ער האט זיך דער מאהנט אן בערטהא שטאלץ.

איך וועל נאך פרובן צו איהר אריין געהען — האט ער זיך געקלערט — ווען מיא האט שוין איין מאל געשטעקט אין אבלאטע איז שוין דאס צווייטע מאל ניט אזוי שרעקליך אין אזומפף צו קריכען. מעהר קאן דאך ניט זיין וויא זיא וועט מיר ענטזאגען אלס איינס האב איך ניט וואס אן צו ווערין.

ער איז גלייך אוועק געלאפען צו בערטהאן.

קוים האט זיא איהם דער זעהען, איז זיא העכסט ערפרייעט איהם ענטגעגען געלאפען אונ האט איבערראשט אנעשרייא געטאהן: מיסטער דארף! אך וויא צופריעדען איך בין וואס איהר האט זיך דאך דערמאהנט אן מיר אונ זייט אהער געקומען, איך בין אייך דאפיר זעהער דאנקבאר. זיצט ליעבער פריינד, וועט איהר פילייכט טרינקען טהעע אדער איהר וועט עפעס צובייסען?

ניין! איך דאנקע, איך וויל יעצט ניט עסען אויך ניט טרינקען, אבער...

וואס? זאגט מיסטער דארף, נור ניט געשעמט, פערגעסט ניט אז איך בין אייערע אשוועסטער, דען מיר זיינען אהער אויף איין שיף געפאהרען.

איך האב אייך געוואלט בעטין אקליינע טובה.

חאטש אגרויסע, אבי איך וועל נור אין שטאנד זיין דאס צו טאהן פערשפרעכע איך אייך דאס גלייך צו טאהן.

זיסעל האט געשוויגען, ער האט ביא זיך ניט געקאנט רעכט מאכען צו בעטין ביא איהר אגמילות חסד. אבער זיא איז איהם צו הילף געקומען דאמיט וואס זיא האט געפרעגט: דארפט איהר פילייכט לייהען עטליכע דאללאר הערר דארף?

נור איין דאללאר — האט ער קוים גיענטווערט.

אך מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, נור ווארום מעהר ניט איין דאללאר איך קאן אייך לייהען פינף.

איך דארף ניט אזוי פיעל.

דאס איז פיעל? איך גלויב אז הונדערט דאללאר איז פאר אייך אויף צייט איבעריג אין אזא קריטישע לאגע.

איך וועל ביי אייך נור איין דאללאר לייהען.

טוהט מיר צו ליעב און לייט ביי מיר האטש דרייא, גאט וועט אייך העלפען וועט איהר מיר אב געבען, ביי מיר ליגט יעצט אלס איינס עטליכע דאללאר אין טאש וואס איך דארף זייא יעצט ניט.

זיא האט איהם מיט געוואלד אריין געשפארט דרייא דאללאר.

ער האט געוואלט דאנקען אבער ער האט ניט געקאנט, איהם האט זיך געוואלט וויינען, אן ווערטער איז ער אויף געשטאנען, האט איהר שטום דיא האנד געדריקט און איז אוועק געגאנגען, וועהרענד הייסע טרערין האבין זיך פון זיינע אויגען געגאסען.

מיין גאטט! — האט ער שלוכצענד געזאגט אלס ער איז פון איהר וואהנונג ארויס געגאנגען — וואס פאר אקאנטראסט צווישען ראזע גלאנץ און בערטהא שטאלץ איז, יענע איז דער טייפעל אליין און דיא איז איין ענגעל, אמוסטער פון פיינקייט.

ז.

דיא קינפטיגע מיליאנערין

ער איז זעהער אפיינער יונגער מאן.

אזו האבין אלע זיינע בעקאנטע מעדכענס זייער מיינונג געזאגט וועגין דעם אגענט דייווים קאצין.

ער איז ווירקליך געווען זעהער אפיינער יונגער מאן, אהייכער, מיט שווארצע געגרייזעלטע האאר, מיט שיינע געזיכטצינע און מיט קלוגע אויגען, געקליידעט וואר ער אימטער זעהער עלעגאנט, זאגאר אבלאער פאנסנע האט בעשטענדיג אראפ געהאנגען פון זיין הוט.

און דיא הויפטזאכע מיט וואס ער האט געקאנט געפעלען, זיינע געווען זיינע פערדינסטע, לויט וויא ער האט געזאגט, האט ער פערדינט דיא שלעכטעסטע וואך ניט ווייניגער פון צוואנציג דאללאר.

אזא יונגער מאן האט ביי דיא אמעריקאנישע מיידלאך אגרויסען ווערטה און עס איז דארום קיין וואונדער וואס אלע זיינע בעקאנטע מעדכענס האבין זיין פריינדשאפט געזוכט.

פאסט אלע יודישע מעדכענס אין ניויארק האבין קיין צייט צוא פאנטאזירען וועגען גרויסע גליקען, דען זייא ארבייטין און פערדינען יעדע נאך איהרע פעהיגקייט, נור אין רוססלאנד טרוימען דיא פריילינס פון מאנען דאקטורים אינזשענערין, אדער גרויסע קויפלייטע, אבער אין אמעריקא האט

דיא (אמ"ג)

דיא פאנטאזיע אויפגיהערט, דא ווייסען דיא איינפאכע מיידכענס אז זייא דארפין הייראטען מיט ארבייטער, אדער מיט קליינע סוחרים׳ליך אונ דערום שטעלין זייא זיך גאר ניט פאר אגלענצענד צוקונפט, וואו אייגענע עקיפאזען געשפאנט צוא טייערע פערד וועלין זייא ערוואַרטען, אונ זייערע מאגען דיא אריסטאקראטען וועלין זייא פיהרען געארעמט צוא בעלער אונ מאסקאראדען, דיא גליקען וואס איין אמעריקאנישע פריילין שטעלט זיך פאר, בעשטעהען נור אין דעם: אז זיא וועט וואהנען מיט איהר מאן אין אשיינער דירה אונ וועט ניט דארפין האלטין קיין בארדערס (קווארטיראנטען) אונ וועט אלע פרייטאג אדער שבת צו נאכט געהן מיט איהם אין טהעאטער.

יא די אמעריקאנישע מיידכענס זיינען שוין געוואהנט זיך זאלכע קליינע גליקען פאר צו שטעלין, ווייל זייא זיינען געקומען צוא דער ביטערער איבערצייגונג אז קיין גרעסערע גליקען קאנען זייא ניט ערווארטען, אלע זייערע פערהייראטהעטע חברתעס האבין בעסער ניט געמאכט, אבער אמענטשען בעזאנדערס איינגען אונפערהייראטען מענטשין געלוסט זיך דאך צוא האפין אויף אגלענצענדין צוקונפט, דערום האפען זיך אלע מיידכענס אן מיט אלע קרעפטע אן דעם חתן וואס מען קאן האפין אויפין טויזענדען פאל דורך אים אמאל צוא אהייכע שטופע צוא קומען.

אונ אזו א חתן איז געוועזן דייווים קאצין.

ער וואר קיין ארבייטער, זאנדערין איין אגענט פון פערשיידענע זאכין אונ וויא באלד ער געפינט זיך אין דער סוחרישער וועלט אונ פערדינט שוין אזו פיעל געלד, קאן ער דאך מיט דער צייט איינער פון די גרעסטע מענער אין ניוארק ווערין דען פאר קיינעם איז קיין געהיימניס אז דיא אלע אמעריקאנישע מיליאנערין האבין אויס געוואכסען פון זעהער קליינטשקע מענטשעלאך.

אלע האבין בעוואונדערט זיינע מערקווירדיגע פעהיגקייט, ער איז ערשט צוויא יאהר אין אמעריקא אונ איז שוין געווארין אפאלקאמענער אמעריקאנער, ער האט זעהר גוט גירעט ענגליש, האט פערשטאנען צוא האנדלען מיט מענטשין נאך דעם גייסט פון דעם לאנד, זא דאס עס וואר אונמעגליך צו ערקאנען אז ער איז אמאן פון דער אלטער וועלט, דאס הייסט פון איראפא.

ער וואר שוין אמאן פון איאהר דרייסיג, אבער אויס געזעהען האט ער וויא פון 25 יאהר, אויף זיינע ליפען איז אימער געלעגען אגוטמוטהיגער שמייכעלע, זא דאס מען האט געקאנט מיינען אז דער מענטש איז קיין מאל אין כעס ניט געוועזן.

יא, אלע זיינע בעקאנטע מיידלאך האבין זיין פריינדשאפט ריכטיגער געזאגט זיין ליעבע געזוכט, אבער מעהר גליק פון זייא אלע האט געהאט ראזע גלאנץ, זייט ער איז מיט איהר בעקאנט געווארין האט ער ניט אויפגיהערט זיך צו איר צו שארען אונ זיא האט דאפאן גרויס פערגעניגען געהאט.

דיא מיידכענס אין אללגעמיין האבין פערגעניגען ווען יונגע לייט זיינען אין זייא פערליבט , בעזאנדערס ווען דער פערליבטער איז אזוא אמאן וואס מען קאן איהם אויך ליעבען , דא צוא פלאמט זיך זייער פאנטאזיע , דער בלינדער גאט פון דער ליעבע טייהלט אב אביסעל פון זיין בלינדקייט אויף זייערע אויגען אונ זייא זעהען לויטער ראזען מיט בלומען פון אלע קאלירין .

דיא ערשטע צייט האט אין ראזען דיא ליעבע צוא דעם יונגען מאן איינפאך געפלאמט וויא אזעליש פייער , זיא האט ניט אויפגיהערט פון איהם צו טראכטין , איהרע אויגען האבין דאמאלס נור איהם אוים געקוקט , זיא האט געגלויבט באמונה שלמה אז ער שטעהט העכער פון אלע מענטשן אין דער וועלט אונ דיא ערד דארף שטאלצירען דאמיט וואס דייוויס קאצין טרעט אויף איהר .

ווען ער האט צום ערשטין מאהל איהר געזאגט : ראזע איך ליעבע דיך , האבין זיך אלע זיעבען הימלען פאר איהר גיעפינט אונ איהר נשמה איז אין דעם זיבענטען הימעל אריין געפלויגען , קיין מענטשען האט זיא דאמאלס פאר זיך גאר גיט גיזעהען נור לויטער ענגלען אונ דער שענסטער פון אלע מלאכים איז דייוויס קאצין , ער פיהרט זיא געאדעמט אין דעם ליכטיגען גן עדן , וואו אללע גליקליכע נשמות קוקען אויף איהר מיט נײדישע בליקען .

דייוויס קאצין איז אין איהר פערליעבט , אזו א גליק האט זיך איהר גאר ניט געגלויבט אונ זיא האט געוואלט אז אמעריקא מיט איירא זאלין זיך פעראייגען , פון ניויארק מיט ווארשא זאל ווערין איין שטאדט אום אלע איהרע אמאליגע בעקאנטע זאלין הערין זייגע ווארטין וויא ער זאגט : ראזע איך ליעבע דיך אונ זאלין זיך שטעכין הערענדיג וויא גליקליך זיא איז .

אזו א חתן וואלט דאך אין רוססלאנד געגומען א כלה מיט צעהען טויזענד רובל — האט זיא זיך געקלערט — עפעס אקליינינקייט אזו א שיינער יונגער מאן אזו א געבילדעטער וואס פערדינט מינדעסטענס הונדערט דאלאר אמאנהייט , דאס איז רוססישע 200 רובל , אין רוססלאנד נעמט דער בחור וואס קאן פערדינען בלויז צעהען רובל אוואך אפאר טויזענד רובל נדן , היינט זיפיל וואלט שוין דייוויס קאצין גענומען .

זעלבסט פערשטענדליך אז זיא האט לאנג ניט געקלערט אונ האט אים גיענטפערט אז זיא האט זיך קיין מאל קיין בעסערין חתן ניט געוואונשען אונ זיא ליעבט איהם אויך מיט דעם גאנצען פייער פון דער ערשטער הייליגער ליעבע .

וואס פאר נשמה האט שוין בייא איהר געקאנט האבין דער ארעמער זיסעל דארף , וואס טייג ניט מעהר וויא צוא שרייבין אידיש ליעדעל וויא דיא ווייבער זאגין : „בראם שטראם מאך מיר אלעטניק״ , זיא האט זיך

נאר

פאר געשעמט דאמיט וואס זיא איז אזוא דום געוועזען אונ האט אזו איין סובּיעקט געליעבּט.

עס איז געבּליבּען בייא ראזען מיט קאצינען זייא זאלין ווערין מאן אונד ווייב.

אבּער מערקווירדיג, באלד נאך דעם ווארט וואס זייא האבּין זיך איינער דעם צווייטין געגעבּין איז דיא פייעריגע ליעבּע וואס האט געבּרענט בייא ראזען אין דער ברוסט צו דייוויסן אסך שוואכער געווארין, זיא האט אליין ניט פערשטאנען ווארום דיא פערענדערונג איז געקומען אין איין מאמענט. אלס דייוויס איז געזעסען בייא איהר אין צימער שטארק פערטראכט, איז איהר זיין טראכטין ניט געפעלען געווארין, עפעס האט זיין געזיכט דאמאלס פערלארען דעם חן מיט וועלכען ער האט זיא זא בעצויבּערט.

זיא האט זיך זעלבּסט קיין רעכענונג געקאנט אבּגעבּין ווארום ער האט אין דער מינוט אנדערש אין איהרע אויגען אויס געזעהען אלס זאנסט, זיא האט זיך זעלבּסט פארווירפע געמאכט דאפיר וואס זיא איז אזו לייכטזיניג, אבּער קיין זאך האט געהאלפען, זאנאר זיססעל דארף דער גראמענשרייבּער האט אין איהרע אויגען דאמאלס מעהר חן געהאט אלס דיעזער פראנט מיט זיינע גרויסע פערדינסטע.

דאס וואר די אורזאכע וואס זיא האט איהר בענעהמונגען געגען זיססעל דארף בעשטענדיג געענדערט, דען דער פערגעטערטער דייוויס קאצין האט אין איהרע אויגין אלע מאל אלץ אנדערש אויס געזעהען, עס זיינען געוועזען צייטין וואס זיא האט איהם בעטראכט אלס איין ענגעל פון זיין ליבּען נאמען אונ מאנכעס מאל האט ער זיין גאנצין חן בייא איהר פערלארין, אהנע דאס זיא האט געוואוסט איין אורזאכע, ווארום ווייזט ער יעצט אויס אנדערש אלס פריהער.

קאצין האט בעמערקט דאס ראזע איז צוא איהם ניט אלע מאהל ליבּענסווירדיג דארום האט ער אלע קרעפטע אנגיווענדעט איהר ליעבּע אונ פריינדשאפט אויף אימער צו געווינען, ער האט געוואוסט אז זיא האט זעהער ליעב רייכטהום, דארום האט ער וועגען דעם געגענשטאנד בייא יעדער געלע-גענהייט מיט איהר געשפראכען.

זא צום ביישפיעל הערין מיר אין איינעם פאר נאכט וויא ער רעדט צוא איהר פאלגענדע ווארטען:

מיר האט זיך היינטע געמאכט אשטיקיל געשעפט, אבּער איך קאן מיך ניט בעשליסען איהם אן צופאנגען.

וואס איז דאס פאר א געשעפט — האט זיא ניי'געריג געפרעגט.

אבּייער מאן האט געקויפט ניט ווייט פון ניויארק אגרויס שטיק לעדיג ערד וואו מען קאן אויס שטעלען אגאנצע שטאט, ער האט דאס איינגעטהיילט

אין לאטס *) אונ ער וויל יעדען לאט פערקויפען צוא הונדערט דאללאר, האט ער מיך ניבעטין איך זאל זיין זיין הויפט אגענט אין דעם גאנצען געשעפט.

דאס איז ניט קיין קרום געשעפט — האט ראזע געזאגט — וואס קאנסט דוא פון דעם האבין?

מיר האט ער בעשטימט צעהן דאללאר פון יעדען לאט וואס וועט זיך פערקויפען.

וויפיל לאטס איז דארט פאראן ארום אונ ארום.

אונגעפעהר צעהן טויזענד.

צעהן טויזענד לאטס? — האט ראזע איבערראשט אגעשריא געטאן — קאנסט דוא דא פערדינען הונדערט טויזענד דאלאר?

יא ווען אלע לאטס זאלין זיך פערקויפען.

נוא וויא מיינסט דוא קאנען זייא זיך יא פערקויפען?

ווארום ניט, ווייסט דוא דען ניט אז אלע שטעדט פון אמעריקא האבין זיך אויף אזו איין ארט אונד וויזע אויס געשטעלט, פריהער האבין זיך פער־קויפט איינציגע לאטס נאכהער איז פון דעם געווארין אגאנצע שטאדט.

נוא אונ דוא ווילסט דיא שטעלע ניט אן געהמען?

ניין.

ווארום?

ווייל איך וויל בעסער זיין אשותף צום גאנצען געשעפט.

קאנסט דוא דען אריינלייגען אזו פיעל געלד?

איך דארף קיין געלד ניט אריינלייגען, מיין ארבייט איז טייערער פון זיין געלד, ווייסט דו ניט מיין זיסע ראזע אז קויפען איז קיין קונסט, אקונסט איז צו פערקויפען.

נוא וועט ער דען ניט געפינען נאך אזו א בריה וויא דוא ביזט?

זאל ער זובען, איך ווייס אז ער וועט אזו א מאן וואס איז וויא בע־שאפען צוא דעם גישעפט ניט געפינען.

גלויבסט דוא אז ער וועט געצוואונגען זיין דיך צו געהמען אלס שותף אין דיעזען גרויסען געשעפט.

איך צווייפלע גאר אין דעם ניט.

אויב דוא קאנסט דאס אויס פיהרען איז געוויס גוט, אבער איך וואלט דיר געראטהען, דוא זאלסט בייא איהם אן געהמען די שטעלע אלס אגענט.

דוא וועסט אבער זעהען אז איך וועל מיינס אויס פיהרען, איך מוז ווערין אפאלקאמענער שותף צוא דעם געשעפט.

זעהר

*) לאט הייסט אזו א שטיק פלאטץ וואו עס קאן זיך אויס שטעלין אגעוועהנליך אמעריקאנישע הויז.

זעהר שיין װען דוא װעסט דאס אוים פיהרען װעט דאס מיר געװיס הנאה טאהן, דאס דארף איך דיר ניט זאגען.

דוא דארפסט דאס טאקע מיר ניט זאגען, איך פערשטעה אליין װאס איך האב צוא טאן, איך פערשטעה אז איך דארף דיך מיין לעבין, גליקליך מאכין אזו גליקליך מאכין אז אלע אמעריקאנישע גרעסטע דאמען זאלין דיך בעניידען, איך מוז דיך אריין זעטצען אין אין איינען פראכטפאלעס הויז, דוא מוזט ביא מיר פאהרען אין איינענע עקיפאזען, קורץ אונד גוט איך װעל ניט רוהען ביז דוא װעסט װערען איינע פון דיא ניוארקער רייכסטע לײדים (דאמין).

דיא װארטען װארען גענוג דער געלדגיעריגער ראזען צוא פערזעטצען אין אשיינער פאנטאזטישער צויבער װעלט, אונ װיא באלד קאצין איז דער מאן װאס קאן אזו א װעלט אין דער װירקליכקייט בעשאפין, האט ער דאך פערדינט מען זאל איהם ליבען מיט לייב אונד זעלע.

אונ זיא האט זיך בעשלאסען איהם זא צו ליבען, נור זיינע, עװיג זיינע צוא זיין, דארום איז קיין װאונדער װאס זיא האט זיסעלע דארף דעם לעצטען אדיע געזאגט, דאמיט װאס זיא האט איהם פון איהר צימער ארוים געטריבען.

זיא איז געװארין קאצינס כלה אונ פאר איהרע אויגען האט געשװעבט איהר איינען פרעכטיג הויז אין דער פינפטער עװעניו, דיא עקיפאזען װאס װעלין זיא מיט איהר ליעבען מאן פיהרען איבער דיא ניוארקער גאסען אונ דיא פיעלע בעדינטע װאס װעלין זיא ארום רינגלען אונ װעלין איהר קוקען אין דיא אויגען פיליכט װינשט זיא עטװאס.

אלע איהרע חברתעס האבין איהר גראטולירט, זיא האט פאר דיא גראטולאציאנען בעדאנקט מיט אזו א שטאלצער מינע װיא זיא זאל שוין זיין דיא גרױסע מיליאנערין לײדי קאצין.

ח.

דיא גליקליכע פאמיליע.

איז בערנארד בערינגטאן אגעװעהנליכער מענש אדער אמלאך?

דיא פראגע האבען דיא מיטגלידער פון אהרן דארפס פאמיליע איינער דעם צװייטען געפרעגט אונ זיא זיינען איינשטימיג צו דעם רעזולטאט געקומען, אז ער איז אגוטער ענגעל אין מענש [illegible].

זייא האבען פאלעס רעכט געהאט זא צו [illegible], דען אפרעמדער רייכער מאן װעלכען זייא האבען קיין מאל געקאנט [illegible] ער זייא געװיס

ניט, זאל מיט זיי אזוי פיעל גוטעס טאהן, איז דאס ניט אנדערש ווי נור ער איז א מלאך.

די אונגליקליכע האבען געוואוסט אז ביי זיי אין שטעדטעל קויפט מען זיך אנאמען בעל צדקה ווען מיא ווארפט יעדען טאג אריין אנגראשען אין רבי מאיר בעל הנס פושקע, אדער מיא גיט א ישיבה בחור איין מאל אין וואך א טאג עססען, ווען מיא זאל דארטען ערצעהלען אז איין מענש האט געגעבען א נדבה מיט אמאל א נארעמע פאמיליע טויזענד דאללאר (צוויי טויזענד רוסישע רובעל) וואלט מען דאס געוויס ניט געגלויבט, דען ווי אזוי קען דאס א מענש האבען אזא געזונד הארץ און אבגעבען צוויי טויזענד רובעל א נדבה, יעצט האבען זיי אליין אזא נדבה ערהאלטען פון איין גביר, אויסער דעם האט ער נאך זייער זיסלען געגעבען ביי זיך א שטעלע און פאר דער ערשטער וואך האט ער איהם בעצאהלט צעהן זילבערנע דאללאר.

דער אויסדריק „פון טויט לעבענדיג" איז ווייניג דאמיט צו שילדערן ווי די בעגליקטע פאמיליע האט זיך יעצט געפיהלט. אויף זיי קאן מען ווירקליך זאגען אז זיי האבען געגאסען פון דעם עכטען גליקסבעכער, דאס איז קיין קליינינקייט איבער צו געהען אין איין מאמענט פון גרעסטען נאמה אין רייכטהום, דען טויזענד דאללאר איז ביי זיי געוועזען א קייזערליכער רייכטהום און זיסלעס צעהן דאללאר א וואך, איז אויך ניט געוועזען א פינפטע ראד צום וואגען, מיט זיי אליין האט מען שוין געקאנט פערטרייבען דעם דלות פון שטוב.

אין אכט טאג ארום ערקאנען מיר שוין דיזע מענשען ניט, זיי וואהנען שוין ניט טאפ פלאר (אויף דעם העכסטען שטאק) אין לודלאוו סטריט, זיי וואוינען שוין אין פיער שיינע צימערין אין הענרי סטריט. מיא זעהט שוין ביי זיי פיינע מעבעל, שיינע געשיר, אלע זיינען זעהר שיין בעקליידעט, פון זייערע געזיכטער איז פערשוואונדען יענע פערצווייפלונג וואס מיר האבען פריער געזעהען, יעדער פון זיי האט ווי פריש אויף געבליהט, עפעס האט זיך פאר זיי געעפינט א נייע וועלט און א נייא לעבין האט זיך אנגעהייבען.

איז דאס דער זעלבער זיסעלע?

אין דער אכט טאג איז ער אזוי פערוואנדעלט געווארין אין א נ'אנדער מענשען דאס עס איז שווער איהם צו ערקאנען, ער גייט שוין געקליידעט ווי א נ'עכטער אמעריקאנער, דאס קליינע בערדעל וואס האט זיין געזיכט ארום גערינגעלט איז שוין ניטא, מיא האט געקאנט שווערען אז א נייא הויט האט זיין געזיכט בעצויגען, דוכט זיך ער איז געווארין פיעל העכער גלייכער און מענישער, די בליקען האבען גאר

אנדערש געקוקט, מען האט אין איהם דערזעהן מוטה, קוראזש און לעבענדיגקייט.

יעדען טאג ווען ער פלעגט קומען אהיים פון גישעפט, האט ער ערצעהלט וואס ער האט אין דעם טאג געטאהן און וויא ער בעמיהעט זיך זיין פרינציפאל צופרידען צו שטעלען און איהם שיינט אז מיא איז מיט איהם צופרידען, אבוואהל דער הערר בערינגטאן האט איהם וועגען דעם גאר ניט געזאגט, אבער דאס אליין וואס מען צייגט איהם קיין אונצופרידענע מינע בעווייזט דאך דייטליך אז מיא איז פון איהם צופרידען.

אונבעשרייבליך וואר זיין פריידע אלס ענדע וואך האט איהם דער הערר בערינגטאן געגעבען צעהן דאללאר און האט איהם געזאגט: ווען איהר יונגער מאן וועט אימער זא פלייסיג זיין וועט איהר אלץ וואס ווייטער שטייגען העכער.

יענער טאג איז גיווען דער גרעסטער יום טוב פון זיין ביזהעריגען לעבין, דאס ערשטע מאל אין זיין לעבין האט ער פערדינט צעהן דאללאר און דאס ערשטע מאל צייט ער לעבט האט ער יעצט זיך געפיהלט אלס מענש וואס קאן אויך עפעס נוטצען בריינגען אין אגישעפט.

פאטער! — האט ער איין מאל אין דער צווייטער וואך אנגעשרייא געטאהן קומענדיג אהיים פון קאנטאר — דער הערר בערינגטאן האט מיך הייטע געפרעגט אויף דיר.

וואס האט ער דיך געפרעגט? — האט אהרן זעהער נייגעריג געפרעגט.

ער האט מיך געפרעגט וואס דוא מאכסט און צו האסט דוא שוין עפעס געפונען אגעשעפט.

נוא וואס זשע האסט דוא איהם גיענטווערט.

איך האב איהם גיענטווערט אז דוא זוכסט עפעס אגישעפט, נור דערווייל האסט דוא גאר ניט אויסגעפונען.

נוא וואס זשע האט ער געזאגט.

ער האט געזאגט: עס מאכט ניט אויס, ניט אזויא לייכט געפינט מען אין אמעריקא אגעשעפט וואס מיא קאן זיכער זיין אז ער וועט בריינגען פראפיט, זעהער גלייך — האט ער געזאגט — טוהסט דוא וואס דוא האפסט זיך ניט צו אבי וואס.

וואס נאך האט ער מיט דיר גערעדט?

מעהר גאר ניט.

איך האב געזאגט און זאג עס נאך אמאל אז דער מאן איז אמלאך — האט אהרן געזאגט — אנ'אנדערער אויף זיין פלאטץ וואלט זיך געקלערט: טוה איודען אטובה, גיב איהם געלד אויף אגישעפט און ער זיצט זיך און עסט פון גרייטען, וויא איך בין איוד שווער איך דיר זיסעל, אז דער מאן איז אמלאך.

אין דער זעלבער וואך איז זיסעל געקומען ווייטער מיט אַ־ייעס.

היינט האט ווידער דער הערר בערינגטאן מיט מיר גערעדט.

וואס למשל האט ער מיט דיר געקאנט ריידען — האט אהרן פערגעניגט געפרעגט און האט אשטארקען שמעק געטאהן.

ביי איהם איז געוועזן אמאן קענטיג אגרויסער מענש, און האט איהם גיבעטען ער זאל איינעם אגרינעם יודען פון דער שטאדט פינסק שטיטצען, מיין פרינציפאל האט איהם געהייסען אריינקומען אין אנ'אנדער צימער און אלס דער מאן איז אוועקגעגאנגען האט מיך דער מיסטער בערינגטאן צוגערופען צו זיין טיש און האט מיך געפרעגט צו מיר איז בעקאנט דער נאמען פינסק. איך האב איהם גלייך גיענטפערט אז פינסק איז ניט ווייט פון מיין שטעדטעל הארידאק, דא האט ער מיך אנגעהייבען אויס צו פרעגען וויא גרויס איז הארידאק, וויא דיא שטעדטיל ווייזט אויס צו זיינען דארט פאראן שיינע פאלאצען און איך האב איהם פאר געשטעלט אונזער שטעדטיל וויא איך קאן זיא, ער האט מיך אויך געפרעגט צו דארט געפינען זיך רעכטע מענשען און איך האב איהם געמוזט אלעס ערצעהלען ווער אונזערע פיהרער זיינען און וואס פאר אנ'ארט לעבין זייא פערברייגגען. אלע מענשען פונ'ם קאנטאר האבען זיך ניט געקאנט אבחידושין פון דעם וואס דער גביר רעדט מיט מיר אזויא לאנג און אזויא פריינדליך.

אפיינער מאן בלייבט אין אלע פרטים פיין — האט אהרן געענטפערט — וואלט דאס ארויסטישער גביר געטאהן ריידען מיט זיינעם אפריקאשציק וויא מיט זיינס אגלייכען?

נור דאס איז נאך ניט נאר טאטע — האט זיסעלע שמייכלענד געזאגט.

וואס? דוא האסט נאך עפעס גוטעס צו ערצעהלען?

יא זעהער גוטעס, עס איז געקומען ווייטער צו רייד וועגען אונזער פאמיליע, האט ער מיך געפרעגט וויפיעל ברידער און שוועסטער איך האב, נוא האב איך איהם דער ציילט אז איך האב צוויא שוועסטער וואס איינע איז שוין צייט חתונה צו מאכען און צוויא קליינע ברידערלאך, האט ער אמינוט געטראכט און האט געזאגט: גיט איבער אייער פאטער אז אינ'ם פאל ווען ער וועט פאר זיין טאכטער געפינען ארעכטען חתן וועל איך איהר געבין טויזענד דאללאר נדן און נאך אשיינעם דרשה געשאנק.

וואס רעדסט דוא? — האט אהרן געפרעגט און זיינע אויגען האבען זיך אזויא ברייט גיעפינט וויא ער זאל דארפען זעהען אמערקווירדיגע ערשיינונג — אזויא האט ער געזאגט?

יא טאטע דאס זיינען זיינע ווערטער.

ספרינצע דוא הערסט? — האט אהרן אנעשרייא געטאהן צוליפענד

צום קיך וואו זיין ווייב האט צו געגרייט אבענדברארט — קום נור אהער גיעט דוא עפעס הערען .

וואס איז דאס אזיינס ? — האט ספרינצע געפרעגט זיך שטעלענד אין דער קיך טיהר מיט פערקאטשעטע ארבעל .

דער הערר בערינגטאן האט צו געזאגט געבען אונזער ביילען טויזענד דאללאר נדן אחוץ אשיינעם פריזענט .

דוא מאכסט חוזק ארטשיק ? — האט ספרינצע געפרעגט אונ איהרע אויגען האבען אנגעהייבען צו פינקלען פון גרויס פרייד .

שוטה ! פאר וואס זאל איך פון דיר חוזק מאכין , וואס ביזט דוא חלילה אמשוגענע ? אט הער וואס זיססעלע ערצעהלט .

זיסעל דאס איז טאקי אנ'אמת ? — האט דיא גליקליכע מוטער געפרעגט .

עס פערשטעהט זיך אז דאס איז אנ'אמת — האט זיסעל גיענטפערט — דער גביר אליין האט דאס מיר מיט זיין מויל געזאגט .

רבונו של עולם — האט ספרינצע אויסגעשריען מיט פייער אויפהייבענדיג איהרע הענד מיט דיא פערקאטשעטע ארבעל צום הימעל — דיינע וואונדער קאנען מיר זינדיגע מענשען גאר ניט פערשטעהן . שיק גאטטוניא דיין ברכה אויף דעם גוטען מלאך וואו ער וועט שטיין אונד געהן .

אמן ! — האבען ביידע , אהרן מיט זיססלען גיענטפערט אונ זייערע אויגען זיינען פול געווארען מיט פריידענטראהנען .

ט.

אבגעגעבענער בראדט .

פלייסיג האט געארבייט ביא זיך אין צימער דיא שיינע בערטהא טמאלץ . געשמאקפאל האט זיא צוזאמענגעשטעלט אבוקעט פון פאלשע בלומען ,וועלכע האבען אויסגעזעהן זא עכט , דאס ביז מען האט זיך צו זיא ניט צוגעריהרט אונ גוט כעטאפט האט מען ניט געקאנט פאר קיין פאל פערשטעהען אז זיא זיינען ניט קיינע עכטע נאטירליכע רויזען .

ווען אזייטיגער בעאבאכטער זאל גיוועז אויף איהר אקוק טאהן , וואלט ער באלד פערשטאנען , אז וועהרענד איהרע שיינע הענד ארבייטען זא פלייסיג דעם בוקעט האט זיא אין זינען עטוואס אנדערש . דען אויף איהר ליעבעם געזיכט איז וויא שאטען גלעגענען , אונ דיא מינעם האבען זיך אלע וויילע געביטען . אמאל האט זיא וויא אשמייכעל אויף איהרע ליפען געוויזען אונ אמאל האט זיך אצוג פון כעם אוים געשפרייט אונטער איהרע זיידענע ווימפערין (ברעמען) , אנ'אנדערש מאל איז דאס געזיכט שטארק

בעקיממערט

בעקימטערט געוואָרען און דער אַלבּאַכטער ווייסער שטערין האט זיך צוזאַמען געקנייטשט.

עס איז געוועזען ריכטיג 12 אוהר שבת מיטטאָגסצייט. איהר ווירטהין מיסיס דזשייקאבסאהן האט זיא שוין צוויא מאל גערופען צום טיש עססען דינער (מיטאַג), זיא האט געענטפערט: באַלד קום איך און איז דאך ניט געגאַנגען. קענטיג אַז זיא האט זיך גאר פערגעססען אַז מיא דאַרף עססען מיטאַג.

דיא מיסיס דזשייקאבסאהן איז צום דריטען מאל אַריינגעקומען און האט שוין מיט פערדרוס געזאָגט: מיס (פרייליין) שטאַלץ מיר וואַרטען שוין אויף אייך היבש עטליכע מינוטען, דאס עססען וועט קאַלט ווערען.

ענטשולדיגט מיר מיסיס דזשייקאבסאהן — האט בערטהא געענטפערט איוועקלייגענדיג דיא אַרבּייט פון דער האַנד — איך האב געוואָלט ביז 12 ענדיגען דעם בוקעט.

עס מאַכט ניט אויס אַז ער וועט פערטיג ווערין מיט איינינע מינוטען שפּעטער. דיא מיסיס נאָלד דאַרף עס ערשט האָבען אויף ביי נאַכט צום באַאַל.

איך האב איהם געוואָלט ענדיגען ניט אַזויא צו ליעב דער מיסיס נאָלד וויא צו ליעב זיך אַליין, דען איך וויל היינטע נאך מיטאַג זיך אַביסעל דורכגעהען.

וואָהין?

אַזויא אַביסעל ספּאַציערען.

היינטע ווילט איהר געהען ספּאַציערען, וואָרט ליעבערסט אויף מאָרגין, דען מאָרגען איז זונטאַג אַלעדינגער טאַג אין וועלכען איהר אַרבּייט ניט.

איך וועל בעסער מאָרגען נאך האַלבען טאַג אַרבּייטען, איך מוז אייך זאָגען אַז היינטע איז מיר דיא אַרבּייט זא שווער, פּאַסט אונגערטרעגליך.

וואָרום איז אייך היינטע דיא אַרבּייט זא שווער?

ווהער איינפאַך ווייל איך בין ניט געוואָהנט געוואָרען שבת עטוואס צו טאָהן.

אַזויא? — האט דיא מיסיס דזשייקאבסאהן געלאַכט — איהר ווילט פרום ווערען.

דאס איז ניט צו ליעב פרומקייט זאָנדערן געוואָהנהייט, ביי מיינע עלטערן אין הויז האט מען שבת קיין מאל ניט געאַרבּייט.

אָבער אין אמעריקא ווייסט איהר דאך אַרבּייטען דיא פרומסטע מענשען אום שבת, ווייל דיא רעגירונג האט שטרענג פערבאָטען אום זאָנטאַג צו אַרבּייטען און צוויא טעג אין דער וואך אַרום געהן לעדיג דאס איז אונמעגליך.

איך האב געזעהען פיעל געשעפטע וואס זיינען אום שבת געשלאָססען.

דאס זיינען געשעפטע פון רייכע לייט וואס קאנען אויסהאלטען צווייא טעג אין דער וואך ניט צו ארבייטען, אבער מיר קבצנים, וויא קאנען מיר זיך גלייכען צו זייא, פאר אונז עקסעסטירט קיין שבת, בייא אונז איז זאנטאג שבת.

בערטהא האט ניט גיענטפערט, זיא האט אוועקגעלייגט דיא ארבייט אונ איז אריינגעגאנגען אין דעם צימער וואו דיא פאמיליע דזשייקאבסאהן זיינען געזעסען ארום דעם געדעקטען טיש אונ האבען נור געווארט אויף איהר מיט דעם עסען.

זיא האט זיך אויך געזעצט צום טיש אונ האט געגעסען אהן אפעטיט.

איהר ווייזט מיר עפעס הייטע אויס זעהער בעזארגט פריילין שטאלץ — האט דיא מיסיס דזשייקאבסאהן געזאגט — דארף איך פרעגען וואס דאס בעדייט.

נאר ניכט'ס — האט בערטהא גיענטפערט — איך בין הייטע דעם גאנצען טאג בייא שלעכטער לוינע אונ איך קאן זיך זעלבסט קיין רעכנונג אבגעבען ווארום איך בין אונמוטהיג.

איהר האט זיך געוויס געמוזט פערבענגען נאך אייערע עלטערען.

ניין, מיינע עלטערען האבען ניט פערדינט איך זאל נאך זייא בענגען, נור, וויא איך האב אייך געזאגט, מיר איז גלאט אונמוטהיג, דאס איז אבער גאר קיין וואונדער, בייא יעדין מענשען טרעפט אפערענדערונג אין זיין טעמפעראטור.

ווערט איהר שוין היינט ערגעץ ניט געהן?

ניין, איך וועל אבלייגען דאס ספאצירען געהן אויף מארגען.

דאס עסען האט ניט לאנג געווערט, אלע זיינען פונ'ם טיש אויפגעשטאנען אונ זיינען זיך צו גאנגען יעדער צו זיין בעשעפטיגונג, אויך בערטהא איז אין איהר צימער אריינגעגאנגען אונ האט זיך גענומען ענדיגען דעם בוקעט.

קוים האט זיא נור אנגעהייבען צו ארבייטען האט מען אנגעקלאפט אין איהר טיהר.

דאס מוז געוויס געהען דאס דינסטמעדכען פון דר מיסיס גאלד נאך דעם בוקעט — האט זיך בערטהא געקלערט אונ האט דארום גאר ניט געוואלט דיא טיהר עפענען.

אלס אבער מען האט צום צווייטען מאל אנגעקלאפט, האט זיא זיך שוין ניט געקאנט איינהאלטען אונ האט דיא טיהר גיעפינט.

מיסטער דארף? — האט זיא זא איבערראשט אויסגעשריען וויא זיא זאל דער זעהען איהר מוטער פון יענער וועלט — איהר זייט דאס ליעבער פריינד?

ביא איך איז נאך אצווייפעל צו דאס בן איך? — האט ער שמייכלענד געפרעגט איהר דיא האנד רייכענד.

איך האב איך אין דעם ערשטען מאמענטווירקליך ניט ערקאנט, אין דיא צוויא וואכען וואס איך האב איך ניט געזעהען זייט איהר גאר אנ׳אנדער מענש געווארען. איך מוז איך מאכען אקאמפלימענט אז איהר זעהט הייטע פראכטפאל אויס.

נוא דאנק איך איך פאר דעם קאמפלימענט פריילין שטאלץ, לײדער קאן איך איך דעם זעלבען קאמפלימענט ניט מאכען, ווייל איהר זעהט הייטע בלאסער אויס אלס זאנסט.

דאס איז דערפאר וואס איך בין ניט אין גאנצען געזונד גיוועזען.

אבער יעצט זייט איהר רעכט געזונד?

יא גאט זייא דאנק, איך פיהל מיך אין געזונד פארטרעפליך.

דאס פרייעט מיך זעהער. יעצט פריילין שטאלץ לאמיר ריידען פון אנדערע זאכען, צו אלעם ערשטען נאט איך אף דעם חוב וואס איך קומט פון מיר מיט אגרויסען דאנק דאצו.

ער האט אוועקגעלייגט דרייא דאללאר אויפן טיש.

שוין אזויא גיך האט איהר מיר דעם גרויסען חוב אבגעבראכט? — האט זיא שמייכלענד געפרעגט.

גרויס צו קליין, ביא מיר איז דאס גיוועזען אזויא גרויס, ריכטיג וויא ביא אנ׳אנדערן אמיליאן דאללאר. צווייטענס וועל איך איך ערצעהלען זעהער וויכטיגע נייעס פון זיך ס׳הייסט פון מיר אליין.

אויב גוטע נייעס וועט עס מיך זעהר פרייען זייא צו הערען.

זעהער גוטע נייעס פריילין שטאלץ, איך האב שוין ארבייט און איך האב דיא ערשטע וואך פערדינט צעהן דאללאר.

אהן שפאס? — האט בערטהא העכסט ערפרייעט אויסגערופען.

יא פריילין שטאלץ. איך האב איך דיא ריינע ווארהייט ערצעהלט, איהר וועט זיך נאך מעהר וואונדערין אלס איהר וועט הערען אז איך האב אין איינעם פון דיא היזיגע רייכסטע באנק געשעפטע אריינגעטראטען אלס קלערט (פריקאשציק).

איך גראטולירע איך ליבער פריינד — האט בערטהא געזאגט איהם דיא האנד רייכענד — נוא זעהט איהר שוין אז אמענש דארף דיא האפנונג ניט פערלירען זאנאר דאן אלס דער מעסער ליגט איהם אויף דעם האלז, געדיינקט איהר האטש מיינע ווארטען וואס איך האב איך געזאגט איהר זאלט קיין מוטה פערלירען און דיא האפנונג ניט אויפגעבין ווייל פאר אזא יונגען מאן וויא איהר זייט איז אפען דיא גאנצע וועלט.

צו איך געדיינק אייערע ווארטען? — האט זיססעל גיענטפערט — איך וועל זייא קיין מאל פערגעסען, אימער וועל איך געדיינקען אז

איהר זייט ניוועז דיא איינציגע וואס האט מיך אין מיין שלעכטער צייט פריינדליך בעהאנדעלט אונ האט מיר מוטה געגעבין מיינע ליידען געדולדיג איבער צוטראגען, יעצט נאט זייא דאנק בין איך גליקליך, דען דער פרינציפאל ביא וועלכען איך דין איז אגעננעל גאטטעס, ער האט מיט אונז געטאהן אזויא פיעל נוטעס וואס קיין פאטער וואלט דאס פיליכט מיט זיינע קינדער געטאהן.

ער איז א גרויסער גביר?

יא ער איז א מיליאנער, עס קאן זיין אז איהר האט פון איהם גיהערט, ער הייסט בערנארד בערינגטאן.

בערינגטאן איז אייער פרינציפאל? — האט בערטהע העכסט פערוואונדערט געפרעגט.

יא, איהר קאנט איהם דען?

איך קאן איהם ניט פערזענליך אבער איך האב פון איהם גיהערט איז ער ווירקליך אזא פיינער מאן וויא איהר זאגט?

איך האב אייך שוין מיטגעטהיילט אז ער איז אנ'ענגעל גאטטעס. ווען ניט איהר זאלט דאס מיר זאגען וואלט איך עס ניט געגלויבט.

ווארום?

גאר ניט... האט זיא וויא קעמפפענד מיט זיך אליין גיענטפערט — איבעריגעס מאג ער זיין וואס ער וויל, אבי צו אייך איז ער גוט איז ער לאבענווערטה.

אבער פריילין שטאלץ — האט זיסעל געזאגט — איך ערקאן אן אייך אז איהר האט וועגען דעם מענשען שלעכטס גיהערט.

וואצו דיא איבעריגע ווארטען מיכטער דארף — האט זיא מיט אנ'אונצופרידענע מינע גיענטפערט — וויא באלד איהר בעטראכט איהם פאר אנ'ענגעל, האט ער דאס וואהרשיינליך פערדינט, איך ארבייט יעצט גראדע אבוקעט פאר אמיסים וואס דארף ביא מיסטער בערינגטאן הייטע אבענד אויף דעם באל זיין.

איז דען ביא איהם הייטע אבענדס אבאל?

מיר איז אוואונדער איהר זאלט ניט וויסען אז ביא אייער פרינציפאל איז הייטע אבענדס אבאל.

וואס געהט דאס מיך אן, איך בין דאך אין זיין געשעפט נור אקלערק, וועט ער מיר ניט ערצעהלען וואס ביא איהם אין שטוב טוהט זיך.

אויב איהר ווילט קאן איך אייך ערצעהלען וואס פאר אבאל ביא איהם איז הייטע אבענדס.

פון וואנען ווייסט איהר דאס?

מיר האט דאס ערצייהל דאס דינסטמעדכען פון דער פרויא פאר וועלכע איך ארבייט דיזען בוקעט, דיזעס מעדכען האט זעהר ליעב

פיעל צו ריידען, חאטש איך האב זיא גאר ניט געפרעגט האט זיא מיך קלאר געמאכט מיט דער גאנצער געשיכטע פונ'ם היינטיגען באל

וואס פאר א געשיכטע קאן דא זיין?

דא איז גאר אנ'איינפאכע געשיכטע, דער גביר בערינגטאן האט א טאכטער זיא הייסט לוירא, מיא זאגט אז זיא איז איינע זעלטענע שיינהייט, נוא געוואוינליך צו אזא גבירס א טאכטער און נאך א גרויסע שיינהייט דאצו שדכנען זיך פיעל חתנים, ביז אהער האט דער רייכער פאטער צווישען דיא אלע יונגע לייט ניט געפונען איינעם וואס איז ווירדיג זיין שוויגערזאהן צו זיין, נור דא אין דער לעצטער צייט איז דער רעכטער פעריל ארויפגעשוואומען, דאס איז א יונגער מאן וואס איז זעהער רייך, ער האט מיט איינינע מאנאטען צוריק אויך אין בראדוויא א גרויסען באנק געשעפט געעפינט, זיין נאמען איז מאקס קנאפפמאן, צו דעם געלד וואס ער האט איז ער אויך זעהער א שיינער יונגער מאן און פון דער גרעסטער פאמיליע אין פעטערסבורג, מיא זאגט אז ער קאן נאך אפילו גוט ענגליש ניט ריידען און דאך איז ער שוין אזויא גוט בעקאנט געווארען מיט דעם אמעריקאנישען האנדעל, אז ער מאכט דא דיא בעסטע געשעפטע, דעם הערען בערינגטאן איז ער זעהער געפעלען געווארין, דארום לאזט ער זיך צו איהם שטארק צו און הייטע אבענד פייערט דער מיסטער בערינגטאן זיין טאכטערס געבורטס טאג מיט אזא פאמפ ניט מעהר וויא צוליעב דיזען קנאפפמאן, עס קאן זיין אז צום באל זאל געשלאססען ווערין דער שידוך צווישען איהם אונד פריילין לוירא בערינגטאן.

דאס זיינען פאר מיר אינטערעסאנטע נייעס — האט זיסעל געזאגט — ווייל זייא בעלאנגען צו דיא פאמיליענפערהעלטניססע פון מיין וואלטהעטער

הייטע ארבייט איהר ניט הערר דארף?

ניין. שבת איז בייא מיין פרינציפאל דאס געשעפט געשלאססען, מיט דער לעדיגער צייט האב איך זיך בענוטצט אייך פריילין שטאלין צו בעזוכען, יעצט וויל איך מיר אויך געהמען דיא פרייהייט אייך איינלאדען צו אספאציר.

לייֿדער קאן איך הייטע אייער פערלאנג ניט ערפילען, ווייל מיינע ווירטהין וויל דורכאויס איך זאל ארבייטען שבת און זאנטאג רוהען.

דאס איז נאך אלץ ווענינ וואס זיא וויל. איך גלויב אז איהר האט אויך אוילען.

יעצט האב איך קיין אייגענם ווילען, איך בין דערווייל פערשקלאפט.

וואס הייסט פערשקלאפט?

זעהער איינפאך, איהר קומט פון מיר 25 דאללאר.

נוא פאר אזא קליינע סומע האט זיא אייך אבגעקויפט?

איהר האט דאך אליין געזאגט אז מאנכעס מאל זיינען בלויס איינינע דאללאר וויא אמיליאן .

אבער וואס קאן זיא אייך טאהן ווען איהר וועט זיך איהר ווילען ניט אונטערווערפין , ווייסט איהר דען ניט אז אין אמעריקא האט דיא שקלאפעריי אויפגעהערט .

אבער דיא דאנקבארקייט האט ניט אויפגעהערט , איך מוז דער פרויא דאנקבאר זיין דערפאר וואס זיא האט מיר דיא ערשטע געוויזען אוועג וויא צו פערדינען געלד איך זאל ניט דארפען אנקומען צו לייטעשע גנאדען .

אבער וויא באלד זיא האלט אייך פערשקלאפט האט זיא אייער דאנקבארקייט ניט פערדינט .

עס קאן זיין , אבער איך קאן בייא זיך ניט רעכט מאכען זיא גראב צו בעהאנדלען , ערשט דאן ווען איך וועל אין שטאנדע זיין איהר דעם חוב אבצוגעבין וועל איך טאהן וואס מיר גיפעלט . וואס האט איהר זיך פלוצלונג אזויא פערטראכט העהר דארף ?

איך האב מיך דערמאהנט אז איך האב פערגעססען צו געהען אוויכטיגען גאנג וואס מיין פרינציפאל האט מיר געהייסען .

נוא האט איהר שוין פערשפעטיגט ?

ניין , איך האב נאך צייט דעם גאנג צו געהען .

נוא געהט זשע .

מיר איז אשאדע פון אייך אוועקצוגעהען אזויא שנעל , איך האב געדענקט הייטע דעם גאנצען טאג אין אייער געזעלשאפט צו פערברייננען .

דארף בייא אייך דער גאנג פיעל צייט נעהמען ?

ניין ניט מעהר וויא אהאלבע שטונדע .

אויב אזויא קאנען מיר נאך גענוג ריידען .

וועט איהר דא ווארטען אויף מיר אונ וועט נירגענד אוועקגעהען ?

איך האב דאך אייך געזאגט אז הייטע וועל איך נירגענד געהען .

גוט , וועל איך אין אהאלבער שטונדע ארום צוריק אהער קומען , דער וויילע אדיע פריילין שטאלין .

ער איז שנעל פון איהר צימער ארויסגעלאפען .

בערטהא האט זיך אבערמאלס גענומען צום בוקעט , עפעס זיינען איהרע פינגער יעצט שנעלער אונד פלינקער אלס פריהער געגאנגען , עס האט זיך געארבייט געשמאקער , אויך איהר געזיכט האט זיך אפרעהליכערע מינע געוויזען , דער בוקעט איז גיך פערטיג געווארען אונ זיא האט איהם אריינגעשטעלט אין אגלאז אונ האט פערגעניגען געהאט קוקענדיג וויא שיין ער ווייזט אויס .

עס איז קיין האלבע שטונדע איבער געגאנגען אלס דיא טיהר האט זיך געעפינט אונ זוסעל דארף איז אריינגעקומען .

שוין אזויא גיך האט איהר דעם נעטהיגען גאנג געמאכט? — האט זיא זעהר פריינדליך געפרעגט.

יא, איך בין געפאהרען מיט דער קאר (פערדבאהן) דארום איז דאס בייא מיר אזויא שנעל גיענדיגט געווארין. איהר ווייסט פריילין שטאלץ אז איך מוז אייך פארט בעטען איהר זאלט מיט מיר ארויספאהרען אביסעל ספאצירען.

האט איהר ליבער פריינד אזויא גיך פערגעסען וואס איך האב אייך געזאגט איך קאן דאס ניט ווייל דיא מאדאם דזשייקאבסאהן ערלויבט ניט.

אלין געשטיצט אויף דעם גרויסען חוב וואס זיא האט בייא אייך?

יא.

אבער ווען איהר וועט איהר דיא 25 דאללאר אבגעבען וועט איהר שוין זיא ניט פרעגען צו זאלט איהר פרייא אטהעמען אדער ניט?

געוויס וועל איך זיא דאן אזעלכע זאכען ניט פרעגען.

נוא אויב אזויא קומט זשע מיט מיר ספאצירען, דען איהר זייט שוין בייא איהר קיין שקלאפין מעהר.

וואס מיינט איהר מיט דיא ווארטען? — האט זיא ערשטוינט געפרעגט.

זיסעל האט ארויסגענומען פון דער טאש אקוויטונג אויף 25 דאללאר אונטער געשריבען מיט דער מאדאם דזשייקאבסאנס האנד.

וואס איז דאס? — האט זיא איבערראשט געפרעגט אלס זיא האט דעם קוויטונג דורכגעלעזען.

איהר זעהט דען ניט אז דער חוב איז שוין בעצאהלט?

ווען? ווען האט איהר צייט געהאט דאס אלעס צו טאהן?

איהר זעהט דאך אז איך האב יא דאצו גענוג צייט געהאט.

אבער הערר דארף, אום גאטעס ווילען, איהר האט זיך געוויס געמוזט שטארק ענג מאכען.

ניט אויף דאס מינדעסטע פריילין שטאלץ, מיין פאטער האט גענוג געלד איך האב דאס בייא איהם געליהען אונ וועל איהם אין עטליכע וואכען אבצאהלען. ווען גאט וועט אייך העלפען אונ איהר וועט מעהר פערדינען וועט איהר מיר דיא קליינע סומע אבגעבען, איהר האט קיין רעכט פריילין שטאלץ זיך פון מיינע אטובה צו ענטזאגען ווייל איהר האט מיר אויך אטובה געטאהן.

איך דאנק אייך — האט זיא זעהר צערטליך געזאגט אונ האט אויף איהם אזא קוק געטאהן דאס ער האט אין איהר בליק דעם גאנצען גן עדן דערזעהען — איהר זייט זעהר אבראפער מאן הערר דארף, קומט איך געה מיט אייך וואהין איהר וועט מיך פיהרען.

י.

דיא צושטערטע שמחה.

אין דיא אלטע גוטע צייטען, ווען דער מענש האט נור געלעבט מיט אמונה אליין אונ האט גאר ניט געוואלט דיא אויגען עפענען צו בעטראכטען וואס ארום איהם טוט זיך, האט מען זיך וועניג געקימערט וועגען דעם לוקסוס אונ פערשווענדונג פון דיא רייכע לייט, ווען צום בייאשפיל אפאלנישער גראף האט אויף זיינעם אבאל, פון דיא פענסטער געווארפען פלעשער שאמפאניער אויף דער גאס, אדער ער האט זיך אום זומער געמאכט אווינטער וועג פון צוקער, האבען אלע אנגעשטעלט אידיאטישע אויגען אונ מיא האט בעוואונדערט דיזע העלדענטהאטען, קיינעם איז גאר ניט איינגעפאלען דער געדאנק, צו פראטעסטירען געגען אזא ווילדער זאך אונ ארויסטרעטען מיט דער פראגע: וויא אזויא ערלויבט דאס זיך אמענש אויף זא איין ארט צו פערשווענדען דאס בלוטיגע געלד וואס זיינע שקלאפען האבען איהם דורך זייער שוויים אריין געבראכט, וויא אזויא פערשווענדעט דאס אמענש טויזענדער רובעלס אויף אזעלכע פוסטע זאכען, ווערענד טויזענדער ארמע ארבייטער זיטצען אהן בראדט אונ ליידען הונגער אונ קעלט, אבער הייטע אין אונזערע צייטען קוקט מען שוין ניט גלייכגילטיג אויף דעם לוקסוס פון דיא גרויסע קאפיטאליסטען, דיא ארמע קלאסע ווערט שטארק אויפגערעגט ווען זיא זעהט דאס דיא מענשען וואס זיינען רייך געווארין נור דורך עקספלואטאציע, פערשווענדען טויזענדער דאללארס אויף פוסטע פערגעניגענס, דען דיא ארמוטה וויל שוין נירגענד בעזאנדערס אין אמעריקא ניט מעהר רעספעקטירען דעם רייכטהום, זיא רעספעקטירט ניט זאגאר זאלכע רייכע, וועלכע האבען זיך זייערע קאפיטאלען ערווארבען דורך זייער פלייסיגקייט אונד גראססע קענטניססע אין האנדעל, אונ זיא (דיא ארמוטה) טאדעלט שארף דיא פערזאנען וואס גיבען אוים פיעל געלד אויף בעלער אונ אויף אנדערע זאלכע פערגעניגען אונ פערווענדען ניט בעססער דאס געלד צו העלפען דיא פילע אונגליקליכע וואס שמאכטען אין נאטה.

אין גאנץ נויארק האט מען גירעדט פון דעם גראססארטיגען באל וואס דער באנקיר בערנארד בערינגטאן האט געגעבען זיינע פילע געסט, יעדער ארמער מענש האט מיט פערדרוס וועגען דעם פערשווענדערישען באל גירעדט. אלע האבען איין שטימע געזאגט: אז בערינגטאן האט דיא גרעסטע שטראפע פערדינט, דערפאר וואס ער האט בעסער דאס געלד וואס דער באל האט איהם געקאסט, ניט פערטהיילט פאר ארבייטסלאזע פאמיליענפאטערס. וואס קאנען ניט זייערע פרויען אונ קינדער גענוג בראדט צוא געבען אום זייער הונגער צוא שטילען.

דאס איז ווירקליך געוועזען אפערשווענדערישער באל, אלע זאלען פון בערינגטאנס הויז זיינען געוועזען בעלייכטעט פון פערשיעדענארטיגע פ[illegible] אויף

דיא טישען זיינען צרויפגעטראגען געווארין וועלכע טהייערע שפייזען אונ ווייגען וואס נור אמיליאנער איז אין שטאנד זייא צו פערשאפען, דיא אלע שפייזען זיינען געגעבען געווארין אין גאלדענע אונ זילבערנע געשיר, צווייא ארקעסטער מוזיק האבען געשפיעלט, דיא געסטע האבען דיא גאנצע נאכט אין אלע פערגעניגען פערבראכט.

אבער אזויא וויא אונזערע לעזער קימערן זיך וועניג וועגען דעם, וואס בערינגטאן האט אזויא פיעל געלד פערשווענדעט, וועלין מיר זייא אויך איינלאדען צוא דיזען באל אום זייא זאלען זעהען אזעלכע זאכען וואס בעלאנגען אונזער געשיכטע.

מיר וועלין זיך לאנג ניט אבשטעלען בעטראכטען דיא מיט בריליאנטען געשמיקטע פרויען, אדער פראנטישע קאוואליערען וואס דרעהען זיך ארום דיא יונגע אונפערהייראטהעטע מעדכענס, מיר וועלין יעצט אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט שענקען אונזערע בעקאנטע פערזאנען בעזאנדערס דער קעניגין פונם באל פריילין לווירא בערינגטאן אונ דעם יונגען באנקיר מאקס קנאפפמאן.

לווירא ווייזט ווירקליך אוים וויא איינע קעניגין, מיט איהר שיינהייט האט זיא פערדונקעלט אלע אנדערע מעדכענס וואס זיינען גיוועזן אויף דעם באל. איהר מייסטעטישע פיגור, איהר ווייסער עדלעס געזיכט מיט דיא חן גריבעלאך, איהרע געדיכטע לאנגע קאסטאניענהאאר וואס ווארען צוזאממענגעשנירט מיט אגאלדענעם רייפעל בעזעצט מיט דיאמאנטען אונ איהר גאנצע האלטונג האט איהר געגעבען אנ'אויסזעהן פון אפרינצעסין.

דער יונגער באנקיר מאקס קנאפפמאן וואר אמאן פון אי'אהר 27 אהייכער קרעפטיגער מאן מיט ברייטע שולטערן, ער איז ניט שיין אויך ניט סימפאטיש גיוועזן אבער אין דיא טהייערע קליידער וואס ער האט געטראגען האט ער אויסגעזעהן זעהר אינטעליגענטיש, זיינע אויגן האט מען ניט גיקענט גוט בעטראכטען וויל זייא ווארען פערשטעלט מיט אפאר בלאע ברילען.

דיא בליקען פון אלע געסט ווארען גערעכטעט אויף איהם מער אלם אויף אלע אנדערע, וויל אלע האבען געוואוסט אז ער שדכנט זיך צו בערינגטאנס שיינער טאכטער אונ בערנארד דענקט איהם פאר זיין שוויגערזאהן צו מאכען.

אום דיא לעזער זאלין חאטש עטוואס בעקאנט ווערין מיט דיא פערהעלטניסע פון דעם יונגען מאן וועלין מיר זיך איינהערען וואס דיא צווייא פרויען וועלכע זיטצען אינ'ם גרויסען טאנצזאל נאר אן אזייט אונ ריידען, דען פון וייבערשע פלוידעריין קאן מען מאנכעס מאל זעהר פיל וויכטיגעס ערפאהרען.

דאס ווארען צווייא פרויען אין דיא פופציגער, ביידע ווארען געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע, אבער מיט איין בליק אויף זייערע געזיכטער האט מען געקאנט ערקאנען אז זיי שטאמען ניט פונ'ם אדעל, אז דאס זיינען פון דיא פרויען וואס זיינען ארוים געקראכען פון אקליין רוסיש שטעדעל אונ זיינען אין אמעריקא גבירות אונ הייזמאדישע מיסיס (מאדאמען) געווארען.

גיפעלט אייך עפעס מיסיס גראז דיעזער קנאפפמאן ? — האט איינע געפרעגט דער צווייטער.

איך ווייס ? וואס קאן מען אמענשען ערקאנען מיט דעם ערשטען מאל וואס מיא זעהט איהם, זעהר שיין איז ער ניט, אבער ביי אמאנספערזאן קוקט מען ניט אויף שיינקייט, מיא זאגט אז ער איז אגרויסער גביר אונ אזעלטענער געשעפטס מאן.

יא דאס האב איך אויך גיהערט, מיא זאגט אז ער האט מיט זיך גע־בראכט איבער אמיליאן רובעל פון רוססלאנד.

פאר וואס איז ער אוועקגעפאהרען פון רוססלאנד ?

פאר וואס ? ווייסט איהר דען ניט אז מיא לאזט קיין יודען ניט וואהנען אין פעטערסבורג.

אבער אזא גביר האט דאך זיך געקאנט פערשאפען אלע רעכטע וואס איוד קאן האבען אין רוססלאנד אום דארט אונגעשטערט וואהנען צו קאנען, איך האב אקוזין אין פעטערסבורג לעבט ער זיך דארט זעהער רוהיג ווייל ער איז אקויפמאן פון דער ערשטער גילדע.

איך האב גיהערט אז דיעזער קנאפפמאן איז אגרויסער יודענפריינד אונ אויס פערדרוס דערפאר וואס מיא טרייבט דיא יודען פון דיא רוססישע שטעדט איז ער גאר ארויסגעפאהרען פון רוססלאנד, מיא זאגט אז ער שטאמט פון דער גרעסטער פאמיליע.

עס קאן אלץ זיין, דען בערינגטאן וועט ניט טאהן מיט זיין טאכטער אשידוך מיט אבי וועמען, געוויס האט ער זיך גוט וועגען דעם יונגען מאן ערקונדיגט אונ ער ווייס אז ער קאן אנוייב גליקליך מאכען.

אונ איך זאג אייך מיסיס גראז אז ווען דיעזער קנאפפמאן זאל וועלין הייראטען מיין מינאן וואלט איך געוויס ניט איינגעווילינגט.

ווארום ניט מיסיס טויב ?

ווייל ער גיפעלט מיר עפעס ניט.

ווארום גיפעלט ער אייך ניט ?

איך ווייס אויך ניט ווארום, אבער ער מאכט אויף מיר זעהר אשלעכטין איינדרוק, איך האב שוין דיא עהרע געהאט מיט איהם איין מאל צו ריידען אונ . . . איך ווייס אליין דיא אורזאכע ניט, ער איז מיר ניט גיפעלען גיווארין.

דאס וואס אייך גיפעלט ער ניט מאכט ניט אויס, אבער דער פריילין בערינגטאן איז ער יא גיפעלען ?

אויך ניט.

פון וואנען ווייסט איהר דאס ?

מיין מינא איז לויזאס בעסטע פריינדין, זייא פערהאלטין זיך בעסער אלס שוועסטער, נוא פערשטעהט איהר דאך מיסיס גראז אז זייא האבין איינער פאר דער צווייטער קיין געהיימנים.

(אמ״ג) האט

האט לוירא אוים דריקליך געזאגט פאר איער מינאן אז דער התן גיפעלט איהר ניט?

יא זיא האט דאס איהר אוים דריקליך געזאגט, מיין מינא האט מיר זאגאר איהר מיינונג געזאגט פאר וואס דיזער באנקיר גיפעלט ניט לוויראן.

פאר וואס? — האט מיסים גראז זעהר נייגעריג געפרעגט.

איך וועל דאס אייך ערצעהלען, אבער איך בעט אייך מיסים גראז איהר זאלט דאס קיינעם בעהיטע גאט ערצעהלען.

וואס רעדט איהר מיסים טויב? נאך קאנט איהר מיך ניט, בין איך דען פון דיא העסטער סטריט ווייבער. איהר בעליידיגט מיך מיין פריינדין.

איך מיין בעהיטע גאט אייך דאמיט ניט צוא בעליידיגען, אבער וויל קיינער ווייס דאפאן ניט אויסער מיר, האב איך געפונען פאר נעטהיג אייך אויפמערקזאם צו מאכען דאס זאל בלייבען אגעהיימנים.

אונ איהר קאנט זיכער זיין אז דיא געהיימנים וועט נור ביא מיר אליין בלייבען — האט מיסים גראז פערזיכערט.

אלרייט! איך גלויב אייך אונ וועל אייך דארום פערטרויען אז פריילין לוויראס הערץ איז שוין ניט פרייא.

וואס? זיא ליבט שוין יעמאנדען?

יא מיסים גראז.

וועמען?

אז איך וועל אייך זאגען וועט איהר דאס גאר ניט גלויבען, זיא ליעבט דעם ריכטער יאהן עפינגער.

וואס? — האט דיא מיסים גראז אויסער זיך פאר ערשטוינען געפרעגט — זיא ליעבט דעם ריכטער עפינגער?

יא.

ער איז דאך אקריסט?

נוא אונ אז אקריסט איז וואס? ווייסט איהר דען ניט אז אין נויארק געהט ניט איבער איין טאג יודישע קינדער זאלין ניט הייראטין מיט קריסטען.

אונ דער פאטער ווייס דער פון?

ניין ער ווייס ניט.

ער וועט געוויס צו דעם שידוך ניט איינווילליגען, דען ערשטינס וועט ער ניט ערלויבען זיין טאכטער זאהל הייראטען אקריסט, צווייטענס איז דאך עפינגער ניט קיין רייכער מאן אונ בערינגטאן וויל פאר זיין טאכטער האבען אמאן אמיליאנער.

וואס פון דעם וועט זיך אוים לאזען קאן מען ניט וויסען, דער וויל האלט דאס ביא דעם וואס איך האב אייך געזאגט, לוירא ליבט דעם ריכטער עפינגער אונ איהר פאטער וויל זיא זאל הייראטען דעם באנקיר קנאפפמאן.

מיר שיינט אז עפינגער איז יעצט אויך אויף דעם באל.

יא מיסיס גראז, ער איז דא, יעט נור אקוק אהין, מיר שיינט אז פריילין לוירא טאנצט יעצט מיט איהם.

מיסיס גראז האט ארויף געזעצט איהר פאנסנע אויף דער נאז אונ אקוק טאהינדיג אהין וואו מיסיס טויב האט איר אן געוויזען, האט זיא געענטווערט: יא ריכטיג זיא טאנצט מיט עפינגערן.

בעטראכט נור גוט מיסיס גראז וויא זייא האלטין זיך פעסט ארום גענומען, וויא ער האט זיא צו געדריקט צו זיין ברוסט, זעהט וויא גליקליך זיא ווייזט אויס, וואס פאר אשמייכעל עס ליגט אויף איהרע ליפען, זאגאר אבלינדער קאן באלד דער זעהן אז דאס איז אפערליבט פאריל.

יא ריכטיג מיסיס טויב, מיא דארף זאגאר קיין ברילען צו אזו אגרויסער ליעבע, איהר זעהט ער האט איהר עפעס אשעפצע געטאהן אין אויער אונ זיא האט פערגעניגט אשמייכעל געטאהן, יא בייא מיין עהרענווארט, בייא זייא איז שוין וויא איך פערשטעה איין אלטע ליבע. זעהר שיין וועט מיסטער בערינגטאן בעגליקט ווערין מיט איין אידים אקריסט, זאל אים גאט העלפין, אזו אגליק מאג מען איהם פערגינען.

איהר זעהט מיסיס גראז וויא דער יונגער באנקיר קנאפפמאן נעמט דיא אויגען ניט אראפ פון פריילין לוירא מיט איהר טענצער, וויא מיר שיינט פער־שטעהט ער עטוואס פון זיין כלה׳ס ליעבע צו דעם קריסט.

זיא איז דאך דער ווייל נאך ניט זיין כלה.

אבער ער וויל דאך זיא זאל זיין כלה זיין אונ ער ווייס אז בערינגטאן וויל דאס אויך, איז דער שידוך געווים וויא בייא איהם אין קעשענע.

מיר ווען עלטער ווערין נאך מיט אשמיקעל צייט וועלין מיר זעהען וואס דא וועט זיך אויסקאכען, קומט מיסיס טויב אין בופעט אריין מיר איז זעהר הייס, קומט וועלין מיר עפעס נעמען אין מויל אונ זיך אביסעל אפקיהלען.

קומט לאמיר געהן, אבער זעהט נור מיסיס גראז וואס איז דארט פאר אטומעל, פיעלע געסטע שטעהען דארט ארום דער פרויא לאנדסבלום, וואס זאל דאס בעדייטען.

יא דאס מוז עטוואס בעדייטען, לאמיר אונטער געהען זעהען וואס דאס איז.

זייא זיינען ביידע אונטער געגאנגען אונ האבין געזעהען וויא דעם מיליאנער לאנדסבלומס פרויא שטעהט בלאס אונ מיט טרעהענדע אויגען ערצעהלט זיא אז מען האט בייא איהר פון דער ברוסט אראפ גענומען אבריליאנטענע שפילקע, וואס האט איהר געקאסט פינף טויזענד דאלאר.

אלע פרויען וואס ווארען אויף דעם באל האבין זיך אן געהייבען צווא בעטאפען פיליכט פעהלט בייא זייא אויך עטוואס אונ עס איז געווארין איין שרעקליכער ליארעם, בייא צעהן פון דיא רייכסטע דאמען האט מען דיא טייערע שמוק וואס זיי האבין געטראגען ארונטער גענומען, אויך דער באנקיר

קנאפפמאן האט זיך ארום געזעהען אז זיין גאלדענע אוהר מיט דער גרויססער גאלדענער קייט פעהלען איהם:

א דיעב! — האט מען אן געהויבען פון אללע זייטען צוא שרייען — דא געפינט זיך א געפערליכער דיעב.

אבער צווישען דיא אללע געסטע וואס האבין זיך דא פערזאמעלט איז ניט געוועזען איינער וואס אויף איהם האט געקאנט דער פערדאכט (חשד) פאללען.

מען האט גערופען צוויא פאליצייטע (גארדאוואיעס) אונ זייא האבין פערהאפטעט דיא בעדינטע וואס האבין דער לאנגט עסען אונ ערפרישונגען פאר דיא געסטע, מען האט זייא שטארק אונטערזוכט אבער מען האט ביי זייא גאר ניט געפונען.

דורך דיזען אונאנגענעהמען פאל איז דיא גאנצע שמחה פערשטערט געווארען.

יא.

א פרישער סקאנדאל.

אללע ניו־יארקער צייטונגען האבין גערעדט פון דעם סקאנדאל וואס האט שטאטגעפונדען ביי בערינגטאנען אויפין באל. דיא ניו־יארקער בעסטע דעטעקטיוועס (געהיים פאליציסטען) האבין זיך ענערגיש גענומען אויס צוא געפינען דעם רעטזעלהאפטען דיעב וואס האט זא קונסטפאל ארום געשונדען דיא פעטע דאמען.

ביי בערינגטאנען אין הויז איז געוועזען אזוי טרויעריג וויא נאך א חורבן, בערנארדן, זיינער פרויא אונ זייער טאכטער האט עס זעהר געקרייענקט וואס זייערע געסט האבין ביי זייא אין הויז אויף זייער שמחה אזוי א שאדען געהאט, זייא האבין זיך גענוג געבראכין דיא קעפ קלערענדיג ווער דער דיעב איז וואס האט געוואגט צוא זיי אין הויז אריין קומען אונ זייערע געסט זא ארום שינדען, אבער זייא האבין גאר ניט געקאנט ערקלערען.

וואס זאגסט דוא פארט דאצו בערנארד — האט דיא מאדאם דארא בערינגטאן געזאגט צוא איהר מאן — וואס איז דיין מיינונג וועגין דעם דיעב?

איך מוז דיר זאגין דארא אז מיין פערשטאנד ענטזאגט זיך צו טרעפין דיזע מערקווירדיגע רעטהזעל — האט בערנארד געענטפערט — דוכט זיך ביי אונז זייגען אלין געוועזען אזעלכע מענטשין וואס מיר קאנען פאר הויפט ארענטליכע לייט, איך גלויב אז דאס איז איין ארבייט פון דיא בעדינטע.

דוא זעהסט דאך אבער אז מען האט ביי קיינעם פון זייא גאר ניט געפונען.

דאס איז קיין בעוויז אז זייא זייגען אונשולדיג, מען דארף ניט פער-

געסען אז זייא האבין געוואוסט דאס יעדער וועט זיך ארום זעהען אז איהם פעהלט עטוואס דארום האבין זייא געפונען פאר קלוג בעהאלטין אלע גנבות בעפאר מאן וועט זייא בעזוכען, מיר איז דא אין צווייען ביטער, ערשטינס קריינקט עס מיך וואס מיינע געסטע האבין אזו א שאדען געהאט, צווייטענס איז מיר דיא שאנדע גרויס פאר דעם מיסטער קנאפפמאן, וואס פאר א מיינונג קאן ער האבין פון אונז נאך אזו א סקאנדאל.

דאס רעדסט דוא דומהייט בערנארד, וואס פאר א שלעכטע מיינונג קאן ער פון אונז האבין? אזו א זאך קאן בייא יעדען טרעפין, אין דער גאנצער וועלט זיינען דא גנבים און קיין הויז איז פון זייא ניט זיכער. וואס זאגסט דוא בעסער דאצו וואס אונזער לוירא האט דעם יונגען מאן אזו קאלט בעהאנדעלט? זיא האט ניט איין מאל מיט איהם געטאנצט.

דאס איז פון איהר דיא גרעסטע אונרעכט — האט בערנארד בייז געזאגט — וויא דיא זאך איז, צוא ער איז איהר יא געפעהלען צוא ניט, אבער אויס העפליכקייט האט זיא איהם בעדארפט פריינדשאפט צייגען, איך וויים ניט אויב דו האסט דאס בעמערקט דארא, נור איך האב גוט בעמערקט אז זיא האט איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט געשיינקט דעם ריכטער עפינגער.

דאס איז זעהר איינפאך, זיא איז מיט אים בעפריינדעט דערפאר וואס ער לייסטעט איהר אימער געזעלשאפט בייא דער פיאנע, דוא ווייסט דאך אז זיא האט זעהר ליב מיט איהם צוא שפילען פיאנע אין פיער הענד.

ווייסט דוא בעשטימט אז צווישען זייא איז קיין ליבעס פערהעלטעניס פערהאנדין? — האט בערנארד מיט א בעזארגטער מינע געפרעגט.

וויא קומסט דוא צוא אזו א געדאנק בערנארד? — האט דארא וויא ערשראקין אויס גערופען.

געסטערין אבענד איז מיר די צו גרויסע פריינדשאפט וואס זיא האט בעוויזען העפנערן שטארק אויס פאלענד געווארין.

רייד ניט זאלכע ווארטען, אונזער לוירא וועט זיך ניט ערלויבען צוא ליבען א מאן פון איין אנדער נאציאן, אבער בערנארד...

וואס ווילסט דוא זאגען?

וויא איך פערשטעה ווילסט דו זעהר שטארק אונזער לוירא זאל הייראטען דעם יונגען באנקיר מיסטער קנאפפמאן.

געוויס איז דאס מיין אייערסטער וואונש.

איך מוז דיר דיא וואהרהייט געשטעהן, אז מיר קומט דאס זעהר זאנדערבאר פאר וואס דוא האסט זיך אזוא פערליבט אין דיזען הערין. איך זעה אין איהם קיינע בעזאנדערע אויס צייכענונגען ניט, ער איז נאך א גרינהארן, ניט לאנג אין אמעריקא, ער קאן נאך רעכט ענגליש ניט שפרעכין און זיין אויסזיכט מאכט אויך קיין זעהר גוטען איינדרוק.

דאס רעדסט דוא זעהר אונערפאהרען דארא, דיזער יונגער מאן געפעלט

מיר צו ליב צוויי זאכין , ערשטינס ווייס איך פון וואס אפאמיליע ער שטאמט , זיין פאטער וואר איינער פון דיא פיינסטע רוססישע יודען .

דוא האסט געקאנט זיין פאטער ?

יא , איך האב איהם געקאנט אונ האב פון איהם זעהר פיעל נוטעס גיהערט , דאס וואר איינער פון דיא זעלטענסטע מענער זאגאר צווישען קריסטען , דארום בין איך איבערצייגט אז אזאהן פון אזו אמאן איז אויך מיט אלע מעלות , דער יונגער מאן אליין גיפעלט מיר אויסער אלע זאכין פאר זיין קלוגהייט , עדעלמוטה אונד געשעפטסמאן , אין דער קורצער צייט וואס ער איז דא אין ניויארק האט ער זיך ערווארבען דיא סימפאטהיע פון אלע אנשטענדיגע קויפלייטע אונ איך זעה שוין ארוים אז ער וועט אמאהל זיין איינער פון דיא היזיגע גרעסטע מענער .

צווישען דיא מעלות וואס דוא האסט אין איהם גירעכינט האסט דוא אויך דער מאנט דאס ווארט עדעלמוטה , איך בין זעהר נייגעריג צוא וויסען וואס פאר עדעלמוטהיגקייט דוא האסט אין איהם געפונען .

איך וועל דיר ערצעהלען אקלייניגקייט וועסט דוא פערשטעהן וואס פאר אזעלטענער מענטש דאס איז , מיט איניגע טעג צוריק איז ער געזעסען בייא מיר אין קאנטאר , גראדע אין יענער צייט איז צוא מיר אריין געקומען איין ארעמער יוד אונ האט פאר מיר געקלאגט אז ער מיט זיין צאהלרייכע פאמיליע געפינען זיך אין דעם גרעסטען נאטה , איך האב בייא זיך פערשריבען זיין אדרעסע אונ האב איהם פערשפראכין צו העלפין ווען איך וועל אויס געפינען אז עס איז ריכטיג וויא ער האט מיר ערצעהלט .

דער יוד איז אוועק געגאנגען .

אויף מארגין האב איך געשיקט מיין בוכהאלטער ספרינגסאל׳ן צוא דעם יודין ער זאל זעהן וואס דארט טוהט זיך, צוא איז ווירקליך דער יוד מיט זיין פאמיליע אין אזו א נאטה וויא ער האט מיר געזאגט , שטעל זיך פאר מיין ערשטוינען אלס ספרינגסאל איז צוריק גיקומען מיט איין אנטווארט אז דער ארעמער יוד איז אין דעם זעלבין טאג וואס ער איז בייא מיר גיוועזן געהאלפין געווארין דורך אפרעמדין מענטשין וועלכער האט איהם בעזוכט אין זיין ארעמער וואהנונג אונ האט איהם געגעבין צווייא טויזענד דאלאר , ווער דער רעטער איז גיוועזן דאס האט דער ארעמער יוד גיט געוואוסט , ער האט נור געזאגט אז ער האט דעם גוטען ענגעל געזעהען בייא מיר אין קאנטאר , מיר איז באלד איינגעפאלען אז דאס איז קנאפפמאן , דען קיין אנדערער איז אין יענער צייט בייא מיר אין קאנטאר גיט געזעסען , דאך האב איך מיט קנאפפמאנען געמאכט וועגען דעם ארעדע , אנפאנגס האט ער זיך אב געלייגענט פון דער גאנצער געשיכטע , נור אז איך האב איהם ערקלערט דאס איך ווייס בעשטימט אז ער איז יענעם יודענס רעטער האט ער מיר מודה גיוועזן אז דאס האט ער ווירקליך דעם אונגליקליכען געהאלפין ,

צוא, פערשטעהסט דוא שוין דארא וואס פאר אזעלטענער מענטש דאס איז, דארפין מיר פאר אונזער לויראן אבעסערע פארטייא?

אויב אזו איז עטוואס אנדערש — האט דארא געענטפערט — אונ איך מוז געשטעהען אז דוא האסט אגוטען געשמאק, אבער מיר זאגט דאס הערץ אז פון דעם וועט גאר ניט ווערין.

ווארום דיינקסט דוא אזוא?

ווייל, וויא איך פערשטעה, איז דער הער קנאפפמאן אונזער לויראן גאר ניט געפעלען, זיא האט איהם געסטערין דעם גאנצען אבענד זאגאר מיט אפריינדליכען בליק ניט געווירדיגט, אבוואהל ער האט זיך מיט אלע קרעפטע בעמיהט איהר אויפמערקזאמקייט אויף זיך צו ציהען.

דאס איז נאך אבער קיין בעווייז אז זיא וועט איהם ניט וועלין הייראטהען, זיא איז נאך מיט איהם ווייניג בעקאנט אונ זיא ווייס נאך ניט וואס פאר אטייערער מענטש ער איז, ווען זיא וועט אבער מיט איהם בעסער בעקאנט ווערין אונ וועט ערפאהרען זיינע טוגענדען אונ מעלות וועט זיא זיך פאר גליקליך שעטצען ווען זיא וועט זיינע ברויט ווערין, רייד מיט איהר איבער וועגען דעם דארא, דוא ביזט דאך אמוטער, דוא קאנסט מיט דיינע ווארטען אויף איהר זעהר גוט ווירקען, אשאדע אזו א שאטץ פון דיא הענד ארויס צו לאזען.

איך וועל געוויס מיט איהר וועגען דעם איבער ריידען, אבער איך זאג דיר פאראויס בערנארד אז אין דעם פאל ווען זיא וועט זאגין אז זיא איז פון דער פארטייא אונצופרידען, זאלסט דוא זיך גאר דאס הערץ ניט אב עסען, זייא זיכער אז מיר וועלין פאר איהר צוא יעדער צייט געפינען א ברויטיגאם וואס וועט ווירדיג זיין זיך מיט איהר צוא פערבינדען.

זעלבסט פערשטענדליך אז איך וועל דאס ניט אלס אונגליק בעטראכטען ווען זיא וועט זיך פון איהם ענטזאגען, איך ווייס אז אין אמעריקא זיינען דא גענוג פיינע חתנים, דאך וואלט איך צו פרידען גיוועזן דער יונגער מאן זאל זיין מיין שוויגער זאהן.

זייא זיכער אז נאך היינטע וועל איך מיט איהר וועגען דעם ריידען האט איהם דארא פערזיכערט.

דער בעדינטער האט אין דער מינוט געמעלדעט אז דער קלערט דארף ווינשט נאטהווענדיג צוא שפרעכען מיט דעם מיסטער בערינגטאן.

ווער? דארף? — האט בערנארד פערוואונדערט געפרעגט — וואס קאן ער מיך בעדארפען?

איך ווייס ניט — האט דער בעדינטער גיענטפערט

פיהר איהם אריין אהער.

ווער איז דאס דער דארף? — האט דארא געפרעגט אלס דער בעדינטער איז ארויס געגאנגען.

דאס איז יענער גרינער יונגער מאן וועלכער איז דא אמאל געוועזן ביי מיר מיט זיין ארמען פאטער.

נוא אונ ער נוצט דיר אין דיין געשעפט?

איך בין מיט איהם זעהער צופריעדען, ער איז פלייסיג, טהעטיג אונ פערשטעהט זעהער גוט זיין זאך.

איך וועל אריינגעהען צו לויראן מיט איהר איבער רידען וועגען דעם וואס דוא האסט מיר געזאגט, שפעטער וועל איך דיר ברינגען אריכטיגען אנטווארט — האט דארא געזאגט אונ האט דאס צימער פערלאזען.

עס האט לאנג ניט געווערט איז זיססעל דארף אריינגעקומען.

וואס פערלאנגסט דוא דארף? — האט בערנארד געפרעגט.

דער קאססיר אונ דער בוכהאלטער האבין מיך געשיקט צו אייך פרעגין צו האט איהר געסטערן אבענד פון דער קאססע קיין געלד גענומען.

וואס איז? עס פעהלט געלד אין דער קאססע?

יא דיא גאנצע קעש (מזומן) דרייסיג טויזענד דאללאר וואס דער קאססיר האט איבער געלאזט אין דער קאססע איז ניטא.

בערינגטאן איז בלאס געווארען „וואס זאל דאס בעדייטען“? האט ער געשטאמעלט „וויא איך זעה שטעקט ביי מיר אין הויז אונ אין געשעפט אגעהיימער דיעב וואס וויל מיך רואינירען.

ער האט אויף זיך געהאפט זיין ראק אונ איז אוועקגעלאפען מיט זיסלען נאך זיין קאנטאר.

יב.

דאס גליקליכע פאאר.

עס איז פירטער יולי.

אין גאנץ אמעריקא איז יום טוב*), אלע הייזער אין ניוארק זיינען בעהאנגען מיט אמעריקאנישע פאהנען. אלע גאסען זיינען פאל מיט מענשען געקליידעט אין זייערע יום טובדיגע קליידער, פון אלע זייטען הערט מען שיסען, איבעראל שמעקט מיט פולווער, אלט אונ יונג קליין אונ גרויס בעשעפטיגען זיך מיט לאזען פייער־ווערקעס, זעהער אפט מארשירען דורך

פיעלע

*) דער פירטער יולי איז דער גרעסטער יום טוב ביי דיא אמעריקאנער וויל אין איהם האבען זיא פון זיך אראפ געווארפען דעם יאך פון דיא ענגלענדער אונ זיינען געווארין אזעלבסטשטענדיגעס פרייעס פאלק, אויף דעם יום טוב קאן מאן ווירקליך זאגען דאס ער ווערט „געפייערט“ דען דיעזען גאנצען טאג פערברייגגט מען אין שיססען אונ לאזען פערשידענע פייערין.

(אמ״ב)

פיעלע מענער פון איין קלוב אדער פון איין פעראיין, מיט פלאמען אין דיא הענד אונ מיט אנ'ארקעסטער מוזיק. נאך זייא לויפען נאך טויזענדער קליינע קינדער וואס פיעלען אזייא אן דיא גאס דאס עס איז אונמעגליך דורך צו געהען.

צווישען דיא ספאציערען געהענדע אין דער רוישענדער בראדוויא זעהען מיר איונג פאר פאלק געהענד געארמט שטארק צו געדריקט איינער צום צווייטען, ביידע פלוידערן צו זאמען זעהער פערגעניגט, ביידע ווייזען אויס זעהער גליקליך אונד צופריעדען. עס איז לייכט צו ערקאנען אז זייא שענקען קיין אויפמערקזאמקייט דיא קלעפ פון דיא שיססערייען וואס רוישען אין זייערע אהרען, אויך ניט דיא טויזענדער פייערווערקעס וואס פליהען איבער זייערע קעפ.

פאנגסט דוא שוין מארגען אן צו ארבייטען אין דעם נייעם געשעפט מיין ליעבער דייוויס? — האט דאס מעדכען מיט זעהער אנגליקליכע מינע געפרעגט איהר בעגלייטער.

יא מיינע זיססע ראזא, מארגען פאנגט זיך אן מיין ארבייט אין דעם נייעם געשעפט אונ איך בין זיכער אז אין אגאנץ קורצע צייט וועלען מיר האבען אנ'אייגען הויז דא אין בראדוויא.

איז טאקי דיין פרינציפאל זעהער אברייכער מאן?

ער איז אמיליאנער.

דוא האסט דאך מיר געזאגט אז ער איז גאר ניט לאנג געקומען אין אמעריקא.

נוא איז וואס? אונ אין אמעריקא טאהר מען ניט קומען מיט מיליאנען, דוא האסט איהם בעדארפט אנקוקען, ער איז נאך גאר איונגער מאן אונ איז אזא טיכטיגער געשעפטסמאן דאס ער פערשעמט אלע אמעריקאנער געשעפטסלייטע, אן דעם אליין קאנסט דוא פערשטעהען וואס פאר אמאן דאס איז אז איינער פון דיא היזיגע גרעססטע מיליאנערע אגעוויסער בערנארד בערינגטאן וויל איהם געהמען פאר אנ'איידים.

וויא אזויא קומסט דוא צו איהם? יעמאנד האט דיך פאר איהם פארגעשטעלט?

ניין, איך האב מיך זעלבסט פאר איהם פארגעשטעלט.

וויא אזייא איז דיר איינגעפאלען זיך פאר איהם פארצושטעלען?

גאנץ איינפאך, מיינער אגוטער בעקאנטער האט מיר ערצעהלט פון איהם אונ האט מיר געזאגט אז ער זוכט טיכטיגע אגענטען זייא זאלען פערקויפען זיינע לאטס אונ אזייא וויא איך בין אספעציאליסט אין דעם פאך בין איך צווא איהם אריינגעגאנגען האב מיך פאר איהם פארגעשטעלט אונ האב איהם ערצעהלט וויא פראקטיש איך בין אין דעם געשעפט. ער האט פערשטאנען אז איך בין ווירקליך אפעהיגער מענש אונ דארום האט ער

מיך געמאכט פאר דעם גאנצען פערוואלטער פון זיין נייעם לאטס געשעפט.

און דוא רעכינסט אז דאס וועט איינקוקען נוט?

איך צווייפעלע גאר אין דעם ניט. דען דוא ווייסט ניט וואס פאר גאלדענע מענשען אונזערע יודעלאך זיינען, מיא קאן זייא איינבילדען אז עס וועט רעגענען מיט דימאנטען. בעזאנדערס איז זייא זעהר לייכט איינצורעדען צו קויפען אשטיקעל ערד וואו זייא וועלען קאנען בויען הייזער און לעבען וויא דיא גראפען.

וויא אזייא קאן מען דוכט זיך אזא נארישקייט אפערשטענדיגען מענשען איינרעדען, אבוואהל איך בין נאך איונגעס מעדכען וואלט איך מיך אויך ניט געלאזט צו אזא זאך איינרעדען, געהען קויפען אשטיק ערד אין אזא ארט וואו עס וואהנען נאך קיין מענשען ניט און פארשטעלען זיך גאלדענע בערג פון אזא נארישקייט.

דוא ביזט טאקי ניט מעהר וויא אנ'אונפראקטיש יונגעס מעדכען מיינע ליבע ראזא, שטעל זיך פאר צום ביישפיעל איך קום צוא דיר צו געהען און בעווייז דיר פריהער עטליכע צייטונגען, וואס ערצעהלען גרויסע גליקען פון יענעם ארט, זייא שרייבען אז דארט איז דער בעסטער פלאטץ פאר אהאנדעלסשטאדט, ווייל ער ליגט נעבען ים, און איז ניט וויט פון דעם באהן, פון דיא ערד קאן מען אויסארבייטען דיא טהייערסטע מעטאלען, דיא לופט איז דארט פריש וויא אין גן עדן און ווען נור צוואנציג פאמיליען וועלין זיך דארט בעזעטצען זיינען זייא שוין גליקליך, דאס אלעס שרייבען דיא צייטונגען ווייל מיא האט זייא דערפאר נוט בעצאהלט, דאצו פאנג איך אן מיט מיין הייליג מויל דיר פארצושטעלען גאר אנדערע גליקען וויא צום ביישפיעל אויף אזא אופן: חלעבען פריילין יעדער מענש מוז זיך פערזארגען אויף שפעטער און דיא האט איהר דיא בעסטע געלעגענהייט אייער גליק צו גרינדען, איהר דארפט מיר נור איינצאהלען פינף דאללאר האנדגעלד פאר איין לאט נאכהער וועט איהר צאהלען יעדער וואך ניט מעהר וויא 50 סענט. אין פערלויף פון צוויא יאהר צאהלט איהר אויס דאס גאנצע געלד פאר דעם לאט און ער איז אייערער. דאן וועט מען אייך לייהען געלד אויף אויסבויען אהויז, דאס געלד פאר דעם הויז וועט איהר אויך אויסצאהלען ביסליך וויים, נור איהר וועט שוין פערשפארין פון אייער טאש צו צאהלען, דען פון דירה געלד אליין קאנט איהר בעצאהלען דאס גאנצע געלד וואס איהר וועט שולדיג זיין פאר דעם הויז, און אין קעשענע וועט אייך אויך יעדער מאנהייט אריינפאלען עטליכע דאללאר. מיט עטליכע יאהר שפעטער וועט דאס הויז ווערט זיין צוואנציג מאל אזייא פיעל וויפיעל עס האט אייך געקאסט, דען דאמאלס וועט דאך שוין יענער פלאטץ זיין בעזעצט מיט טויזענדער מענשען און געוועהנליך ווערט יעדער שפאן ערד זעהר טייער, אבער איהר וועט דאס אליין ניט וועלין פערקויפען, ווייל איהר וועט בעסער

אליין דארט וועלין וואהנען , שטעלט איך פאר דאס פערגעניגען וואס מיא קאן האבין וואהנענדיג אין אנ'איינען הויז האבענדיג אנ'איינענעם גארטען מיט אלע פערגעניגען. נוא ראזא וואס וואלסט דוא געענטפערט אויף אזעלכע זיסע ווארטען ?

יא איינרעדען קאן מאן יענעם פאנטאסטישע גליקען , אבער דאס איז דאך אגרויסע זינדע , דאס קומט בייא מיר אויס וויא אויסנארען בייא יענעם געלד אויפין שווינדלערישען ארט .

דאס איז קיין זינדע ליעבע ראזא , אלע אמעריקאנישע געשעפטע דרעהען זיך אויף שווינדעל. נעהם אבלאט צייטונג וועסט דוא זעהען וויא קרעמער פערזיכערען אז זייא פערקויפען זייערע וואארע פאר האלב געלד אונטערן קרן , דאבייא ערצעהלען זייא אז דיא סחורה האבען זייא געקויפט פאר שפאט ביליג פון אפירמע וואס האט באנקראטירט, אין דער וואהרהייט אבער ווילען זייא דורך דיא ליגענס נור אריינשלעפען קונדען אין זייער גישעפט, אז מיא קומט שוין צו זייא אריין פערדולען זייא אזויא דעם קאפף אז מיא צאהלט זייא פאר דער גרעסטער שמאטע טהייערער אלס פאר דער בעסטער סחורה. נוא דאס מעג מען ? דאס הייסט ניט קיין שווינדעל ?

אבער מיר דארפען דאך בייא זיך ניט רעכט מאכען צו בעגעהן אזינד דערפאר וואס יענער טוהט עס .

נארוניא ! דא טוהען אלע אזויא , נעהם אן פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען זיינען אלע זינדיג . וואס בעדארפסט דוא מעהר בעטראכט דעם פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען , ער איז דאך דער גרעסטער מענש אין אמעריקא העכער פון איהם איז שוין ניטא , וועסט דוא אויך אויסגעפינען אז ער האט זיין גרויסע שטעלע בעטראטען דורך שווינדעל . האסט דוא דען ניט גיזעהען וויפיעל צירקולארען עס זיינען פערטהיילט געווארען אין אלע גאססען וואס אין זייא האט מען אויפגעמונטערט דאס פאלק זייא זאלען נור דעם מענשען אויסקלייבען פאר אפרעזידענט , ווייל ער אליין איז אין שטאנד אמעריקא גליקליך צוא מאכען . ווייסט דוא ניט דערפון אז אין דער צייט פון דיא וואהלען (וויבארין) פערטהיילט מען צעהענדליגער טויזענד דאללאר אום שטיממען פאר דעם נייעם פרעזידענט צו קויפען , נוא פערשטעהט מען דאך אז דארט וואו מיא קויפט אונטער דעם עולם מיא זאל טאהן אנדערש וויא מיא רעכנט הייסט דאס שווינדעל , איז דען אין אמעריקא פאראן איין ריכטער אדער איין בעאמטער , וואס איז אויס געקליבען געווארין בלויס מיט דעם פאלקס ווילען , יעדען האט דאס געקאסט געלד מיט מיא , דאס הייסט בייא דיר ארדענטליך ?

איך ווייס ? — האט ראזע געענטפערט — עס קאן זיין אז דוא האסט רעכט , נאך מיין קליינעם שכל האט אויסגעוויזען אז דיין נייער געשעפט איז געגריינדעט אויף הומבאג (שווינדעל) אונ אונארדענטליכקייט .

זייא זיכער מיין לעבען אז איך וועל ניט טאהן אזא זאך וואס איז ניט ערדענטליך — האט דייוויס פערזיכערט.

אין דער מינוט איז פאר דעם פאר פאלק פארבייגעגאנגען נאך אפאאר איונגער הערר מיט אדאמע זעהר עלעגאנטיש געקליידעט.

וואס זעה איך? — האט ראזע ערשטוינט אויסגערופען — דוכט זיך זיסעל דארף איז דא פארבייא געגאנגען מיט אשיין מעדכען.

יא דאס איז טאקי געוועזן זיסעל דארף — האט דייוויס געענטפערט.

עפעס געהט ער דאך געקליידעט וויא אמאגנאט, וואו האט ער גענומען געלד אויף אזעלכע קליידער?

זייא זיכער אז ער האט שוין גענוג געלד — האט דייוויס שמייכלענד געענטפערט.

ער האט שוין אשטעלע?

יא ער האט אריינגעטראטען צו דעם מיליאנער בערנארד בערינגטאן אין געשעפט אלס פריקאשציק.

אזויא? וויא קומט ער צו אזא שטעלע?

דאס ווייס איך אויך ניט.

און ער נעהמט אגרויס געהאלט?

וויפיעל קאן אזא פריקאשציקעל נעהמען געוויסע דרייא דאללאר אוואך.

דוא האסט דאך ערשט געזאגט אז ער האט שוין גענוג געלד.

דאס געלד האט ער גאר פון אנ'אנדער זייט, ער האט בעגנבעט זיין פרינציפאל.

בעגנבעט? — האט ראזא ערשטוינט געפרעגט.

יא ער האט פון דער קאססע ארויס גענומען דרייסיג טויזענד דאללאר מיט איין קלאפף.

דאס איז אונמעגליך.

ווארום האלסט דוא דאס פאר אונמעגליך?

וויל ערשטענס ווייס איך אז זיסעל איז קיין גנב ניט. צווייטענס ווען ער זאל ווירקליך ארויס נעהמען אזא סומע געלד פון זיין פרינציפאלס קאססע, וואלט ער אזויא פרייא ניט ארומגעגאנגען אין די גאסען.

וועגען דעם וואס דוא זאגסט אז ער איז קיין גנב ניט, רעדסט דוא זעהר אונפראקטיש, ביזט דוא דען מיט איהם אזויא נייט בעקאנט געוועזן דאס דוא ביזט איבערצייגט אין זיין ערדענטליכקייט? און וועגין דעם וואס ער געהט ארום אזויא פרייא דארפסט דוא זיך אויך ניט וואונדערן, ווארט נאך אפאאר טעג וועסט דוא הערען אז ער זיצט דארט וואו אלע גנבים זיטצען, זיין פרינציפאל גלייבט נאך אויך ניט אז ער האט דאס געלד ארויסגענומען, דארום משפעט ער איהם ניט, אבער ער וועט זיך באלד איבערצייגען אז נור ער האט דאס געטאהן און ער וועט איהם שוין טאהן זיין רעכט.

פון וואנען זשע ווייסט דוא דאס אזייא אויף געווים אז ער האט דאס געלד ארויסגענומען ?

פרעג מיך ניט אזעלכע פראגען , וויא באלד איך זאג דיר מאגסט דוא מיר גלייבען , נאך אין עטליכע טעג וועסט דוא האבען אבעווייז אז איך האב דאס ניט אויסגעטראכט פונ׳ם קאפף .

ווער זשע איז דאס שיינע מעדכען וואס גייט מיט איהם ארום ?

דאס ווייס איך ניט , וואהרשיינליך האט ער שוין דא געפונען א כלה , דען מיט אזייא פיעל געלד וויפיעל ער האט קען מען דיא פיינסטע כלה בעקאממען .

י״ג.

אגרויסער גאסט

וואו ביזט דוא דאס גיוועז דעם גאנצען טאג זיסעלע ? — האט אהרן דארף געפרעגט זיינעם זאהן אלס ער איז שפעט בייא נאכט אריינגעקומען אין שטוב זעהר מונטער אונד לעבענדיג .

איך האב בענוצט דיעזען פרייען טאג צוא בעקוקען אונזער נויארק — האט זיסעל גיענטפערט — איך זאג דיר פאטער אז מיר ווייסען נאך גאר ניט וואס נויארק איז , וואס מיא בעטראכט זיא מעהר געפינט מען אין איהר אלץ מעהר אנטיקען .

אונ איך זאג דיר מיין זאהן אז נויארק געפעלט מיר ניט נור דערפאר וואס עס איז אונמעגליך צו פערטראגען דעם טומעל וואס איז גאנצע טעג אונ גאנצע נעכט אין איהרע גאסען . אז איך בין היינטיגען טאג ניט פערטויבט געווארען איז גאר גאטס וואונדער , איך בין אסור הזיר ניט קלוג אויף אזעלכע זאכען , מיא זאל האלטען אגאנצען טאג אין איין שיסען אונ קלאפען . וואס איז דאס פאר אמין שיסעריי אונ קלאפעריי אויף זייערע קעפפ . האבען זייא שוין קיין אנדער פערגעניגען ניט געקאנט אויסגעפינען .

דאס שיסען דערמאהנט דיא אמעריקאנער , אז דורך שיסען האבען זייא פון זיך אראפ געווארפען דעם יאך פון ענגלאנד , אונ זייא זיינען געווארען פרייע מענשען .

דוא וועסט גלייבען זיסעלע אז מיין מוח בענעהמט דאס גאר ניט , פאר וואס רופען זיך אן דיא אמעריקאנער פרייע מענשען , דוכט זיך דא געהען אויך ארום פאליציייקע אין דיא גאסען אונ לאזען קיינעם אקאפ ניט אויפהייבען . איך וואלט געשווארען אז בייא אונז אין רוסלאנד איז מען פרייער וויא דא . דען בייא אונז צום ביישפיעל אגארדאוואי וועט ניט וואגען צו שלאגען אימעצען פאר דער קלענסטער זאך , אונ דא אין דער פרייער

אמעריקא געהן דיא פאליטישע ארום מיט גראבע שטעקענס אין דיא הענד אונ פאר דער קלענסטער אינגעהארזאמקייט שלאגען זיא מיט דיא שטעקענס גאר אהן רחמנות, איך האב געזעהן געהענדיג אין העסטער סטריט ניזשען וויא אפאליסמאן האט מיט זיין שטעקען געשלאגען אנארמען שוואכען מענשען, ווייס איך געוויס אז דער געשלאגענער וועט דיא קלעפ ניט איבער לעבען. ער האט איהם געוויס אלע ביינער צובראכען. אט דאס הייסט פריהייט?

איך קען ניט לייקענען אז אין דעם פאך איז אין אמעריקא ערגער אלס איבעראל, דיא פאליסלייט האבען דא צופיעל ממשלה, אבער דאס קען מען פערענטפערען דער מיט אז ווען מיא זאל ניט מורא האבען דא היא פאר דיא פאליציסקי שטעקענס וואלט מען דא געפונען הונדערטער הרוגים אין דיא גאסען. דיא דארפסט ניט פערגעסען אז נאך אמעריקא פליהען מערדער אונ גנבים פון דער גאנצער וועלט אונ ווען מיא זאל זיא ניט האלטען אין דער מורא וואלטען זיא דיא גאנצע לאנד חרוב געמאכט.

איך רעכען אבער אז דיא קלעפ האבען דוקא דיא ערהליכע מענשען וואס ווייסען געביך ניט פון וואס צו זאגען, ווייל דער גנב אדער דער מערדער האבען שוין געוויס שכל זיך איינצוהיטען פון אזעלכע זאכען, איך זאג דיר נאך אמאל וועלע אז דערפאר אליין געפעלט מיר אמעריקא ניט.

צוא ווילסט דיא צוריק נאך דער אלטער היימאט פאהרען? — האסט זיכער געלאכט.

נוא וואס לאכסט דוא? מיר ביינקט זיך מאקי אהיים, דארט האב איך מיר געהאט מיין שול מיין קליין היימע מענשען, אין אלעדינגער צייט האב איך געהאט מיט וועמען צו פערברענגען אונ דא הער איך נור אטומעל קולות אונ גוואלדען, אלע זיינען בעשעפטיגט בעשעפטיגט אונ מיא קאן פשוט משוגע ווערען אום זיטצענדיג אגאנצען טאג אליין אין שטוב, עס איז ניטא מיט וועמען אווארט אוים צו ריידען.

דאס וועסט אבער ניט אימער אזויא זיין, דוא וועסט מאכען אשטיקעל געשעפט וועט דיר שוין ניט אומעטיג זיין, אויסער דעם דארפסט דוא זיך איינקויפען אין אלאדזש (אחברה) וועסט דוא געהען אויף אמיטהיגנ (אפער זאמלונג) אונ וועסט זיך געפינען צווישען גוטע ברידער אונ פריינדע.

איך מוז דיר זאגען אז איך האלט ניט פון דיא לאדזשען.

פארוואס?

מיא דערקאנט אין דיא פרעזידענטען וואס פאר חברות דאס זיינען. שמועל זיך למשל פאר, היינטיגע וואך האב איך מיך בגעגענט אין גאס מיט שמערקע אקס דעם שוסטער, דוא געדיינקסט איהם נאך?

ניין איך געדיינק איהם ניט.

ער איז מודרוס דעם וואסערטרעגערס אנ'איידים, אז ער האט חתונה

געהאט האט מיך זיין שווער טודרוס גיבעטען טאמער וועל איך בעדארפען לייגען אלאטע אויף אשוך זאל איך דיא צרה איבערגעבען זיין איידים, איך האב דאס איהם צוליעב געטאהן דען ער טראגט זיין גאנץ לעבען וואסער צו אונז אין שטוב, אז ביא אקינד פלעגט זיך צוריסען אשוך האב איך געשיקט רופען שמערקען און האב איהם געהייסען דאס פערריכטען. ער איז געוועזען אזא אנגעמאלטער גולם אז מיא פלעגט פשוט בלייבען אהן זייטען לאכענדיג פון זיינע נארישקייט. דוא קאנסט דאך פערשטעהען וואס פאר אנפש דאס איז געוועזען אז מיא האט איהם באלד אנאמען געגעבען שמערקע אקס, אין עטליכע יאהר נאך זיין חתונה איז ער ערגעץ אוועקגעפאהרען און קיינער האט געוואוסט וואהין, דאס האט געווערט אפאר יאהר, פלוצלונג איז פון איהם אנגעקומען אבריעף מיט געלד אזש פון אמעריקא, ער האט געשריבען אז ער איז אין אמעריקא און ער פערדינט זעהר פיעל געלד דארום פערלאנגט ער אז זיין ווייב מיט דיא קינדער זאלען צו איהם קומען. זיין ווייב מיט דיא קינדער זיינען פשוט פון הונגער געשטארבען, ווא מיא פלעגט אויף זייא ניט אויפמאכען האבען זייא ניט געהאט וואס צו עסען, אזויא פיעל טויזענדער זאלען מיר ביידע האבען וויפיעל לעבלאך ברויט איך האב זייא געשיקט, זאל דאס מיר זיין צו מצוה. נוא פערשטעהסט זיך אז דיא אומגליקליכע מיט איהרע קינדער זיינען באלד ארויס־געפאהרען נאך אמעריקא, דאס איז שוין אנעשיכטע געוויס פון אכט יאהר, דארום האב איך מיך אן זייא אלע פערגעסען, נעכטען איך געה אזויא אין גאס ערשט איך הער מיא שרייט: רבי אהרן, איך קוק מיך אום און דערזעה אמאן מיט אנאבראזירטער מארדע געקליידעט וויא אנעכטער אמעריקאנער, איך האב איהם בעדוואונדערט אנגעקוקט, דען איך האב ניט געוואוסט ווער ער איז, ער האט אשמייכעל געטאהן און האט געזאגט: איהר האט מיך ניט ערקאנט רבי אהרן? ווער זייט איהר — האב איך איהם געפרעגט.

איך בין אייער אלאנדסמאן — האט ער געענטפערט — מיין נאמען איז געוועזען שמערעל אקס טודרוס דעם וואסערטרעגערס אן איידים.

איך בין נבהל ומשתומם געוואָרן אז איך האב דאס דערהערט. דאס איז שמערעל אקס? איך וואלט דאס אסור ניט געגלויבט, אבער איך האב דאך דאס פארט געמוזט גלויבען ווייל ער האט מיר געזאגט אלע סמנים וויא אזויא אלע מיינע קינדער היישען, נוא פערשטעהסט דוא דאך אז איך האב איהם געגעבען אשיינעם שלום עליכם און האב איהם אנגעהייבען פון איינאנדער פרעגען וואס ער מאכט וואס זיין ווייב מיט דיא קינדער מאכען און וויא איהם געהט דא, ער האט מיר ערצעהלט אז ער איז דא אקרעטשמער פון שניט וואַרע, ער האט שוין אנאייגען הויז און איז זעהר גליקליך, זיינע קינדער זיינען געבילדעט און ארבייטען, דאביא האט ער מיר אויך ערצעהלט אז ער איז אפרעזידענט אין אלאדזש, כי כוחות האב איך מיך איינגעהאלטען איך זאל מיך ניט פונאיינאנדער לאזן

 שמערקע

שמערקע אקם איז אפרעזידענט אין אלאדזש חע חע חע! דוא הערסט זוסעלע? יענער האט ניט געקאנט אויסריידען דרייא גלייכע ווערטער און האט אויך זיין נאמען ניט געקאנט אונטער שרייבען, איז ער אפרעזידענט אין אלאדזש. נוא וואס זאגסט דוא דער צו?

וואס זאל איך זאגען — האט זוססעלע געענטפערט — עס קאן זיין אז דיא צייט האט איהם איבערגעארבייט און ער איז געווארין אקלוגער פערשטענדיגער מענש. ווייסען מיר דען ניט אז אין אונזערע שטעדטליך ווערין דיא פעהיגסטע טאלענטפאלסטע מענשען אידיאטען ווייל זייא האבען ניט דיא געלעגענהייט זייערע פעהיגקייט צו ענטוויקלען, איך גלויב אז דיעזער גיוועזענער אקם איז היינט אקלוגער פראקטישער קויפמאן, דעם בעווייז האבען מיר דאך פון אויבען אויף וואס ער האט זיך ערווארבען אזא קאפיטאל, איך בין נייגעריג איהם צו קאנען וויא איז זיין פאמיליע.

נא דא האט ער מיר געגעבען זיין קארטע — האט אהרן געענטפערט און האט איהם אקארטע איבערגעגעבען.

זיסעל האט אויף דער קארטע איבערגעלעזען דעם נאמען „סיימאן קאלד 253 איסט 18 סטריט”.

ווען איך וועל האבען צייט וועל איך צו איהם אריינגעהן — האט ער געזאגט — אין אמעריקא שאדעט ניט ווען מיא האט וואס מעהר בעקאנטע.

יא איך האב מיך דערמאהנט דיך צו פרעגען זוססעלע, וואס הערט זיך עפעס מכח דער גנבה, מיא האט שוין אפשר געפונען דעם גנב.

איך ווייס ניט, ווייל היינט איז דאך דער קאנטאר צוגעשלאסען.

און אין דיא אכט טעג צייט מיא האט גע גנבעט דיא דרייסיג טויזענד רובעל האט מען נאך קיין שפור פון דעם גנב געפונען?

ניין, דיא בעסטע דעטעקטיווס (געהיים פאליציסטען) ארבייטען אין דעם דעם גנב אויסצוגעפינען אבער זייער מיהע איז נאך דערווייל אומזאנסט, איך גלויב אז דאס איז אנ׳ארבייט פון אהיימישען גנב.

נוא קאן מען דאך האבען אחשד אויף איינעם פון דיא היימישע מענשען. דער הערר בערינגטאן קאן דאך מסתמא זיינע לייטע זעהר גוט.

עס קאן זיין אז אין הערצען בעשולדיגט ער יעמאנדען פון זיינע לייט אבער מיט דעם מויל רעדט ער דאס ניט אויס.

נוא און וואס דענקסט דוא וועגען דעם, דוא ביזט דאך שוין אהיבשע צייט אין דעם געשעפט, דארפסט דוא דאך קאנען אלע מענשען וואס קומען אריין אין אייער קאנטאר.

אהיבשע צייט בין איך אין געשעפט? סך הכל איז ערשט פארגעסטערן געווארין צווייא וואכען, וואס קאן מען אין צווייא וואכען ערקאנען מענשען, איך גלויב אז דער זעלבער גנב וואס האט ביי בערינגטאנען אויפין באאל ארונטער גענומען פון דיא געסט זייערע צירונג, דער האט אויך דיא דרייסיג

טויזענד רובעל צוגענומען, אך פאטער דוא האסט בעדארפט אקוק טאהן וואס פאר אבאאל דארט איז געוועזן, דוא האסט בעדארפט נור אקוק טאהן אינ'ם זאאל וואו מיא האט געטאנצט, וואלסט דוא גאר ניט געגלויבט אז דוא ביזט אויף דער ערד, דוא וואלסט געמיינט אז דוא ביזט אין הימעל.

דוא ביזט דען געוועזן אויפ'ן באאל?

ניין, איך בין נור אריין אונ ארויסגעגאנגען.

וואס האסטו דוא דארט געטאהן?

אונזער בוכהאלטער ספרינגסאל האט מיך געבעטען איך זאל פון דארט ארויסרופען זיינעם אפרייגד קלוזאוס מערבעל, איך האב איינינגע מינוטען דיעזען מיסטער מערבעל געזוכט ביז איך האב איהם געפונען, האב איהם איבער געגעבען ספרינגסאלס ווארטען אונ בין מיט איהם צוגלייך צוריק ארויס געגאנגען, וואס זאל איך דיר זאגען איך בין אזויא איבערראשט געווארין אלס איך האב דעם טאנצזאאל דערזעהען דאס...

ער האט זיינע ווארטען ניט געענדיגט, דען מיא האט אין דער מינוט אקלאפף געטאהן אין דער טיהר.

אויף דעם געשרייא „קאם-אין" (הערריין) האט זיך דיא טיהר געעפינט אונ אמאן האט אריינגעטראגען אטעלעגראממע.

וואהנט דא מיסטער אראן דארף וועלכער האט געוואהנט אין 115 לודלאוו סטריט? האט דער מאן געפרעגט.

יא האט זיסעל געענטפערט.

עמפפאנגט דיא טעלעגראממע אונ שרייבט זיך אונטער אין מיין בוך.

זיסעל האט זיך אונטערגעשריבען אונ האט שנעל געעפינט די טעלעגראממע.

פאטער! — האט ער העכסט איבערראשט אגעשרייא געטאהן — יודעלע איז געקומען אהער אין אמעריקא.

יודעלע? — האט דער אלטער ערשטוינט געפרעגט — עס קאן ניט זיין.

וואס זאגסטו דוא מיר עס קאן ניט זיין. דיא דעפעשע איז פון קאסעל גארדען. ער בעט דיך דוא זאלסט קומען איהם ארויסנעהמען פון דארטען.

מיר גלויבט זיך דאס ניט, לייען נור איבער וואס שרייבט ער.

זיסעלע האט געלעזען.

קאסעל גארדען 4 טען יולי 1891

אראן דארף 115 לודלאו סטריט

הייטע אנגעקאמען מיט דעם דאמפפער קאלומביא. קאמען זייא אונז אבהאלען.

יודזא עדעלהערץ.

דאס איז אטשיקאווע (זאנדערבארע) זאך — האט אהרן געזאגט — וויא קומט דאס יודעלע זאל פלוצלונג אהער קומען. ער האט אפילו ניט געשריבען אז ער פאהרט ארויס נאך אמעריקא.

וואהרשיינליך מוז עפעס זיין וואס איהם האט אהער אזייא האסטיג געטריבען — האט זיסעל געענטפערט — איך פאהר שוין אין קאסעל גארדען איהם פון דארט ארויס צו נעהמען.

שוין פאהרסט דוא. עס איז דאך גאנץ שפעט, דער זייגער איז געוויס צוועלף — האט אהרן געזאגט.

עס מאכט ניט אויס, דארט איז מען דיא גאנצע נאכט וואך. אך מיין גאט! יודעלע איז דא, אזא גליק האב איך ניט ערווארטעט.

ביא דיא ווארטען האט ער געוואלט פון שטוב ארויס לויפען.

שטעה נור זיסעל — האט איהם דער פאטער אבגעהאלטען — לעז נור איבער נאך אמאל דיא טעלעגראממע.

וואס איז?

מיר שיינט אז דוא האסט געלעזען דאסווארט „אונז".

זיסעל האט אבערמאלס אין דער דעפעשע אקוק געטאהן און האט געזאגט: יא דא שטעהט טאקי קאממען זייא אונז אבהאלען. דאס בעווייזט אז ער איז ניט אליין געקומען.

ער האט געמוזט קומען מיט זיין ווייב — האט אהרן זיין מיינונג געזאגט.

עס קאן אויך זיין אז ער האט מיט זיך זיין אלטען גראספאטער אויך מיט געבראכט.

וואס רעדסט דוא נארישקייט, אזא אלטען מאן וועט ער מיט זיך שלעפען איבער דעם ים הגדול, דאס קאן ניט זיין.

וואצו זאלען מיר זיך אומזאנסט ברעכען דיא קעפף קלערענדיג אזעלכע זאכען, איך וועל אהין אונטערפאהרען וועל איך שוין זעהן וועמען ער האט מיט זיך געבראכט. גוט וואס מיר וואהנען היינט אין אגראמע דירה וועלען מיר זייא קאנען דיא ערשטע פאר טעג בייא אונז האלטען.

און מיט אמונטערעס געזיכט איז ער פון זיין וואהנונג ארויסגעלאפען.

יד.

פון בערטהאס ביאגראפיע.

אויך בערטהא שטאלץ איז שפעט בייא נאכט אהיים געקומען, אלע האבען שוין פעסט געשלאפען, נור דיא מיסיס דזשייקאבסאהן איז נאך געזעסען און האט גענעהט אקליידעל פאר איהר קלענסטעס קינד.

אזייא שפעט פריילין שטאלץ? — האט זיא שמייכלענד געזאגט — דער מיסטער דארף האט אייך געמוזט גאנץ ניויארק דורכפיהרען.

יא מיר זיינען היינטע זעהער פיעל געגאנגען אונד געפאהרען — האט

זיא מיט אגליקליכער מינע געענטפערט — איך האב נאך זייט איך לעב אזויא פיעל פערגעניגען ניט געהאט וויא היינטיגען טאג.

איך גלויב אייך — האט מיסיס דזשייקאבסאהן לאכענד געענטפערט — אזא צויבער וויא דיא ליעבע קאן אויסגיעסען אויף דער וועלט אונ אויף דעם לעבען קאנען זאגאר מיליאנען דאללארס ניט.

בערטהא האט געשוויגען נור איהרע שיינע בליהענדע וואנגען האבען זיך מיט אפרישער ראטהער פארבע בעגאסען.

איהר שעמט זיך פריילין שטאלץ? — האט דיא דזשייקאבסאהן ווייטער מיט דעם זעלבען שמייכעל געזאגט — דאס איז אבער קיין שאנדע. אלע מענשען מוזען איין מאל אין זייער לעבען טרינקען פון דעם זיסען ליעבעס בעכער, אונ וועהרענד מען טרינקט פון איהם, מיינט מען אז מיא איז גאר אין אנ'אנדער וועלט, אוועלט וואס איז בעפלאנצט מיט לויטער בלומען, אונ צווישען זייא ספאציערען ארום שיינע ענגלען, איך האב אויך אמאל פון דעם בעכער געטרונקען אונ דעם טעם פון דיא זיסע טראפענס וואס איך האב אראפגעשלונגען ליעגט מיר נאך היינטע אויך אין מונד.

איך שעם מיך גאר פאר אייך ניט ליעבע פריינדין, איך געשטעה אייך אפען אז איך ליעב דעם מיסטער דארף.

ער געפעלט מיר אויך אלס פיינער ארדענטליכער יונגער מאן, מען בעמערקט אין איהם ניט דיא פערדארבענהייט וואס ליעגט אויף דיא געזיכטער פון דעם גרעסטען טהייל פון היינטיגע יונגע לייט וואס האבען שוין צופיעל געטרונקען פון דעם ליעבעס בעכער זא דאס זייא פיהלען שוין ניט דעם גן עדן טעם וואס ער ענטהאלט אין זיך, אונ ווען זייא בעווייזען זיך אז זייא פיהלען עס יא, איז דאס נור געקינסטעלט. — — — דער מיסטער דארף איז נאך אנ'אונשולדיגער ריינער יונגער מאן אונ זיין ליעבע צו אייך איז זא ריין וויא גאלד.

פון וואנען ווייסט איהר דאס? — האט בערטהא מיט אגליקליכער מינע געפרעגט.

פון וואנען איך ווייס, אזא זאך קען יעדער וויסען, יעדער קען עס בעמערקען, מיא קען דאס ערקענען פון איין בליק פון איין שמייכעל, ווייס שוין אייער ברודער פון דעם אז איהר זייט אהאלבע כלה.

מיין ברודער? — האט בערטהא וויא ערשטוינט געזאגט — ווייסט איהר דען ניט אז איך וויל איהם שוין מעהר מיט דעם נאמען ניט בעטיטלען?

איך פערשטעה ניט פאר וואס, לויט איך ווייס האט ער אייך ליעב וויא מיא קען נור אשוועסטער ליעבען. איז ער דען שולדיג וואס זיין ווייב האט אייך שלעכט בעהאנדעלט?

יא ער איז שולדיג — האט בערטהא ערנסט געענטפערט — דען איך

האב קיין מאל בעמערקט ער זאל איהר פארווירפע מאכען דאפיר וואס זיא האט מיך אזויא אונמענשליך בעהאנדעלט, דאס איז אבעוויז אז ער איז דאמיט צופרידען געוועזען. ער האט געזעהען וויא בייא יעדען עסען ניט זיא מיך שטעך ווערטער אונ בייא יעדער געלעגענהייט דריקט זיא אויס איהר אונצופריעדענהייט דאפאן וואס איך בין בייא איהר אין שטוב, אונ ער האט ניט איין מאל געגען דעם פראטעסטירט.

פיליייכט האט ער פראטעסטירט געגען דעם ווען איהר האט ניט געהערט.

האט ער וועניגסטענס מיך בעדארפט בערוהיגען, ער האט אבער קיין מאל מיר אגוט ווארט געזאגט, ניט אזייא האנדעלט מאן געגען אשוועסטער וואס קומט פון יענער זייט ים צו איהם זוכען שוטץ. ער ווייס דאך יא אז איך האב אין דער גאנצער וועלט קיינעם אויסער איהם.

מיר שיינט דאס איהר זעלבסט האט מיר געזאגט אז איהר האט עלטערן אין חארקאוו.

דאס איז וואהר, מיינע עלטערן לעבען אבער פאר מיר זיינען זייא אבגעשטארבען אויף אימער אונד עוויג.

ווארום?

מיט אזעלכע פראגען רייצט מאן אויף מיינע וואונדען. איך גיעב מיר דיא גרעסטע מיהע צו פערגעסען אן דעם...

דאס איז אבער אונמעגליך צוא פערגעסען — האט דיא מיסיס דזשייקאבסאהן געזאגט — וויא באלד אז דיא עלטערן לעבען מוז מאן זיך אן זייא ערינערן. וויא איך פערשטעה האבען אייך אייערע עלטערן אויך זעהער שלעכט בעהאנדעלט.

ניין אין געגענטהייל זייא האבען מיר אימער דיא ווארמסטע ליעבע אונד צערטליכקייט בעוויזען. זייא וואלטען מיך געוויס אהער מיט זייער גוטען ווילען ניט געלאזט פאהרען, איך בין אבער פון זייא אנטלאפען געווארען.

איך פערשטעה ניט וויא אזויא אנטלייפט מאן דאס פון גוטע צערטליכע עלטערן? — האט דיא דזשייקאבסאהן פערוואונדערט געפרעגט.

אז איהר זייט אזוי נייגעריג אונ ווילט דאס דורך אויס וויסען וועל איך אייך זאגען קורץ אונ שארף אז איך בין פון זיי אנטלאפען געווארען דער פאר וואס זייא האבען זיך געטויפט.

געטויפט?

יא זייא זיינען איבער געגאנגען צום קריסטענטהום.

אין דיא עלטערע יאהרען?

זעלבסט פערשטענדליך אז זייא זיינען שוין עלטערע מענטשען.

וואהרשיינליך ווארען זייא געצוואונגען דאצו.

זייא האבען זיך געטויפט דער פאר ווען זאל זייא אלס יודען ניט ארויס טרייבען

(אמ״ג)

טרייבען פון חארקאוו, ווייל ביא אונז האט מען אנגעהייבען פילע יודען אויס צווייזען פון דער שטאט.

נוא אונ זייא האבען פון אייך פערלאנגט איהר זאלט דאס אויך טאהן?

געוויס האבען זייא דאס פון מיר פערלאנגט, אבער איך האב מיך ניט געקאנט בעשליסען בייטען מיין רעליגיאן צוא ליעב דעם, וואס מען וועט מיר געבען אשטיקעל פלאטץ וואו מיין קאפף אנידער צוא לייגען, אזו א שריט מוז מען מאכען אויס איינענע איבערציינונג, אבער ניט אויס נאטה אדער מיט דעם ציעל דיא לאגע צוא פערבעסערין.

נוא זייט איהר אוועק געפאהרען נאר אן זייער וויסען אהער?

יא.

אייער ברודער איז שוין לאנג דא?

יא ער איז שוין דא צייט צעהן יאהר.

אזוא יונג איז ער פון זיינע עלטערין אוועק געפאהרען? מיר שיינט אז ער איז ניט מעהר וויא 25 יאהר אלט, איז ער נאך אייער רעכענונג פון דער היים אוועק געפאהרען אלס 15 יאהריגער יונגע.

ער איז ניט מעהר וויא 15 יאהר אלט גיוועזן אלס ער איז פון דער היים אנטלאפען.

ער איז אויך אנטלאפען?

ער האט געמוזט פון רוסלאנד פליהען אויס פורכט פאר דער פאליציייא.

ער האט בעגאנגען אפערברעכען?

איהר פרעגט שוין צוא פיעל מיסים דזשייקאבסאהן, פערגעסט ניט אז ער איז פארט מיינער אברודער.

אונ צו ליעב דעם האט ער דא גיענדערט זיין נאמען?

לאמיר בעסער פון איין אנדער געגענשטאנד ריידען — האט בערטהא מיט איין אונצופרידענע מינע געזאגט — זאגט מיר בעסער ווארום געהט איהר ניט זא שפעט שלאפען?

איך מוז פאר מיין ליציען אקליידעל פערטיג מאכען, דען מארגען וועלין מיר אלע אביסעל ארויס פאהרען אין פארק, ווילט איהר פילייכט עפעס עססען פריילין שטאלין?

ניין איך בין ניט הונגעריג, איך וועל ליבערסט געהן שלאפין, דען איך בין פון דעם היינטיגען מפאציער זעהר מיעד.

זיא האט געזאגט אגוט נאכט אונ איז אריין געגאנגען אין איר צימער.

אבער זיא האט זיך נאך ניט געלייגט שלאפין, זיא האט פון איהר שראנק ארויס גענומען אבילד אונ האט איהם פאר דעם שיין פון דעם לאמפף לאנג זעהר לאנג בעטראכט פון ביידע זייטען.

דאס וואר זיססעל דארפס בילד וואס ער האט איהר געשטערין גענעבין. ער איז זעהר געלונגען ארויס געקומען פון דעם פאטאגראפשציקם

האנד זא דאס ער האט אויס גיזעהען וויא לעבעדיג, אויף דער צווייטער זייטע זיינען גיוועז מיט זיסעלם האנדשריפט געשריבען פאלגענדע ווארטען:

וואס איז א בילד? — נור א שאטטען.
ניט ער זעהט, ניט ער הערט.
אבער פאר אליבענד הערץ
האט ער דאך אגרויסען ווערט.
זיינע טאדטע געזיכטסציגע
ערצעהלען אונז גאר אסך.
ער איז שטום אונ דאך רעדט ער
מיט דער ליעבעס בלומענשפראך.
קוק אויף איהם ליעבע טרייע.
גוט בעטראכט נור זיין געזיכט
וועסט דוא הערען וויא ער זאגט דיר:
אהן דיר בערטהא לעב איך ניכט.

אונצעהליגע מאל האט בערטהא איבער געלעזען דאס קליינע געדיכט, אונצעהליגע מאל האט זיא בעטראכט דאס בילד אליין, ביז דער שלאף האט אן געהויבען איהרע שיינע אויגען צוא שליסען, זיא איז געפאלען אויף איהר קישען אונ האט זאנפט איין געשלאפען מיט דעם בילד אין דער האנד.

טו.

דיא באנדע באנדיטען.

אין אריך פערפוצטען עלעגאנט מעבלירטען זאל אין № 420 בראד-וויא זעהען מיר אלץ אין דער זעלבער נאכט ארום צווייא דעם זייגער נאך האלבע נאכט דרייא יונגע לייט זיטצענדיג ארום אטיש אויף וועלכען עס שטעהן פיהלע שאמפאניער פלעשער מיט פערשיידענע צוא בייסאכצען, אלע זיינען מונטער אונ פרעהליך, אן זייערע ברענענדע געזיכטער אונד פינקעלנדע אויגען איז לייכט צוא ערקאנען אז זיא האבין פיעל געטרונקען אונ דער וויין האט אויף זיא זיין ווירקונג געמאכט.

צווייא פון דיעזע יונגע לייט זיינען אונז שוין בעקאנט, דיא לעזער וועלען אין זייא ערקאנען דעם יונגען באנקיר מאקס קנאפפמאן אונ ראזע גלאנצם געליבטען דייוויס קאצין, פון דעם דריטען האבין וויר נור פאר בייא געהענד גירעדט, זיין נאמען איז לואי ספרינגסאל בערינגטאנס בוכהאלטער, ער איז אבלאנדער יונגער מאן פון אונגעפעהר 25 יאהר, ער איז זעהר איין שיינער יונג מיט שלאנקע געזיכטסציגע אונ דאך האט ער קיין חן אונ עס

איז אונמעגליך מען זאל איהם סימפאטיזירען, עפעס ליגט אין זיין האלטונג אונ אין זיין ערשיינונג עטוואס אבשטאסענדעס, וואס אייגענטליך אונז גיפעלט אין איהם ניט קאנען מיר זעלבסט ניט וויסען, אבער מען פיהלט זיך דאך אין זיין געגענווארט זעהר אונבעקוועם זא דאס מען וויל וואס גיכער פון איהם אבשייד געהמען.

בראוואָ קאצין! — האט קנאפפמאן מונטער אויס געשריען — דיין ראטה איז גיוועזן זא פראקטיש, זא קלוג דאס איך בין דיר איניגסט דאנקבאר פאר איהם, יעצט וועט קיין פערדאכט אויף מיר אדער אויף ספרינגסאלען פאלען, דער יונגער פריקאשציק דארף, ער וועט זיין דער שעיר המשתלח לעזאזל, די גאנצע שולד וועט פאלין אויף איהם אונ מיר אלע וועלין בלייבין די פיינסטע עהרליכסטע מענטשין.

נוא אונ וואס פעהלט מיין איינפאל? — האט ספרינגסאל געזאגט — איז דאס ניט גיוועזן אמייסטער האפטער פלאן וואס איך האב דעם דומקאפף אריין געשיקט צום באל אין בערינגטאנס הויז ער זאל פון דארט ארויס רופען מיין פריינד מערבלען, יעצט דארף מען נור בערינגטאנען אריין לאזען אין די אויערין די מיינונג אז דיזער דארף האט בעגנבעט זיינע געסטע אין דער צייט ווען ער איז דארט גיוועזן אונ ער האט די דרייסיג טויזענד רובל פון דער קאססע ארויס געגנבעט, ער וועט דאס באלד גלויבין אונ וועט דעם נארישען יונג אוועק שיקען אין סיביר*).

אמיינונג אליין איז ווייניג — האט קנאפפמאן גיענטפערט — מען מוז דעם הערין בערינגטאן איבער צייגען אז דיזער דארף איז ווירקליך דער גנב.

וויא אזוא קאן מען דאס איהם איבער צייגען? — האט ספרינגסאל געפרעגט.

גאנץ איינפאך, מען מוז מאכען אז אפאר שטיקלאך פון די צירונג וואס איך האב ארונטער גענומען פון די געסט זאל מען געפינען ביי אים.

עס הייסט מען דארף דאס איהם איינפאך אונטער ווארפען.

ניין, דאס טויג ניט, היינטיגע צייטען ווייס מען שוין פון דער געהיימניס אז נוטע ברידער קאנען יעמאנדען אונטערווארפען אגנבה אום איהם אונגליקליך צוא מאכען, מען מוז מאכין אז דער דארף זאל מאקע האבין ביי זיך אפאר שטיקלאך פון די געגנבעטע שמוק אונ זאל זיך איין בילדען אז דאס איז כשרה סחורה.

אבער וויא אזוי איז דאס מעגליך?

עס קאן גאר קיין גרינגערע זאך פון דעם ניט זיין — האט קנאפפמאן

לאבענד

---

*) סיביר איז איין אינזעל ניט ווייט פון ניויארק וואוהין מען שיקט אוועק אלע גרויסע פערברעכער זייא זאלין דארט שווער ארבייטען.

(אמ"ג)

לאבענד גיענטפערט — מען קאן מאכען ער זאל ענטוועדער געפינען איינם פון דיא זאכען, אדער יעמאנד זאל דאס איהם פערקויפען.

געפינען טייג ניט — האט קאצין געזאגט — איך קאן דעם שוטה, ער איז אזו ערהרליך דאס ער וועט באלד מעלדין אין דער פאליצייא אז ער האט געפונען אוערטפאלע זאך.

נוא קאן מען מאכין ער זאל דאס קויפען.

וויא אזוא?

איך וועל אייך זאגען וויא אזוא — האט קנאפפמאן גיענטפערט נאכ־דענקענד — איהר מיסטער ספרינגסאל געהט ארויס מיט איהם מארגען שפאצירען אין צענטראל פארק, צוא אייך וועט דארט צו געהען אפראנט אונ וועט אייך ערצעהלען אגעשיכטע אז ער איז דיא וואך געקומען צוא פאהרען פון דייטשלאנד, זיין בארעס געלד איז אין גאנצין אוים געגאנגען, דערום וויל ער פערקויפען זיין ווייבס צירונג פאר אקליינינקייט, דאביא וועט ער אייך וויזען אטייערין בראסלעט מיט צווייא דימאנטענע רינגען, פאר דיא אלע זאכין וועט ער בעטען בלוים 25 דאללאר, איהר וועט מאכין דעם פריקאשציק אפראיעקט איהר זאלט דאס ביידע קויפען בשותפות, וויא באלד ער וועט הערען אז איהר ווילט דאס קויפען וועט ער פון שותפות ניט אב שטעהען, אלזא, זאלט איהר דיא אלע געגענשטענדע אבקויפען האלב וועט איהר נעהמען זיך אונ האלב זאל ער געמען, דיא האלב וועט מען שפעטער ביא איהם געפינען אונ דאן בלייבט ער דער גנב פון אלע גנבות, ער וועט זיך דאן געוויס בערופען אויף אייך אונ וועט אייך שטעלין פאר איין עדות אז איהר ביידע האט ביא איין אונבעקאנטען געקויפט שמוק זאכען, אבער דאן וועט איהר זיך אבלייקענען אונ וועט זאגין אז איהר ווייסט פון קיין זאך ניט, דאס וועט זיין נאך מעהר בעוויז אז ער האט דיא אלע זאכען געגנבעט.

דער פלאן איז אויס געצייכענט — האט קאצין אויס געשריען.

יא דער פלאן איז ניט שלעכט — האט אויך ספרינגסאל גיענטפערט — וועד ווייס אבער צוא וועט מען מיר גלויבען ווען איך וועל זיך אב לייקענען.

וואס פרעגט איהר אזעלכע דומע פראגען, געוויס וועט מען אייך בעסער גלויבין אלס דעם שלעפער, דער העדר בערינגטאן איז שוין אין אייך איינפערטרויט וויא אין איין אייגענעם היימישען מענטשען, דען איהר דינט שוין ביא איהם אגאנץ יאהר, וועהרענד דער דארף איז לויט איך האב פון אייך גיהערט, ערשט אן געקומען אין אייער געשעפט, אויף איהם קאן מען אלעס גלויבין.

זאל זיין אזו, איך וועל דאס טאן, אבער פון דעם אליין וועט דער מיסטער בערינגטאן קיין בעוויז נעמען אז ער האט אויך די דרייסיג טויזענד דאלאר פון זיין קאסע געגנבעט.

ווען מען וועט ביי איהם אפאר שטיקלאך פון דיא געגנבעטע צירונג געפינען, וועט דער העדר בערינגטאן ניט צווייפלען אז ער איז דער גנב אויך פון דיא דרייסיג טויזענד דאלאר, נור אויב דאס איז אייך ווייניג וועל איך אייך נאך עטוואס צוא געבין.

וואס ווילט איהר צוא געבין?

צוא זאמען מיט דיא דרייסיג טויזענד רובל וואס מיר האבין ארויס גענומען פון בערינגטאנס קאססע האט זיך נאך געשלעפט אפאר אקציעס פון דער פענסעלווייניער אייזנבאהן קאמפאניע, דיא אקציעס דארף מען אויך זעהן אריין שפארען דעם פריקאשציק און ווען מען וועט זיא ביי איהם געפינען וועט שוין ביי קיינעם קיין צווייפעל מעהר זיין אז דיא דרייסיג טויזענד דאלאר האט ער ארויס גענגבעט.

דאס זעהט איהר, זיינען נאר אנדערע ווערטער, אבער וויא אזוא שפארט מען איהם אריין דיא אקציעס?

דאצו איז אויך דא אפשוט מיטעל, מען דארף צוא איהם אריין שיקען אמאן וועלכער וועט זיך פאר איהם פארשטעלען אלס אגענט פון דער פענסעלוויינער באהן געזעלשאפט און וועט איהם אדער זיין פאטער איינרעדען ער זאל קויפען אפאר אקציעס אויף אויס צאהלען פופציג סענט אמאנאהייט, דאביי זאל מען איהם פארשטעלען גרויסע גליקען, וועט ער זיא געוויס קויפען, זייט זיכער אז איך וועל שוין אין דעם ארבייטען דאס זאל אויס געפיהרט ווערין.

אויב איהר וועט דאס אויס פיהרען וועט זיין פון אלע זייטען גוט, דאך שרעקט מיר דאס הערץ — האט ספרינגסאל געזאגט.

וואס שרעקט אייך?

וויא איך פאר שטעה האט דער העדר בערינגמאן דיזען יונגען מאן צוא גענומען ניט וייל ער דארף איהם האבין, זאנדערין אויס איין אנדער אורזאכע וואס מיר איז אונבעקאנט, דען ער האט זיינעם פאטער אזא סומע געלד געגעבין וואס קיין גרינגער האט נאך ביז אהער פון איהם ערהאלטען, ער בעהאנדעלט דעם יונגען דארף מיט אבעזאנדערער נוטסקייט פאסט מיט צערטליכקייט, דאס בעווייזט אז צווישען איהם מיט דער פאמיליע דארף שטעקט אגעהיימע פערבינדונג.

נוא וואס זשע ארט אייך דיא אלע זאכען, דורך דעם וואס בערינגטאן וועט גלויבין אז דער יונגער מאן איז דער גנב פון זיין געלד און פון דיא שמוקזאכען וואס מיא האט ביי זיינע געסט ארויסגענומען, וועט יענער געהיימער בונד צו ריסען ווערן, און ווען זאגאר ער וועט ניט צו ריסען ווערין, אינטערסירט דאס מיך אויך ניט, מיר דארפין נור אז בערינגטאנען זאל ניט איינפאלען אפצודאכט אויף מיר אדער אויף אייך העדר ספרינגסאל, ווייטער מאג ער דעם יונגען דארף מוחל זיין אלע עבירות, איך בין זיכער אז מיר

וועלין האבין דעם גרעסטען ערפאלג, דען דורך דעם געלד וואס מיר האבי פון בערינגטאנס קאסע ארוים גענומען און פאר דעם געלד וואס מיר וועלין אב לייזען פאר דיא שמוק וואס איך אליין האב פון זיינע געסט ארא גענומען קאן איך מיין נייא געגרינדעטע באנק אגלענצענדען אויסזיכט געבין און דאס דארפין מיר זעהר נייטהיג צוא אונזערע פלענער ··· ווער רעדט אז מיר וועט געלונגען צוא ווערין זיין איידים, דאן איז דאך קיין צווייפעל פערהאנדין אז מיליאנען וועלין זיך צוא אונז שיטען פון אלע זייטען, נור ווען זאגאר דאס וועט אונז ניט געלונגען קאנען מיר אויך האפען גליקליך צו ווערין, מיין באנק דארף נור אגוטען נאמען בעקומען וועט מען צוא מיר טראגין געלד פון אלע זייטין, פון דעם שטיק לאנד וואס איך האב געקויפט קאנען מיר אוצרות ארוים נעהמען, דען וויא באלד מיין נאמען וועט זיין גוט, וועלין אלע מיינע געשעפטע דעם בעסטין נאמען האבין, און לויט איך האב בעמערקט איז אין אמעריקא די הויפט זאכע דער גוטער נאמען, קוים בעקומט מען איהם קאן מען פון פראסטע שטיינער ברילליאנטען מאכין, איהר ביידע ליעבע פריינד זאלט מיר נור מיט אייער גאנצע קראפט אונד ענערגיע בעהילפיג זיין וועט אונז קיין זאך צוא שווער זיין, איהר זאלט ניט פאר געסען אז איהר ביידע האט 50 פראצענט אין אלע מיינע פערדינסטען.

איהר צווייפעלט צוא מיר וועלין אייך דינען מיט לייב און זעלע? — האט ספרינגסאל גיענטפערט — איהר קאנט זיכער זיין אז מיר וועט קיין זאך צוא שווער זיין פאר אייך צוא טאהן.

און מיר געוויס ניט — האט קאצין גיענטפערט — אבער הערט מיינע הערין מיר איז איין געפאלען איין פראכטפאלער געדאנק וועגען דעם פריקאשציק דארף.

וואס איז דיר איין געפאלען דייוויס? — האט קנאפפמאן נייגעריג געפרעגט.

מיר שיינט אז דער דארף האט שוין א כלה, דען איך האב איהם היינטע געזעהען ארום געהענדיג געארעמט מיט זעהר אשיין מיידיל ספאצירען.

נוא איז וואס?

וויא באלד ער האט א כלה, צווייפעלע איך ניט אז ער וועט דיא צירונג וואס מען וועט איהם פאר לייגען צום קויפען געוויס איין האנדלען אום זיין כלה אגעשאנק צו מאכען, און ווען מען וועט דיא גענגבטע זאכין געפינען ביא זיין כלה, וועט געוויס ביא קיינעם קיין צווייפעל מעהר זיין אז דיא גנבה איז זיין ארבייט.

בראווא! דאס איז ווירקליך זעהר אגוטער איינפאל — האבין ביידע קנאפפמאן מיט ספרינגסאלען אויס געשריען — ווייסט דוא וואו דאס מיידכע וואהנט?

ניין (אמ״ג)

גיין איך ווייס ניט, אבער דאס איז אקליינינקייט, מען קאן דאס לייכט ערפאהרען.

ווען זאל איך מיט איהם ארויס געהן ספאצירען? — האט ספרינגסאל געפרעגט.

מארגען — האט קנאפפמאן גיענטפערט.

מארגען איז מיר אונמעגליך.

ווארום? ווייל מארגען מוז איך דאך זיין אין קאנטאר.

ביז וואנען זיצט איהר אין קאנטאר?

ביז זעכס אוהר.

נוא קאנט איהר מיט איהם פון קאנטאר גלייך אוועק געהן ספאצירען, מיינער אמענטש וועט אייך שוין פון דיא בליקען ניט אבלאזען, אום אייך דיא שמוק זאכען אן צוא באטען צום קויפען, איהר פערשפארט זאגאר מיט איהם אין צענטבאל פארק צוא פאהרען, דאס קאן גישעהן אין מיטין דער נאס, בלייבט דאס אזוא?

יא אזוא בלייבט דאס! — האבין קאצין מיט ספרינגסאלען גיענטפערט.

זייא האבין נאך דיא ווארטין ניט גיענדיגט אלס זייא האבין ערהערט אשטארקען קלאפף אין דער טיהר.

זייא זיינען אלע לייבענבלאס געווארין און האבין ערשראקען אקוק געטאהן איינער אויף דעם אנדערין, זייא האבין פערשטאנען אז אזו שפעט ביי נאכט וועט אגעוועהנליכער מענטש ניט וואגען דא צוא קלאפפין.

(אמ"ג)

פערפאסט פאָן
נ. מ. שייקעוויטץ (שמ״ר).

דיא
אמעריקאנישע
גליקען

א
ראמאן
פון אידישען לעבען אין אמעריקא.
אין 5 טהייל.

צווייטער טהייל

פערלאג אונ אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא
בדפוס-החשמלי יצחק יהודה ליב קאצינעלינבויגען.
שנת תער״ב לפ״ק.

АМЕРИКАНИШЕ ГЛИКЕНЪ

т. е.

Американскія счастія,

РОМАНЪ

въ 5-хъ частяхъ

Сочиненіе

Н. М. ШАЙКЕВИЧА

ЧАСТЬ II.

Изданіе и собственность
КНИГОИЗДАТЕЛЬСТВО
М. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА, ВИЛЬНА.
Уголъ Еврейской и Нѣмецкой ул.

ВИЛЬНА.
Электро-тип. И. А. КАЦЕНЕЛЕНБОГЕНА, Большая ул. № 1.
1912.

א.

אין קאסעל־גארדען.

קאסעל גארדען איז א הויכער מהורעס פערמינעס הויז, מיט לאנגע ברייטע צימער, וועלכעס שטעהט דיכט נעבען דעם ריווער. דיעזעס הויז האט פיעלע יאהר דעם ערשטען שלום עליכם געגעבען די איראפייאישע אויסוואנדערער. וואס זיינען געפלויגען נאך דער ווייטער אמעריקא, דא זייער גליק צוא זוכען, ריכטיגער געזאגט: אונטער איהרע פליגלען זיך פאר זייער אונגליק צוא בעהאלטען. דארום איז דעם נאמען „קאסעל גארדען" אויך אין גאנץ איראפא בעקאנט. זאגאר אין די פערוואָרפענסטע ליטוואַקישע קליינע שטעדטליך רעדט מאן אויך פון דעם „קעסיל גארטען".

קאסעל גארדען איז דער פונקט, צוא וועלכען דער איראפייאישער פליכטלינג שטרעבט, פון דער ערשטער מינוט וואס ער פערלאזט זיין אלטער היימאט, זיין געליעבטעס פאטערלאנד, אום אין דער נייער וועלט אנצוקומען. וייל ער (דער פליכטלינג) וייס, דאס קאסעל גארדען איז דער בריק דורך וועלכען מיא קומט אין דער שיינע וועלט אין וועלכער ער דארף א נייער בירגער ווערען.

וויא גליקליך דער איינוואנדערער פיהלט זיך, אלס ער פערלאזט דאס וואסער, וועלכע האט איהם נאנצע צעהן טעג אויף זיך געטראגען און ער געהט אריין אין דעם קאסעל גארדען, וואו ער דער זעהט פאר זיך מענשען פון דער נייער וועלט. איהם ווייזט אויס אז ער איז נייגעבארען געווארען, אז ער האט שוין זיין ציעל ערייכט. יעצט ערשט וועט ער אנהויבען גאר אויף דאס נייע צוא לעבען, די האפנונג רויכט איהם איין אין די אויערן די זיסע ווארטען: פון יעצט אן וועט דאס גליק אנהויבען אויף דיר צוא שיינען. ער וויל שוין אריינפאהרען אין דער שיינער בעריהמטער שטאדט נויארק, זיך זעהען מיט זיינע פריינד אונד לאנדס לייטע. ער וויל שוין זעהען וויא די מענשען פון דיזער גליקליכער וועלט לעבען דא. לײדר אבער הייסט מאן איהם נאך ווארטען ביז יעמאנד וועט קומען איהם אבהאלען פון דאנען, ער מוז טעלעגראפהירען צוא זיינע פריינדע זיי זאלען איהם פון דאנען צונעהמען, וויא לאנג די צייט ציהט זיך אויס אין זיינע אויגען ביז דער פריינד קומט שוין נאך איהם. עס טרעפט מאנכעס

מאל אז ער מוז לאנג װארטען דאן פלאצט אין איהם דיא נאל קוקענדיג,
וויא אלע זיינע מיטבריידענדע ווערען איינציג ווייס אבגעהאלט פון דאגען, נור
זיין ערלעזער איז נאך ניטא, זיין אונגעדולד האט קיין גרענעץ.

אין אזא אונגעדולדיגער פאזע זעהען מיר אין קאסעל גארדען איינעם יונגען
מאן פון אונגעפעהר צוואנציג יאהר. עס איז שוין באלד האלבע נאכט, ער
זיטצט אין דעם הויז שוין פון זעכס שטונדען, פאסט אלע פערזאנען וואס
זיינען מיט איהם אהער געקומען זיינען שוין פון זייערע פריינדע צוגענומען
געווארין פון דאנען, נור ער מיט נאך צוויא עלטערע יודען זיינען דא
פערבליבען.

דער שלאף איז איהם געלעגין אויף דיא אויגען, אבער ער האט זיך
ניט געוואלט צולייגען, אויס פורכט פיליייכט וועט מאן אויסרופין זיין נאמען
אלס צייכען אז מיא איז שוין נאך איהם געקומען און ער וועט דאס
ניט הערען.

ער האט זיך פלוצלונג אצאפעל געטאהן, דען דיא היזעריגע שטימע
פון דעם אויסרופער האט אגעשרייא געטאהן יודא פיינהערץ.

דער יונגער מאן איז פון זיין ארט אויפגעשפרונגען און מיט אגעשרייא
„דאס בין איך!" איז ער צוגעלאפין צוא דעם אויסרופער.

יודעלע! — האט ער ערהערט פון דער זייט אשטימע, און אלס ער
האט זיך אומגעקוקט און האט דער זעהען דעם יונגין מאן וואס האט יעצט
זיין נאמען אויסגערופען האט ער איבערראשט אגעשרייא געטאהן: זיסעלע!
און ביידע נאהענטע פריינד זיינען געפאלען איינער דעם צווייטען אום דעם
האלז, האבין זיך הערצליך געקושט און זייערע אויגען זיינען פול געווארין
מיט פריידענטרעהרען.

אך יודעלע וואס פאר איין אונערווארטעטער נאכט דוא ביזט! — האט
זיסעל אויסגערופען זיך פאר פריידע געזאגט — איך האב גאר ניט ערווארטעט דיך
אזוי גיך אין אמעריקא צוא זעהען, דאס מוז עפעס זיין וואס דוא ביזט אזוי
פלוטצלונג אהער געקומען.

דאס איז אגאנץ איינפאכע זאך — האט יודעלע געענטפערט — די צייט
איז בייא אונז אין הארידאק אזוי שלעכט געווארין, דאס דארט איז אונמעגליך
דאס שטיקעל ברויט צוא פערדינען. מיין שוויגערפאטער, ווייסט דוא
דאך פון מיינע בריעף, האט זיין גאנץ געלד פערלארען, מיין קונסט צוא
מאלען גילט יעצט אין אונזער געגענד ניט אן, דארום האב איך זיך בעשלאסען
איין מאל פאר אלע מאל צוא פאהרין נאך אמעריקא.

נוא און דיין ווייב האסט דוא איבער געלאזט אין הארידאק?

יא, זיא האט געמוזט דארט פארלייפיג בלייבען, ווייל ערשטענס איז
זיא אין אזעלכע אומשטענדע וואס זיא קאן יעצט ניט פאהרען. צווייטענס
האב איך קיין געלד געהאט אויף דרייא שיפסקארטען.

אויף

אויף דרייא? ביזט דוא דען מיט נאך איטעצען געקומען?

יא מיין גראספאטער איז מיט מיר געקומען.

וואס רעדסט דוא? דיין אלטען גראספאטער האסט דוא אזוי ווייט געשלעפט.

איך האב איהם געמוזט מיט נעהמען, דען אז מיין מוטער איז געשטארבען דאס איז דיר באקאנט, וואס וואלט געבליבען דער אלטער אליין געשטאנען אין הארידאק, אן אייגענע מענשען אונ אן געלד.

יא דוא האסט זעהער רעכט געטאהן ליעבער פריינד וואס דוא האסט איהם מיט געבראכט, ער וואלט דארט געוויס געשטארבען פון דעם אייגעם עגמת נפש וואס ער איז אליין געבליבען עלענד וויא אשטיין. וואו איז ער? פאר וואס זעה איך אים ניט?

דארט אויף יענער באנק ליגט ער אונ שלאפט, איך וועל איהם געהן אויפוועקען.

ווארט נאך איין אויגענבליק, איך וויל דיך פרעגען וואס הערט זיך מיט דער גרעפין קארמעליע, זיא מוז יעצט זיין דיא גליקליכסטע אין דער וועלט.

איך קאן דיר וועגען דעם גאר ניט זאגען, ווייל איך האב זיא שוין צייט איינינע מאנאטען ניט געזעהן, דען זיא איז מיט איהר מאן אוועק געפאהרען נאך אויסלאנד, איך האב אבער געהערט ערצעהלען אז מיט איהר איז ניט אזוי פריילוך.

וואס איז?

מיא זאגט אז איהר מאן דער גראף מארטינאוו איז געוועזען אשרעקליכער בעל חוב פון פריהער, אזא בעל חוב דאס קארמעליעס גאנצעם קאפיטאל איז וועניג זיינע שולדען צוא דעקען.

אזוי?

געוויס ווייס איך ניט, איך ערצעהל דיר נור דאס וואס איך האב געהערט, עס קאן זיין אז דאס איז נור אבבא מעשה, אבער ערצעהל מיר פריינד וואס מאכסט דוא, וויא מיר שיינט איז דיר גאטט זייא דאנק זעהער גוט, דוא ווייזט פראכטפאל אויס.

יא יודעלע, איך האב מיך אויף מיין שיקזאל ניט צוא בעקלאגען, איך שעטץ מיך פאר איינעם פון דיא גליקליכסטע מענשען אין דער וועלט, דען איך האב באקומען אשטעלע בייא אהיגען גרויסען גביר בערנארד בערינגטאן, דיעזער מאן איז צוא מיר וויא אפאטער גוט, אויך מיין גאנצער פאמיליע האט ער פון גרעסטען נאטה גירעטעט, איך האף אז איך וועל מיט דער צייט בייא איהם ווערין אליינ.

דאס פרייט מיך זעהער צוא הערין, וויא קומסט דוא צוא אזא גביר? גאטט אליין האט מיך געפיהרט צוא איהם, ניט ער האט אונז געקאנט

ניט מיר האבין ווען אים געזעהן אז דאך איז ער אונזער שלאך הגואל געוועזן, איך זאג דיר יודעלע אז דא אין אמעריקא ווערט מען זיך ערשט מיט ארדענטליכע גוטע לייטע. אין איירא פא געפינט זיך געוויס ניט אזא גוטע זעלע וויא דיזער הערר בערינגטאן איז. איך האב אז אויך דוא וועסט פון איהם פיל טובות האבין, דען ער האט אין אלגעמיין זעהר ליב צו שטיטצען ארדענטליכע טאלענטפאלע יונגע מענשין. בעזאנדערס אזא טאלענטפאלען קינסטלער וויא דוא ביזט וועט ער געוויס מיט אלע מעגליכקייט שטיטצען. דען וויא איך האב באמערקט איז ער א גרויסער פריינד פון בילדער. אין אלע ציממער פון זיין הויז הייגגען בילדער פון די גרעסטע קינסטלער. דוא וועסט זעהען וויפיל געלד ער וועט דיר געבין צוא פערדינען. נור מיר האבין זיך דא צופיל פערדרעדט, קום לאמיר אויפוועקן דיין פאטער און מיר וועלין אריינפאהרען אין שטאדט.

וואהין וועסט דוא אונז פערפיהרען ?

וואס הייסט וואהין. מאקי צו אונז אין הויז.

וועלין מיר אייך ניט ענג מאכען ?

און אז איהר וועט אונז ענג מאכען עמליכע טעג איז אויך קיין אונגליק ניט, מיינע עלטערען וועלין זיך זעהער פרייען מיט אזעלכע געסט.

אויף אלאנגער באנק מיט אקליין טשעמאדאנטשיק אונטערן קאפף איז געלעגען אן אלטער מאן און האט זעהער געשמאק געשלאפען. דיא ביידע יונגע לייט זיינען צו איהם צו געגאנגען.

זיידע! — האט יודעלע געזאגט איהם אנגעהמענד פאר דער האנד — שטעהט אויף, מיר דארפען שוין פאהרען אין שטאט אריין.

עס איז ווייטער אשטורם? — האט דער אלטער געפרעגט עפענענד דיא אויגען און זיך זעטצענד אויף דער באנק.

וואס פאר אשטורם? — האט יודעלע געלאכט — איהר מוזט געוויס מיינען אז מיר זיינען נאך אויפן ים.

וואו דען זיינען מיר? — האט דער אלטער געפרעגט זיך קראטצענדיג אינטערן קאלנער.

מיר זיינען דאך אין קעסעל גארטען.

טפויא! איך האב גאר פערגעסען אז מיר זיינען שוין בשלום דעם ים אריבער געפאהרען. ווער איז דער יונגער מאן?

איהר האט איהם ניט ערקאנט זיידע, דאס איז דאך זיסעלע אהרן דעם רב׳ס.

הא? זיסעלע? — האט דער אלטער פערוואונדערט געפרעגט — יא וויא איך בין א יוד דאס איז ער, קוק איהם נור אן ער איז דאך אין אמעריקא

אגאנצער פראנצויז געווארען. שלום עליכם זיסעלע, וואס מאכט דער טאטע דיא מאמע.

ער האט געגעבען דעם יונגען מאן דיא האנד און האט זיך מיט איהם צו קושט

מיר זיינען אלע גאטט זייא דאנק געזונד — האט זיסעל געענטווערט — און וועלין זיך דאס מיינע עלטערען פרייען אז זייא וועלין אייך דער זעהן. קומט ליעבער רבי גרונם איך וועל אייך פיהרען צו אונז אהיים.

וועט מען אונז ארויסלאזען פון דאנען?

וואס איז דאס פאר אפראגע.

ווייל מיא האט מיך עפעס צופיעל דא געפרעגט וויא אלט איך בין און צו האב איך בייא זיך געלד.

דאס מאכט ניט אויס, אבי איך בין נאך אייך געקומען און וועל זאגען אז איך געהם אייך אויף מיינע פלייצעס וועט מען אייך פון דאנען ארויס לאזען.

לאנג לעבען זאלסט דוא. איך האב מיך שוין געשראקען, טאמער חלילה הייסט מען מיך איך זאל פאהרען צוריק אין הארידאק, מעהר וואלט מיר ניט געפעלט, איך דארף גומל בענשען וואס איך בין בשלום איין מאל דעם ים הגדול דורכגעפאהרען, דאס צווייטע מאל וואלט איך דאס געוויס ניט אויס געהאלטען.

האט נאר קיין מורא ניט רבי גרונם, קומט מיט מיר, גיט מיר אויך א פעקעל פון אייערע זאכען וועל איך העלפין ארויס טראגען.

ער האט גענומען אהיבשען פעקעל זאכען אויך יודעלע האט איין פעקעל גענומען. דער אלטער האט נור געטראגען זיין טלית און תפילין און זייא זיינען אהנע הינדערנישע פון קאסעל גארדען ארויס געגאנגען. דארט האט זייא זיסעלע ארויפגעזעצט אויף אוואגען און זייא זיינען אריינגעפאהרען אין נויארק.

ב.

אונטער פיער אויגען.

יאהאן עפינגער וואר נאך גאר איונגער מאן פון איאהר 25 און דאך האט ער זיך שוין ערווארבין אגרויסע פאפולאריטעט אין נויארק. ער איז שוין צום צווייטען מאל אויס געקליבען געווארין אלס ריכטער אין איינע פון דיא בעפעלקערסטע דיסטריקטען אין שטאדט. זיינע בעקאנטע האבען איהם זאגאר בעטיטעלט מיט דעם ביינאמען „דער עהרליכער" און ער האט דיעזען ביינאמען עהרליך פערדינט, דען ער איז געוועזען אן ארדענטליכער

מאן אין פאלען זינע דעם ווארטעס, ער האט נור אין זינען געהאט זיין זאך, מיט לייב אונד לעבען איז ער געוועזען אבײנגעטאהן אין דיא פראצעסען וואס זיינען פאר איהם פארגעקומען און קיינער האט זיך געקאנט בעקלאגען אז ער האט יעמאנדען אנ׳אונרעכט געטאהן

אנדערע האבען איהם געהאלטען פאר אזאנדערבארען מענשען וואס האט זיך ענטזאגט פון אלע וועלטליכע פערגעניגען, דען מיא האט איהם קיין מאל געזעהן אין א טהעאטער אדער אין א קלוב, זעהר זעלטען איז ער געוועזען אויף א באל און דאס אויך ביא זעהר נאהענטע בעקאנטע אדער פערוואנדטע. מיא האט איהם זאגאר קיין מאל געזעהען אין דער געזעל־שאפט פון פרויען. אבוואהל אלע שענע מעדכענס וואס האבען איהם געקאנט האבען מיט דער גרעסטער ענערגיע זיין פריינדשאפט געזוכט ווייל ער איז געוועזען זעהער א שיינער יונגער מאן, זא שיין דאס אלע פרויען וועלכע פלעגען קומען אין דעם געריכטס זאל וואו עפינגער האט געטראכט צו הערען דעם רעזולטאט פון אנ׳אינטערעסאנטען פראצעס, פלעגען גאר פער־געסען וועגען וואס זייא זיינען געקומען און האבען מיט פערגעניגען בעטראכט דעם שיינעם ריכטער.

נור אין דער לעצטער צייט האט מען אנגעהויבען שטארק צו ריידען אז דיעזער זאנדערלינג איז דאך פערשטריקט געווארען אין דער נעטץ פון דער ליעבע און ער איז עפעס ניט גלייכגילטיג צו פריילין בערינגטאן. דען טראטץ זיין געוואהנהייט אין זיינע לעדיגע שטונדען צו זיטצען אין דער היים איבער זיינע ביכער, האט מען איהם זעהער אפט געזעהן ארײנקומענדיג צו בערינגטאנען אין הויז. מיא האט איהם זאגאר אפאר מאל געזעהען מיט פריילין לוירא בערינגטאן אין מיטראפאליטאן אפערן הויז.

א שיינע פרויא איז ווירקליך שטארקער פון אלעס אין דער וועלט, האבען דיא בעקאנטע צווישען זיך גירעדט. ווען אזא מענש וויא עפינגער האט זיך געלאזט ביינען פון א שיינער פרויא זעהט מען אז דיא פרויענקראפט האט צו זיך קיין גלייכען.

און דער עולם האט קיין אירטהום געהאבט. דער קאלטער עפינגער האט זיך ווירקליך איבער דיא אויערן פערליעבט אין דער שיינער לוירא. לוירא איז מיט איהר נאטור זעהר עהנליך געוועזען צו איהם, זיא האט אויך פיינד געהאט דיא פרעהליכע געזעלשאפטען, וואס האבען נור דעם ציעל דיא צייט אין פערגעניגען צו פערברייגען. זיא פלעגט אויך בעשטענדיג זיטצען ביא זיך אין צימער איבער ביכער, אדער אין זאאל ביא דער פיאנא ווייל זיא האט א שטארקע נייגונג געהאט צו דער מוזיק. זיא האט נור געציילטע פריינדינען געהאט און דיא איינציגע וואס האט זיך איהר פערטרויען ערווארבען וואר פריילין מינא טויב, וועלכע איז מיט איהר אין איין שולע געגאנגען און פון זייער פריהסטער יוגענד אן זיינען זיא דיא

בעסטע

בעסטע פריינדינס גיווען. אומזאנסט האבען זיך אין דיא לעצטע צוויא יאהר דיא רייכסטע יונגע לייט פון נויארק צו איהר געשדכנט און האבן אלע קרעפטע אנגעווענדעט איהר גונסט צו ערווערבען, זייא האט עס ניט געלונגען. זיא האט זייא אלע מיט דער גרעסטער גלייכגילטיגקייט בעהאנדעלט זא דאס ניט איינער פון זייא האט געוואגט דיא מינדעסטע האפנונג צו האבען איהר האנד אונד איהר הערץ צו געווינען.

זיא האט פיעל מאל גיהערט ערצעהלען פון עפינגערס מעלות, אבער זיא האט זיך גאר דיא מיהע ניט געוואלט געבען מיט איהם בעקאנט צו ווערין. זיא האט שוין גיהערט פיעלע מאל ערצעהלען מעלות פון יונגע לייט אונ אלע זיא איז מיט זייא נעהענטער בעקאנט געווארין, האט זיא זיך איבערציינגט אז עס איז ניט וויא מיא האט איהר ערציהלט.

אבער צופעליגער ווייזע האט זיא עפינגע־ן דער זעהן אלס זיא וואר אויף איין בעזוך מיט איהר מוטער ביא דעם מיליאנער דושיא גילד, האט זיא דארט עפינגערן געטראפען. זייא האבען זיך פון איינאנדער גירעדט און מיט דער ערשטער בעקאנטשאפט זיינען דיא ביידע יונגע מענשען שטארק צוגעבונדען געווארען איינער צום צווייטען. אויך איהר מוטער איז פון דעם יונגען מאן ענטציקט גיוועזן אונ זיא האט איהם זעהר פריינדליך איינגעלאדין ער זאל אלס פריינד אין איהר הויז אפט אריינקומען.

עפינגער האט זיך ניט געלאזט בעטען און איז אויף מארגען אלס נאכט גיוועזען ביא בערינגטאנען אין הויז — היבשע עטליכע שטונדען האט ער פערבראכט מיט לוויזאן און נעבען זיין געוואהנהייט האט ער מיט איהר זעהער פיעל גירעדט.

פון דאמאלט אן איז ער זעהער אנ׳אפטער גאסט גיוועזען ביא בערינג־טאנען אין הויז.

לוויזאס עלטערען איז גאר קיין מאל דער געדאנק ניט איינגעפאלען אז צווישען דיא יונגע לייט פערוויקעלט זיך א שטארקע פייעריגע ליבע, די איז אפילו זעהער זאנדערבאר פארגעקומען וואס זייא זיטצען אב שטונדען לאנג און מודען זיך, אבער זייא האבן דאס פערענטווערט דאמיט וואס זייא זיינען ביידע ענטוויקעלטע געבילדעטע פערזאנען דארום שעפט זיך ביא זייא קיינע ווארטען אויס.

אום אונזערע לעזער אריכטיגען בעגריף צו געבען וויא ווייט דיא ביידע ענטוויקעלטע פערזאנען זיינען מיט זייער ליעבע פערקראכען, מוזען מיר זיך אונטערהערן (וויא דיא מאדע איז היינט) צו זייערן אגעשפרעך מיר זעהען זייא ביידען אין אשיינעם נאכמיטטאג זיטצענדיג אין דער פראכטפאלער ביבליאטהעק וואס בערנארד בערינגטאן האט זיך פערשאפט.

אלזא   (אמ״ג ח״ב)

אַלזאָ לוירא ווילסט דו מיר אַלײן ניט ערלױבען איך זאָל בײַ דײַן פֿאָטער אים דײַן האַנד בעטען ? — האָט עפֿינגער געזאָגט .

איך קאָן דאָס הײַנט ניט ערלױבען מײַן טהײַערער — האָט לוירא געענטוועורט — ווײַל איך ווײס פֿאָראױס אַז ער וועט דאָס גאָר ניט וועלין הערען :

וואָרום וועט ער ניט וועלין דאָס הערען ?

דער פֿאַר וואָס ער וועט ניט וועלען איך זאָל הײַראַטען אַ קריסט .

זאָל איך גלױבען אַז דײַן פֿאָטער איז אַזוי פֿרום און בײַ איהם שפּילט די רעליגיאָן אַזאַ גרױסע ראָליע .

די רעליגיאָן שפּיעלט בײַ איהם קײַן גרױסע ראָליע ניט , אָבער דו ווײסט דאָך אַז יעדען מענשען ציהט צו זײַנע רעליגיאָנס ברידער .

דאָס איז נור אַן אײַנבילדונג , איך מוז נאָך צוגעבען אַז דאָס איז אַנאַרישע אײַנבילדונג — האָט עפֿינגער געזאָגט — זײַנען דען ניט אַלע מענשען אונזערע ברידער ? בעסער געזאָגט אַלע מענשען פֿון אײַן רעליגיאָן אָדער פֿון פֿערשידענע זײַנען קײַנע ברידער , איבעריגענס קאָן מען מיך נאָר ניט אַנרופֿען קריסט , ווײַל איך האָב קײַן רעליגיאָן , איך גלױב נור אין דעם גאָט וואָס הײסט „אמת״ . דו וועסט מיר געוויס ניט גלױבען מײַנע טהײַערע ווען איך וועל דיר זאָגען אַז זײַט איך לעב בין איך נאָך אין קײַן קירכע געוועזן , ווײַל מײַנע עלטערען האָבען אויך די נאַרישקײט ניט געטאָהן .

זײַ זײַנען געוועזן פֿרײַדענקער אָדער אַטהעאיסטען ? .

דאָס ווײס איך אויך ניט . נור ווי מיר שײַנט זײַנען זײַ געוועזן די בעדע זאַכען צו זאַמען , מיך האָבען זײַ אויך אָהן אַ רעליגיאָן ערצאָגען , זײַ פֿלעגען מיר בעשטענדיג זאָגען אַז די הײליגסטע רעליגיאָן איז „עהרליכקײט״ און דער מענש וואָס איז ניט עהרליך מאָג אין צוואַנציג רעליגיאָנען גלױבען , בלײַבט ער אַלײן אַן אױסוואורף דער נאַטור .

דאָס האָבען זײַ גראַדע זעהר גלײַך געזאָגט .

נו און דײַן פֿאָטער איז שטאַרק רעליגיעז ?

ער איז ניט שטאַרק רעליגיעז , אָבער ער ליעבט זעהר זײַנע רעליגיאָנס ברידער , פֿאַר זײַ איז איהם קײַן זאַך צו שווער צו טאָהן .

און דו ווײסט בעשטימט אַז ער וויל דיך פֿערהײַראַטען נור פֿאַר אַ יודען ?

יאָ , דאָס ווײס איך בעשטימט.

נו און דו ווילסט זיך זײַער ווילען אונטערגעבען ?

מיר וועט זעהער שווער זײַן געגען זײַער ווילען צו האַנדלען , ווײַל איך ווײס אַז איך וועל זײַ דאָמיט גראָסע שמערצען פֿערשאַפֿען .

אויב

אויב אזוי איז דאך גאר איבעריג וואס מיר רײדען וועגען אפער־
אײנגונג .

דאס איז ניט איבעריג איך האב אהאפנונג אז איך וועל זײא
בעוועגען דיא זאלין מיך לאזען האנדלען נאך מײן אײגענעם ווילען .

אבער אויף וועך לײגנסט דוא אב ?

איך וועל דערהיטען אגינסטיגע צײט ווען מײן פאטער וועט זײן אין
זעהער אגוטער לוינע , דאן וועל איך מיט איהם וועגען דעם רײדען .

מיר שײנט אז דײן פאטער איז אימער אין אגוטער לוינע , איך
האב איהם קײן מאל ניכט געזעהן אין אגוטער ענטען צושטאנד , ער איז
אימער זעהער ליבענס ווירדיג , זאגאר דיזע וואכע אין וועלכער ער
האט זא פיעל שאדען געהאט איז ער גאנץ רוהיג אונד קאלטבלוטיג .

ווען מײן פאטער זאל האבען שמערצען פון יעדען שאדען וואלט ער
אהן אהארץ געבליבען , ער איז שוין צוא אזעלכע זאכען געוואהנט
געווארען , געוויס ווײסט איהר אז מיט אײן יאהר צוריק האט איהם אהיזיגע
באנק מיט וועלכע ער איז אין פערבינדונג געשטאנען באנקראטירט
פופציג טויזענד דאללאר דאך האט ער דאס גלײכגילטיג ארונטער
געשלונגען , ער האט פון דעם סקאנדאל וואס עס האט זיך בײא אונז
אויפן באל געמאכט , געהאט שמערצען נור דאפון וואס זײנע געסטע האבען
געהאט שאדענס , איך גלויב אז איהר ווײסט דאס אויך אז ער האט דיא
בענגבטע געסט געוואלט זײער שאדען אומקעהרין פון זײן אײגענער טאש ,
אבער זײא האבען דאס ניכט געוואלט אננעהמען .

דאס איז ווירקליך געווען אמערקווירדיגע סקאנדאל , נוא אונ מיא האט
מאן אלץ ניכט ערפאהרען ווער דער דיעב איז ?

ניין , אנפאנגס איז דער פערדאכט געפאללען אויף דיא בעדינטע ,
אבער נאך אגענויער נאכפארשונג , זײנען דיא דעטעקטיווס געקומען צוא
דער איבער צײגונג אז דיא בעדינטע האבען קײן שולד דאראן .

אבער דאס איז דאך זאנדערבאר , דיא אלע געסטע וואס זײנען גיווען
אויפן באל קאן איך זעהער גוט , דאס זײנען אלץ פײנע אנשטענדיגע לײטע
איך קאן זײא אלע זעהער גוט , אויסער אײן נײע פערזאן איז גיווען אויפן
באל וואס איך האב דיא עהרע נים צוא קאנען , אבער ווי א באלד אײער
פאטער האט איהם אײנגעלאדען צו זײן באל , ווײס ער ווארשײנליך אז ער
איז אויך אנ׳אנשטענדיגער מאן .

וועמען מײנסט דוא ליבער יאהן ?

איך האב גיזעהען צווישען דיא געסט אײנגען מאן מיט לאנג
שווארצע האר , דיא נאז איז בײא איהם אביסעל צופיעל פערריסען ארויף
ער האט געטראגען ברילען .

אה ! דאס מוזט מײנען דעם מיסטער קאפפמאן .

ווער־

ווער איז דאס דער מיסטער קנאפפמאן ?

דאס איז איינער באנקיר וועלכער איז ניכט לאנג געקוממען אהער פון רוססלאנד , מיין פאטער האט זיינע עלטערן וועהער גוט געקאנט, לויט ער ערצעהלט זיינען זייא פון דיא פארנעהמסטע רוססישע יודען , דארום האט ער דעם זאהן זא פריינדליך עמפפאנגען .

אבער דעם זאהן אליין האט אייער פאטער ביז אהער ניכט געקאנט וויא אזויא האט ער איהם געזאלט קאנען אז ער איז ערשט ניט לאנג געקוממען אהער פון רוסלאנד .

ער איז רייך ?

יא, מיא זאגט אז ער איז זעהער רייך . מיין פאטער ריהמט אים אלס זעלטענעם געשעפטס מאן אונ פראפהעצייעט אז ער וועט אמאל זיין איינער פון די גרעסטע אמעריקאנישע ביזנעס לייט . נור ווארום האסט דוא זיך אזוי פערטראכט יאהן ?

גאר ניכסט, מיר איז אין קאפף אנאר'ישער געדאנק איינגעפאלען , אבער דאס האט גאר ניכט צו אונזער געשפרעך . אלזא מיין לעבין בלייבט דאס אז איך זאל מיך נאך אבהאלטען מיט מיין פערלאנגען דיין האנד ביא דיינע עלטערין .

יא, דוא מוזט נאך אקורצע צייט געדולדיג זיין , איך וועל דיר שוין זאגין ווען דוא זאלסט מיט איהם ריידין .

איך וועל דיך פאלגען מיינע טהייערע . נוא דערוויל אדיע , איך וואלט זעהער צופרידען גיווען מיט דיר נאך אפאר שטונדען צוא פערברייגגען , ליידער אבער האב איך הייטע זעהער קיין צייט .

ער האט איהר הערצליך דיא האנד געדריקט, דאביא האט אקלינגענדער קוש זיך געלאזט הערין איבער דעם גאנצין ביבליאטהעק .

ג.

מיר מענשען האבין אין זיך דעם שענדליכען פעהלער , וואס אונז איז אימער ליעב דיא זאך וואס אנדערע יאגין זיך נאך דעם , מיר ווילען גאר ניט בעטראכטען פילייכט זיינען דיא אנדערע אין דעם היגזיכט זעהער דום . מיר האלטין נור פון דעם כלל אז וויא באלד דאס גיפעלט אזוי יענעם האט דאס געווים אגרויסין ווערטה .

קיינער וואלט זיך גאר אויף דעם מיסטער קנאפפמאן גיט אויפגעקוקט, קיינער וואלט איהם קיין גרויסע אויפמערקזאמקייט געשענקט ווען מיא זאל ניט גיוועין באמערקין וואס פאר אווערטה ער האט ביא דעם מיליאנער בערינגטאן . דיא געהיימנים אז ער וויל דעם יונגין מאן פאר זיין שוויעגער-

זאהן מאכין איז זעהער שנעל באקאנט געווארין אין אלע קרייזען וואו נור בערינגטאן פלעגט איין קומען. דיא נעהייטנים איז שנעל וויא אבליטץ דורך געלאפען פון מונד צו מונד און יעדער איינער פון בערינגטאנס בעקאנטע האט זיך געקלערט אז וויא באלד בערנארד האט אויף איהם אזא אויג געווארפען איז מסתמא דער מיסטער קנאפפטאן איינער פון דיא זעלטענסטע מענשען אין דער וועלט, אלע רייכע מאמעס וואס האבין ערוואקסענע טעכטער האבין זיך געוואונשען אז דיזער זעלטענער יונגער מאן זאל בעסער זייערע טעכטער הייראטען, בעזאנדערס האט דאצו שטארק חשק געהאט דיא מיסיס טויב מיט וועלכע אונזערע לעזער האבין שוין דיא עהרע געהאט זיך צוא בעקאנען ביי בערינגטאנען אויפין באל.

דיא מיסיס טויב וואר דיא פרויא פון מיסטער זימאן טויב.

דער נאמען זימאן טויב איז אין נאיארק זעהער גוט באקאנט, מיא ווייס אז דער מיסטער טויב האט אגרויסין קליידער געשעפט אונ איינע דרייא גרויסע הייזער אין דער דריטער עוועניו אונ ער געהערט צו דער רעפארמירטער קלאססע יודען.

דיא רעפארמירטע יודען זיינען אזוי ווייט פון דיא ארטהאדאקסישע וויא די קאטהאליקען זיינען ווייט פון די פראטעסטאנטען. אבוואהל מיא בעמערקט זעהער אפט דאס זייא אינטערעסירען זיך פאר זייערע ארטהאדאקסישע ברידער, פון דעסטוועגין ווייסין אלע אז זייא האבין דיזע יודין זא פיינד דאס זייא ווילען זיך גאר מיט זייא ניט בעגעגנען, זייא שעמען זיך גאר צוא זאגין אז זייא שטאמען ביידע פון איין טאטין אונ פון איין רעליגיאן.

דיא רעפארמירטע יודען בעטראכטען זיך אלס עכטע אמעריקאנער אונ אויף אלע איבעריגע יודין קוקין זייא וויא אויף פרישע געסט וואס מיא האט אין דער פרייער אמעריקא אריין געלאזט נור אוים מיטלייד, זעהער אפט לעזט מען אין די צייטונגען וואס זייערע רעדאקטערע זיינען רעפארמירטע יודען אזעלכע פערלייםדונגען אויף דיא רוססישע איינגעוואנדערטע יודען, וואס המן הרשע בשעתו האט ערגערס אויף זייא ניט געקאנט אוים ריידען. עם האבין זיך שוין פילע פון אזעלכע רעדאקטערע געפרובט אויפמונטערין דער רעגירונג מיא זאל דיא רוססישע איזראעליטען אין אמעריקא גאר ניט אריין לאזין ווייל זייא מאכין אונגליקליך דער נייער וועלט, אבער דיא אמעריקאנישע קריסטען וועלכע האבין אין זיך פיל מעהר געוויסען אלס דיא רעפארמירטע יענקעלאך ווילען פון אזעלכע זאכין ניט הערין, אונ גראדע זייא (דיא קריסטען) בעמיהען זיך דעם אונגליקליכען יודישען איינוואנדערער אפאמטערלאנד אונ דיא מעגליכקייט צום לעבין צוא געבין.

דער זייטיגער מענש וואס זעהט דעם שטאלץ פון דיא רעפארמירטע יודען געגען זייערע ברידער אונ באמערקט זייער האס אונ פעראכטונג געגען זייא, קאן מיינען אז דיזע מאדנע בני ישראל זיינען אהער געוויס אריבער

געקומען פון יענער זייט סמבטיון, אדער פון איין אייגען לאנד וואו זייא האבין גילעבט וויא דיא פרינצען, וויא וואלט ער זיך אבער געוואונדערט ווען ער זאל הערין אז דיא שטאלצע גענז שטאמען פון איין שטאל מיט זייערע ארטהאדאקשישע ברידער. דער גרעסטער טהייל פון זייא וואקסין אויך פון רוסלאנד, זייא אדער זייערע עלטערין זיינען אהער אנטלאפין ווער ווייס פאר וועלכע עבירות. דיא צייט האט זייא אפ געגליקט, זייא זיינען געווארן רייך, און דער פעהלער ליגט דאך שוין לאנג אין אונזערע ברידער, אז ווען זייא ווערין רייך פאר געסין זייא דיא קוועלע פון וואנען זייא האבין ארויס גערונען און בעמיהען זיך מיט אלע קרעפטע זיך גאר אלס אנ׳אנדער סארט מענשען צוא צייגען. זייא מיינען אז וויא באלד אין זייערע טעמפלען שפילט אנ׳ארגעל און דיא בעזוכער זיצען אן היטלען זיינען זייא שוין פון איין אנדער מיין געבאקען געווארען.

אזא מין סארט רעפארמירטער יוד איז געוועזען דער מיסטער זימאן טויב. מען האט אן זיין געזיכט און אן זיין אויסשפראכע גלייך ערקאנט אז ער וואקסט פון דער היילינער רוסלאנד. דען ענגליש האט ער זעהר שלעכט גירעדט טראטץ דעם וואס ער וואוינט אין אמעריקא איבער דרייסיג יאהר, זיין דייטש שפרעכין איז געוועזען דיא ריכטיגע קוגעל דייטש וואס מען הערט אין דיא ליטווישע און פוילישע קליינע שטעטלאך פון די היינטוועלטיגע חתן כלה און דאך האט ער זיך געהאלטין פאר איין עכטען אמעריקאנער און האט זיך מיט קיין רוסישען יודען געוואלט בעגעגנען, זיין ווייב אניא האט אויך געהאט דעם עכטען טיפ פון אפוילישער יודישער פרויא אבוואהל זיא איז אימער געגאנגען געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע און האט נור גירעדט ענגליש. דעם מאן האט זיא בעשטענדיג געהאלטין אונטער איהר פאנטאפעל.

זייער טאכטער מינא וואר זעהר אשיין מעדכען, זיא איז נאך דאצו געוועזען זעהר געבילדעט און אקינסטלערין אויף דער פיאנא, אבוואהל דיא עלטערין האבין זיא זעהר ליב געהאט, פון דעסטוועגין האבין זייא גאר קיין לוסט געהאט איהר אגרויסין נדן צוא געבין, זייא האבין בעסער געוואלט אז אין זייער טאכטער זאל זיך פערליעבען אבייכער מאן וועלכער זאל קוקין נור אויף איהר גיט אויף איהר געלד, דארום איז קיין וואונדער וואס דיא מיסיס טויב האט שטארק מקנא געוועזען בערינגטאנגען וואס צו זיין טאכטער שדכנט זיך אזא רייכער יונגער מאן וויא דער יונגער באנקיר קנאפפמאן איז. זיא האט יעצט גאר פארגעסין דאס דיזער קנאפפמאן איז ארוסישער יודע, פון דיא יודין וואס זיא מיט איהר מאן האבין אימער מיט דער גרעסטער פעראכטונג גירעדט און זיא האט פון טיפען הערצען געוואונשען אז דיזער רייכער ברויטיגאם זאל זיך בעסער פערליבען אין איהר טאכטער, דען ער וועט דאך געוויס קיין גרויסין נדן פערלאנגען און דארום איז ער פאר איהר מינאן וויא געבארען.

קומענדיג דאסמאל פון בערינגטאנס באאל, האט זיא ניט אויפגיהערט צוא ריידין פון דעם רייכען באנקיר, זיא האט איהר מיינונג געזאגט אז אין גאנץ אמעריקא איז שווער אזא וועלטעגעם תכשיט צוא געפינען.

איך גלויב גאר ניט אז ער וועט וועלין הייראטען לוויראן — האט זיא געזאגט צוא איהר מאן אין מינאס געגענוואַרט, ווען איך זאל זיין איונגער מאן וואלט איך פאר קיין פאל געוואלט אזא כלה הייראטען, זיא איז טאקי ניט קיין מיאוס מיידעל, אבער אן זאלץ, איהר שיינקייט קאן ניט געפעלין אמאנספערזאן מיט אגוטען געשמאק, וואס זאגסט דוא זימאן?

איך וועל דיר זאגין דיא וואהרהייט אז איך האב דעם מענשין גאר ניט גוט בעטראכט — האט זימאן גיענטפערט.

דאס איז דאך דיין פעהלער פון עוויג אן — האט זיא בייז געזאגט — וואס אויף ארעכטער זאך קוקסט דוא גאר ניט.

זעהסט דוא מיין לעבין, דאס האסט דו זעהער שלעכט געזאגט — האט ער שמייכלענד גיענטפערט — דוכט זיך פון דיר אליין קאנסט דוא געהעטען אריכטיגען בעווייז אז איך קוק יא אויף ארעכטער זאך ....

נוא נוא חכמות אהן אזייט, דוא ווייסט דאך אז איך האב פיינד דייגע פוילע וויטצען.

אבער איך פערשטעה ניכט, ווארום האסט דוא געוואלט איך זאל אויף דעם יונגען מאן שטארק קוקען?

דאס איז זעהער שלעכט וואס מיא מוז דיר אריינלייגען אפינגער אין מויל, דוא האסט געמוזט פערגעסען אז דוא האסט אויך אטאכטער, אז עס איז שוין צייט זיא צו פערהייראטין.

איך פערשטעה נאך אלץ ניכט וואס דוא ווילסט פון מיר.

דוא ברייננסט מיך פון געדולד ארויס זימאן — האט אניע שון צארניג אויסגערופין — פאסט דען אזא זעלטענער יונגער מאן ווי דער מיסטער קנאפמאן איז פאר אונזער מינען ניט פיל בעסער אלס פאר לוויראן.

נוא האסט דוא געוואלט איך זאל אבריידען דעם יונגען מאן פון לוויראן אונ זאל איהם צוריידען ער זאל בעססער הייראטין אונזער מינאן.

דאס הייסט ניכט אבגירעדט, קיים איז ער מיט לוויראן נאך ניכט אוויצ׳על פערבונדען איז ער אזא פרייע פייגעל וואס יעדער האט רעכט איין קלייטקע פאר איהם צו עפענען...

אבער מאמא! — האט זיך מינא אבגערופין — איך פערשטעה נוכט ווארום דיעזער יונגער מאן גיפעלט מיר אזויא.

נוא אונ דיר גיפעלט ער ניט? — האט אניא נייגיעריג געפרעגט.

איך האב אין איהם קיינע בעזאנדערע מעלות געפונען ער זאל מיך מיט דער ערשטער בעקאנטשאפט איבערראשען.

מיר שיינט אז צו אזא פעטען ביססין דארף מען קיין שארפע צייין ניט

ניט ה[illegible] אניע לאכענד געזאגט. יעדער פערשטענדיגער מענש פער־שטעהעט, אז אזא רייכער יונגער מאן וואס האט אין אזא קורצער צייט זיך ערווארבען אין נאיארק אזא גרויסין נאמען איז ער געוויס אזעלטענהייט. דעם בעסטען בעווייז דאצו קאנען מיר דאך האבען וואס בערינגטאן וויל איהם פאר זיין שוויגער זאהן מאכען.

דאס וואס בערינגטאן וויל איז גאר ניכטס — האט מינא געזאגט — איך ווייס אז לוירא וועט דיעזען מאן ניכט הייראטען.

ער גיפעלט איהר דען ניכט?

ניט דערפאר, אבער זיא האט שוין איהר הערץ אנ׳אנדערן אוועק־געשענקט.

דאס ווייס איך אויך — האט אניא טריאומפפהירענד געזאגט — ניכט נור דוא אליין ווייסט דיא געהיימניס, דאס איז שוין אלעמען בעקאנט דאס לוירא איז פערליעבט אין יאהן עפינגער. נוא אויב אזויא איז דאך געוויס גוט, איז מיסטער קנאפפמאן געוויס אפרייער פויגעל אונ מיר מאגען איהם צו ציהען צו זיך.

איך זאג דיר מאמא אז דער מענש גיפעלט מיר ניט — האט דאס מעדכען זעהער ערנסט געזאגט.

פאר וואס? זאג פאר וואס גיפעלט ער דיר ניט? — האט אניא זעהער אויפגערעגט געפרעגט.

איך קאן דיר אויף דעם אבערמאלס ענטפערין דיא זעלבע ווארטין אז ער גיפעלט מיר ניכט.

איך קאן ניכט הערין דיא קינדישע נארישקייט — האט אניע ביין געזאגט. הערסט דוא זימאן, דוא זאלסט אזא וויכטיגע זאך ניכט אוועק מאכען אונטער דער האנד, דוא זאלסט דעם הערין קנאפפמאן איינלאדין צו אונז אויף אמיטטאג.

איך קאן מיך גאר מיט איהם ניכט.

נוא איז אגרויסע זאך מיט איהם בעקאנט צו ווערין? דוא מאגסט זיך מטריח זיין אריינגעהן צו איהם אין קאנטאר מיט אנ׳אויסרייד וועגין אגישעפט אונ אז דוא וועסט זיך מיט איהם גוט פונאיינאנדער ריידען וועסט דוא איהם קאנען בעטין ער זאל צו אונז אריינקוממען.

גוט, מיר וועלין שוין זעהען.

לייג דאס ניט אב אויף לאנג — האט אניא שטרענג געזאגט — דוא זאלסט ניכט פערגעסן אז אזא יונגען מאן קאן מאן יעדע מינוט אויסכאפן. דוא פערשטעהסט וואס איך רייד צו דיר?

איך פערשטעה, איך פערשטעה — האט זימאן גיענטפערט — דער ווייל בין איך מיעד פונ׳ם באל אונ איך מוז מיך געהען לייגען שלאפין.

ד.

דיא געטץ פלעכט זיך.

מיט זעהער אנ'ערנסטע פינסטערע מינע איז געזעסען בערנארד בערינגטאן אין זיין אפיס (קאנטאר) ביא זיין שרייבטיש.

זיין בוכהאלטער ספרינגסאל וועלכער איז געזעסין אינ'ם צווייטין עק צימער פערטיעפט אין זיינע רעכנונגען, האט אלע מינוט אקוק געטאהן פון דער זייט אויף זיין פערטראכטען פרינציפאל אונ האט זיך געמאכט וויא ער איז שטארק בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט.

מיסטער ספרינגסאל! — האט נאך אלאנגעס נאכדענקען בערינגטאן אויס גערופען פערדרויסענד אמינאר.

דער בוכהאלטער איז צו איהם צוגעלאפען.

זעצט זיך איך האב מיט אייך עטוואס צו ריידען — האט בערינגטאן רוהיג געזאגט איהם אנצייגענד אויף דעם שטוהל וואס איז געבען איהם געשטאנען.

ספרינגסאל האט זיך געזעצט.

איך מוז אייך זאגען מיסטער ספרינגסאל — האט בערינגטאן נאך אקורצער פויזע געזאגט — אז דיא ערייגניססע פון דער לעצטער צייט בעאונרוהיגען מיך זעהער שטארק.

וואס פאר ערייגניססע מיינט איהר? — האט ספרינגסאל מיט אדעמיטהיגע מינע געפרעגט.

איך מיין דיא גניבה וואס האט אין אונזער אפיס שטאט געפונדען. איך רייד שוין ניכט פון דעם שאדען וואס איך האב דאדורך געהאט. דרייסיג טויזענד דאללאר איז ניכט קיין קליינע סומע זאגאר פאר אזא מענשען וויא איך בין אבער איך בין, שוין צו אזעלכע שאדענס געוואהנט געווארין. איך בין אונרוהיג יעצט גאר צו ליעב אנ'אנדער זאך.

וואס מיינט איהר העדר בערינגטאן.

איך מיין אז צו אונז האט זיך אריינגעדרעהט אהיימישער גנב. פאר אזא סארט דיעב איז זעהער שווער זיך איינצוהיטען, דאס פערשטעהט איהר אליין.

איך מוז אייך זאגען ליעבער העדר אז איך האב אויך דאס זעלבע געקלערט, האט ספרינגסאל קאלט גיענטפערט.

נוא אונ איהר האט פיעלייכט אויך בעקלערט ווער דער דיעב איז.

ניין גינעדיגער העדר. דאס איז מיר נאך ביז יעצט ניכט איינגעפאלען, לויט וויא איך קאן אלע אונזערע מענשין, געפין איך ניכט איינעם פון זייא מיא זאל אידם קאנען בעשולדיגען אין דעם פערברעכען.

אבער

אבער צו אונז קומען דאך קיינע זייטיגע מענשען אריין .

דאס לעבען איז מיר אוואונדער , ביא מיר איז קיין צווייפעל פערהאנדין אז דאס פערברעכען וואר אנ'ארבייט פון אהיימישען מענשען , אבער ווער דער היימישער מענש איז , דאס איז מיר אונמעגליך צו ערגרינדען , נאך מיינער מיינונג איז דער גנב וואס האט דיא דרייסיג טויזענד דאללאר ארויס־גענומען און יענער וואס האט אייערע געסט אויפן באל ארומגענומען איינער .

ווירקליך ? איהר האט אויך דיא מיינונג ? מיר איז דאס באלד איינגע־פאלען . זאל דאס זיין איינער פון מיינע שטוב בעדינטע ?

איך זעה גאר ניט ארויס ווער פון אייערע בעדינטע זאל זיין אנ'אפטער איינגעהער צו אונז אין יאפים און זאל זיין זא בעקאנט מיט דיא פערהעל־טניסע פון אונזערע געשעפטע , דאס ער זאל קאנען ערפאהרען דיא געהייטע פונקטען פון אייער געלדקאססע .

אבער דא בלייבט דאך אלץ דיא פראגע וועלכער טייפעל האט דאס געקאנט טאהן ? איז עס מעגליך אז איהר האט אויף קיינעם קיין פערדאכט ?

איך וועל אייך זאגען דיא וואהרהייט גינעדיגער הערר . מיר איז אנפאנג יא איינגעפאלען אפערדאכט אויף איינעם פון אונזערע מענשען , אבער איך האב מיך ענדליך בירעכינט אז איך האב אגרויסען אירטהום .

זאגט דייטליך אויף וועמען איז אייער פערדאכט געפאלען .

איך בעט אייך גינעדיגער הערר צווינגט מיך ניט איך זאל פאר אייך דיא נארישקייט אויסריידין , איך ווייס ערשטינס אז איהר וועט מיך אויס־לאכען , צווייטענס געשטעה איך אליין אז איך האב אזעלכע בעגאנגען דאמיט וואס איך האב זא וואס געטראכט אויף אנ'עהרליכען אונשולדיגען יונגען מאן :

יעדער מענש קאן אנ'אירטהום האבען , אבער מיט דעם וואס האט זיך עמאנדען אפערדאכט בעגעהט מען נאך קיינע זינדע , עס שאדעט ניט ווען מיא רעדט אונטער פיער אויגען אויס דאס וואס מען דענקט , דאפון קאן דער אומזאנסט פערדעכטיגער ניט ליידען .

איך זאג אייך אבער פאראויס אז איך האב מיין מיינונג אומגעביטין און איך וויל געהען זעלבסט שווערען פאר יענעם אז ער איז אונשולדיג ווי אנ'ענגעל .

נוא מאכט איהר דאך געוויס זאגען וועגען וועמען איהר רעדט .

אויב 3 יהר ווילט דורכאויס איך זאל דאס אייך זאגען מוז איך דאך אייך געהארזאם זיין , איך האב גיוועזן געהאט אפערדאכט אויף אייער נייעם קלערק (פריקאשציק) זוססעל דארף .

וואס ? אויף דעם יונגען מאן ?

איך האב דאך אייך גינעדיגער הערר פריהער געזאגט אז איך האב געגען דעם בראפען יונגען מאן אזוי אונרעכט געטהאן , דאמיט וואס איך האב זא וואס וועגען איהם געטראכט .

אבער

אבער וויא פאלט איהר אוים אויף איהם אפערדאכט צו ווערפען ?

מיר איז דאס גלאט אין קאפף איינגעפאלען ווייל איך האב איינמאל בעמערקט וויא ער קוקט זיך שטארק איין אלס דער קאסירער עפינט דיא געלד קאססע.

עס איז אונמעגליך דער יונגע זאל זיין אדיעב — האט בערנארד אוים געריפען.

איך האב דאך אייך דאס זעלבע געזאגט אז דאס איז אונמעגליך אונ איך בערייהע פון טיעפען הערצען וואס איך האב אזא ערדענטליכען יונגען מאן בעשולדיגט אין אזא פערברעכין. עפענען דיא קאססע פון זיין ברוט־געבער אונ פון דארט געלד ארויסנעהמען, איבערהויפט איז אונגלויבליך ער זאל זיין אזא געאיבטער טאשענדיעב אונ זאל אין שטאנד זיין ארום שינדען אזויא פיעל מענשען פאר דעם שיין פון אזויא פיעל לאמפען.

וואס ? איהר האט געקלערט אז ער איז דער דיעב וואס האט מיינע געסטע בעשטאלען ?

איך געשטעה דאך אליין אז דאס וואר אזינדע פון מיר.

אבער וויא אזויא האט איהר דאס געקאנט דענקען, ער איז דאך נאר אין יענעם אבענד בייא מיר אין הויז ניט געוועזען.

ער איז יא דארט געוועזען.

וואס רעדט איהר, איך פערשטעה אייך נאר ניט. וויא קומט ער אין יענעם אבענד צו מיר אין הויז.

אין דעם האב איך אליין שולד, דען איך האב איהם אריינגעשיקט ער זאל פון דארט ארויסרופין אמענשין.

האט ער לאנג געזאמט אין מיין הויז ?

פאסט אגאנצע שטונדע.

אזויא לאנג האט עס בייא איהם געוועהרט אויפצוזוכען דעם מענשין וואס איהר האט באדארפט.

וואהרשיינליך האט ער איהם זא לייכט ניט געקאנט געפינען.

איהר האט אין מיר מיסטער ספרינגסאל אשטארקען צווייפעל אריינגעווארפען וועגען דעם יונגע — האט בערנארד נאכדענקענד געזאגט.

נייז ניגעדיגער העדר, איהר דארפט וועגין איהם קיין שלעכטעס דענקען, איך קאן גאראנטירען אז ער איז איינער פון דיא ערדענטליכסטע יונגע לייטע.

וויא אזויא ווייסט איהר דאס ?

דאס ערקאנט מען גלייך אן זיין געזיכט.

זאגט דאס ניט, דען פון אמענשענס געזיכט קאן מען נאר ניכטס ער־קאנען, איך האב שוין געהאט דיא פראקטיק צו זעהען זאלכע מענשין

וואס וויזין אוים וויא ענגלען אונ האב מיך נאכהער איבערצייגט אז זייא זיינען עכטע טייפלען .

נאך מיינער מיינונג איז דער יונגער דארף זעהער אבראווער מאן .

איהר קאנט דאס ניט זאגען ליעבער פריינד . מיא מוז זיך פון היינט אן אונ ווייטער שטארק נעהמען צו איהם אונ איהם בעאבאכטין אויף שריט אונד טריט . לוים איהר האט מיר ערצעהלט שיינט מיר אז ער האט אגרויסען טהייל אין דיאביידע סקאנדאלען וואס האבין דא אונ אין מיין הויז שטאט געפונדען .

מך פערדריסט שוין וואס איך האב דאס אייך אלעס ערצעהלט , דען איך קאן נאך אלץ בייא זיך ניכט רעכט מאבין אז דער ארדענטליכער שטילער יונגער מיין איז אזעלכע זאכען פעהיג .

בערנארד האט ניט גיענטפערט , ער איז פון זיין ארט אויפגעשטאנען אונ האט מיט זעהער אנאונרוהיגע מינע אנגעהויבין ארום צוגען הין אונד צוריק איבער דעם אפפים .

מיינע ערשטע פפיילען האבען וויא איך זעה זעהער גוט געווירקט האט זיך ספריינגסאל אין דער צייט געקלערט , זעהער גוט , איך וועל שוין אזויא לאנג שיססין ביז דער נארישער יונגע וועט זיין אונזער אלעמענס כפרה הענדעל .

ה .

אבגעמאכט .

ראזא גלאנץ איז נור וואס געקוממען פון דער ארבייט אין איהר קווארטיר , זיא האט נאך קיין צייט געהאט דעם מאנטעל פון זיך הערונטער געווארפען האט זיך דיא טיהר גיעפינט אונ דייוויס קאצין איז אריינגעפלויגין .

וויא דאס הערץ האט מיר געזאגט — האט ער מונטער אויסגערופען — דאס איך וועל דיך שוין טרעפען אין דיין קווארטיר . דארום בין איך אהער געפלייגען דיר מיין לעבען זעהער אגוטע נאכריכט צו ברייגגען .

וואס איז דאס פאר אנאכריכט — האט זיא נייגעריג געפרעגט ,

אונזער געשעפט געהט וויא געשמירט , איך האב אין היינטיגען טאג פערקויפט גאנצע פופציג לאטס .

ווירקליך ?

וואס דען האסט דוא געמיינט איך וועל שלאפען , בייא מיר איז נור שווער ביז איך געה צו צו אנעשעפט , בין איך אבער שוין אין איהם דאן קאן איך וואונדער וויזען , מיין פרינציפאל איז פון מיר ענטציקט אונ זעה מיין נשמה וואס ער האט מיר פאר מיין ארבייט געגעבען .

בייא

בייא דיא ווארטען האט ער ארויסגענומען פון דער טאש אפעקעל אסיגנאטשעס אונ האט זייא געלייגט אויף דעם טיש.

וויפיעל געלד איז דא? — האט זיא איבערראשט געפרעגט

דא איז קיין סך ניטא, בלויס 500 דאללאר.

500 דאללאר האסט דוא אין איין טאג פערדיענט? — האט זיא אויסער זיך פאר ערשטוינען געפרעגט.

דוא פערשפארסט מיר צו גלייבען אויפן ווארט, דען דוא זעהסט דאס מיט דיינע שיינע אויגעלאך מיין גלענצענדע גלאנץ.

ראזאס שיינע אויגעלאך האבען אנגעהייבען אין דער מינוט ווירקליך צו גלאנצען פאר פריידע, 500 דאללאר האט איהר חתן פערדינט אין איין טאג? נוא האט זיא דאך זיך געקאנט פארשטעלען וויא רייך ער וועט מיט דער צייט ווערין אונ וויא גליקליך ער וועט זיא מאכען. זיא האט פאר איבער־ראשונג איין ווארט ניט געקאנט אויסרעדען.

דוא ביסט ערפרייעט מיין זיססע ראזע? — האט ער מיט אליבליכען שמייכעל געזאגט — מיט דיין פריידע ערוועקסט דוא אויך אין מיין ברוסט גרויס פרייד, דען מיין איינציגער וואונש איז דיך בעשטענדיג צו ערפרייען אונ דיר מיין לעבען פערגעניגען צוא פערשאפען.

איך דאנק דיר זעהער מיין ליעבער דייוויס פאר דיין גראססע ליעבע צו מיר — האט זיא געענטפערט אונ פריידענטרערען האבען זיך אין איהרע אויגען געוויזען. איך מוז דיר געשטעהען אז איך האב ביז אין דער מינוט דיין גראססען ווערטה ניט פערשטאנען.

מאך מיך ניט אזויא גרויס מיין נשמה, דען איך קאן בייא זיך ווירקליך זעהער גרויס אונד שטאלץ ווערין. געדייגקסט דוא אז איך האב דיר אימער געזאגט דאס איך בין אין שטאנד פיעל געלד צו פערדינען, דוא וועסט קיין מאל קיין חרטה האבין אויף דעם וואס דוא האסט פערביטען דעם פאעט דארף אויף מיר פשוטען מענשעלע.

וואס רעדסט דוא וועגען יענעם אידיאט, ווייסט דוא דען ניט דאס איך האב איהם אימער געהאסט אונ עס האט מיך געעקעלט קוקענדיג אויף איהם.

גיין מיין לעבען רוף איהם ניט אידיאט דען ער איז שוין צופיעל קלוג.

וואס הייסט ער איז צופיעל קלוג, וואס פר חכמות האסט דוא אין איהם דען געזעהען.

איך האב גאר ניכטס געזעהען, אבער איך האב געהערט זעהר שיינע זאכען פון איהם, אויב דיך אינטערעסירט דאס קאן איך עס דיר ערצעהלען.

אויב דאס איז אינטערעסאנטעס בין איך זעהער נייגעריג צו הערען.

עס איז זעהער אינטערעסאנט, דער פרינציפאל בייא וועלכען איך

האב מיין שטעלע בעטראכטען איז אנ'איינגעהער צו דעם גביר וואו דארט דינט אלס פריקאשציק.

איך הער דאס ערשט אז זיסעל האט א שטעלע בעקומען.

נוא דערצייל איך דיר אז ער האט זייט איינגע וואכען א שטעלע בעטראכטען ביא א היזיגען מיליאנער, וויא אזוי ער קומט צו דעם מיליאנער דאס וויים איך ניט, געוויס האט דא איהם יעמאנד א שטיקעל טובה געטאהן.

ער האט א גוטע שטעלע?

דוא ווילסט נאך ער זאל האבען א גוטע שטעלע? פאר איהם איז גענוג ווען ער פערדיענט צוויא דאללאר א וואך, מיא האט איהם צו גענומען אלס איינפאכין משרת אין א באנק געשעפט, עס קאן זיין אז מיט דער צייט וואלט פון איהם אויסגעוואקסען א שטיקעל מענש אונ ער וואלט שפעטער פערדינט היבש געלד, ער האט אבער לויט מיא האט מיר ערצעהלט אויף שפעטער ניט געוואלט ווארטען . . .

איך פערשטעה ניט וואס דוא זיינגסט ליעבער דיוויס.

דוא האסט ניט גיהערט פון דער געשיכטע וואס עס האט זיך געטראפען ביא א היזיגען מיליאנער בערינגטאן, וואס אויף דעם באל וועלכין ער האט געמאכט ביא זיך אין הויז האבען גנבים פון דיא פערפוצטע דאמען אראפגענומען זייער ציערונג.

יא איך האב דאס געלעזען אין דיא יודישע צייטונגען.

דאס האסט דוא געוויס אויך געלעזען אז אויף מארגען נאך דעם באל האט מען ביא דעם גלבען מיליאנער פון זיין פייערקאסטע וואס איז געשטאנען אין זיין אפפיס, ארויסגענומען דרייסיג טויזענד דאללאר.

ניין, דאס וויים איך ניט.

אויב דו האסט דאס ביז אהער ניט גיהערט, הערסט דוא דאס יעצט פון מיר.

נוא אנטקעגען וואס ערצעהלסט דו דאס מיר?

דער מיליאנער וואס אין זיין הויז אונ אין זיין געשעפט האבען זיך אזעלכע סקאנדאלען געמאכט, האט אויפגעריהרט דער גאנצער פאליציא פון איהר ארט, אלע פעהיגע דעטעקטיווס האגען אלע קרעפטע אנגעווענדעט די גנבים צו געפינען אבער זייער מיהע וואר אומזאנסט. איך האב דיר געזאגט אז מיין פרינציפאל איז א שטיקעל איינגעהער צו בערינגטאנען אין הויז האט מאן איהם דארט געזאגט אז מיא האט ערשט היינטע געפונען א שפור פון דעם דיעב, מיא האלט דאס נאך דערוייל אינם געהיים ביז דיא זאך וועט זיך אין גאנצען אויפקלערען, אונ ווייסט דוא מיין ליעבען אויף וועמען דער פערדאכט איז געפאלען

אויף וועמען?

טאקי

טאקי אויף דעם פאעט מיסטער דארף .

געה שוין געה, רייד ניט קיין דומהייט .

דומהייט זאגסט דוא ? פאר וואס רופסט דוא דאס דומהייט ?

אויף זיסעלען מאג מען אלעס זאגען, אז ער איז אן'אידיאט אונ אטויגעניכטס אבער אז ער איז קיין גנב דאס וועל איך שווערען .

דוא ווילסט שווערען ? — האט דייוויס געלאכט — אזויא איינגעגלויבט ביזט דוא אין זיין עהרליכקייט ?

יא דייוויס, זיסעל איז קיין גנב .

וואָרום דענקסט דוא אזויא ?

ווייל איך קאן איהם זעהער גוט. איך וויס אז ער איז איינער פון דיא עהרליכסטע לייט, איך וועל אויף איהם פאר קיין פאל אזא זאך גלויבען .

איך צווינג דיך ניט דוא זאלסט גלויבען, אונ איך וועל מיך מיט דיר דערפאר ניט קריגען. עס קאן זיין אז דוא האסט רעכט, דיא צייט וועט אונז שוין ערקלערען צו איז דאס וואהר וואס מיא זאגט אויף איהם צי ניט .

לאמיר אויפהערען פון דעם צוא ריידען — האט ראזא געזאגט — ערשטענס קאן איך קיין נארישקייט הערען, צווייטענס אינטערעסירט מיך יעצט זיסעל דארף זעהער וועניג, זאל ער זיין א גנב צו אן'עהרליכער מאן מיר איז דאס אלץ איינס, איך האב איהם שוין לאנג אין זינען ניט, לאמיר בעסער ריידען פון פרעהליכערע זאכען .

זעהר שוין! איך קאן מיט דיר ריידען פון פריילכערע זאכען. זאג מיין גאלד וועגען וואס ווילסט דוא ריידען, אפשר וועגען אונזער מזלדיגער חתונה ?

פאר וואס ניט, מיר קאנען ריידען פון דעם געגענשטאנד .

מיר וועט דאס זעהער אנגענעהם זיין, איך האב שוין טאקי געקלערט וועגען דעם מיט דיר צו ריידען. איך גלויב אז עס וואלט ניט געשאדט מיר זאלען אונזער האכצייט וואס פריהער פייערן .

ווען צום ביישפיעל דענקסט דוא ?

פון מיינט וועגען וואלטען מיר נאך דיעזע וואכע מאן אונ ווייב געווארען .

דאס איז צו גיך .

וואָרום איז דאס צו גיך, אויף וועמען האבען מיר דען צו ווארטען ?

מיר וועלען ווארטען ביז מיין מוטער וועט אהער קומען .

דיין מוטער ? דארף דען דיין מוטער אהער קומען ?

יא איך האב ערהאלטען פון איהר א בריעף אז זיא פאהרט דיא צייטען ארויס אהער צו מיין פאטער .

דוא האסט דא אפאטער ? — האט דייוויס העכסט ערשטוינט נעפרעגט.

האב איך דיר דען דאס ניט ערצעהלט ?

ניין , איך הער דאס ערשט .

נוא זאג איך דיר אז איך בין אהער געקומען מיט מיין פאטער .

וואו זשע איז ער ? פאר וואס האב איך איהם קיין מאהל בייא דיר געזעהן ?

ווייל איך בין מיט איהם צוקריעגט

פאר וואס ?

דער פאר וואס קומענדיג אין דער פרייער אמעריקא האט ער געוואלט מיט מיר שפיעלען אראליע וויא עלטערן שפיעלען אין רוססלאנד , נעמליך , זייא פערלאנגען אז דיא קינדער זאלען פאר זייא דעם גרעסטען רעספעקט האבען אונ מיא זאל טאהן אלעס וואס זייא פערלאנגען . איך בין מיט איהם צוזאמען געזעססען אין איין קווארטיר פיער וואכען האט ער מיך ניט געלאזט אין דער ווייסער וועלט ארויסגעהען , ער האט אלץ געציטערט טאמער וועל איך חלילה אריינפאלען אין דער נעטץ פון אן'אמעריקאנישען שווינדלער , אויסער דעם האב איך גענוצט דאס גאנצע געלד וואס איך האב פערדינט איהם אפגעבין . איך בין ארויס פון געדולד אונ האב מיך איבערגעטופט (איבערגעקליעבין) אין אנ'אנדער קווארטיר אונ וויל מיך גאר מיט איהם ניט בעגעגנען .

דאס האסט דוא זעהער גלייך געטאהן מיין לעבען . חא חא חא ! עס זיינען נאך דא אין אמעריקא פיעלע נארישע יודען וואס מיינען אז דיא קינדער דארפין זייא געהארכזאם זיין וויא דיא שקלאפין , אזעלכע נארישע סוביעקטען מוז מען לערנען דרך ארץ . נוא אונ אז דיין מוטער וועט קומען וועסט דוא מיט איהם שלום ווערין ?

פאר וואס ניט , שלום קאן איך מיט איהם ווערין אבער זיין שקלאפין וועל איך מעהר ניט זיין , איך האב מיין מוטער זעהער ליעב , זיא איז פיעל קליגער פון מיין פאטער אונ זיא וועט פארשטעהען אז אמעריקא איז ניט רוסלאנד .

ווען דארף זיא קומען ?

איך גלויב אז ניט שפעטער וויא אין פיער וואכען ארויס .

ווילסט דוא מיר זאלען ווארטען נאך פיער וואכען ?

יא .

דאס איז אפילו צו לאנג פאר מיר צו ווארטען , אבער איך מוז דאך דיר צו ליעב טאהן , אויב דוא וועסט וועלין האב איך גאר אגוטען פלאן .

וואס פאר אפלאן ?

מיר קאנען מאכען עס זאל זיין וויא דער רוססע זאגט „וואלק סיט אי קאזא צעלא" (דער וואלף זאט אונ די ציעג גאנץ) , מיר קאנען צווייא מאהל (אמ"ג ה"ב)

חתונה

חתונה האבען, איין מאל יעצט אונ דעם צווייטען מאל ווען דיין מוטער וועט קומען.

וואס מיינסט דוא מיט דיא ווארטען?

ווייסט דוא דען ניט מיין לעבען אז אין אמעריקא קאן דער ריכטער געבען חופה וקדושין פונקט אזוי וויא ביא אונז אין רוססלאנד ארב? טויזענדער חתונות שפיעלען זיך אזויא אב אין דיא היגע געריכטהייזער, מיא שטעלט זיך פאר דעם ריכטער, מיא ערקלערט איהם אז מיא וויל ווערין מאן אונ ווייב אונ ער דארף מעהר ניט זאגען „איהר זייט מאן אונ ווייב!" איז מען שוין אזויא פערבונדען דאס מיא קאן זיך אויף אייביג איינער פונ'ם צווייטען ניט אפרייסען.

דאפאן ווייס איך.

נוא וואלט איך געזאגט אז מיר זאלען פריהער חתונה האבען דורך דעם ריכטער אונ שפעטער אז דיין מאמע וועט קומען וועלין מיר חתונה האבין כדת משה וישראל, אונטער אחופה מיט כלי זמר אונ איינער פון דיא היגע רבנים וועלין אונז פערבינדען נאך דעם יודישען דין.

וואצו דיא איילעניש — האט ראזא גיענטווערט — אין דעם פערלויף פון איין מאנהייט וועט מאן אונז אלין איינם ניט פונאיינאנדער רייסין. מיר וועלין ווארטען ביז מיין מוטער וועט קוממען אונ אפשר...

ראזאן איז אין דר מינוט איינגעפאלען דער געדאנק אז מיט אזא גליק וויא איהר האט יעצט געטראפען, טאהר מאן זיך ניכט שפיעלען. אזא חתן וואס איז אין שטאנד צוא פערדינען אין איין טאג 500 דאללאר קאן אויף זיך ציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא שענסטע רייכע כלות אונ ווער ווייס וויא אזאך מאכט זיך. זיא (ראזא) איז דאך פארט ניט מעהר וויא אנגערעמעס מעדכען, אויף וואס פאר גליקען קאן זיא האפפען ווען בעהיטע גאטט קאצין וועט הייראטען אנ'אנדערע, אונ וויא באלד זיא וועט זיך מיט איהם פערבינדען אין קארט (געריכט) וועט שוין קיין זאך אין דער וועלט קאנען זייער בונד צערייסען.

וואס? — האט קאצין נייגעריג געפרעגט — דוא האסט זיך פיעלייכט בעשלאססען צוא טאהן וויא איך האב געבאטהען?

איך וועל דיר מארגען זאגען אנטווארט — האט זיא גיענטווערט — עס קאן זיין אז איך וועל איינוויליגען דאצו.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד וועל איך דעם מארגענדיגען טאג ער-ווארטען אום דיין אנטווארט צוא הערען — האט ער מיט פייער אויסגערופען אונ האט איהר געשענקט אפאר הייסע קיססע.

צוויינער (אמ״ג ה״ב)

ה.

איינער אגעלער דער צווייטער אגרינער.

אלס גרויסע געסט האט אהרן דארפס פאמיליע עמפפאנגען אונזערע ביידע פרישע איינוואנדערער דעם אלטען גרונם'ן מיט זיין עניקעל יודעלען.

דער פאנאטישער קליינשטעטעלדיגער רוססישער מיוחס, פיהלט זיך זעהר אונבעקוויים דיא ערשטע פאאר יאהר אין אמעריקא. עפעס פעהלען איהם פילע נאטהווענדיגע זאכען. ער איז וויא אפיש אין אפרעמדער בלאטע, איהם פעהלט ערשטענס זיין קלייזעל וואו ער פלעגט יעדען טאג עטליכע שטונדען קאנען פלוידערין מיט זיינע בעקאנטע בטלנים, דארט אין קלייזעל איז ער געווען אגאנצער מאכער, ער האט געהאט אשיינעם פלאטץ, ער איז געוואהנט געווארען מיא זאל איהם דארט רעספעקטירען, דער גבאי האט געוואוסט אז ער מוז איהם אויפרופען שלישי אדער ששי, שמחת תורה האט מען איהם מכבד געווען מיט דיא ערשטע הקפות אונ ער האט זיך דארט געפיהלט פאר אמאן מיט אווערטה. צווייטענס פעהלען איהם זיינע קרובים אונ גוטע פריינד וואס פלעגען מיט איהם שמאלציערען, ער געדיינקט אז בשעת למשל חיים דער שניידער האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, האט ער איהם אלס נייטען קרוב איינגעלאדען צוא דער חתונה אונ אז ער איז אהין געקומען, האט דער מחותן ניט געוואוסט וואו איהם צוא זעטצען, ביי איהם איז דאס געווען אזא זכיה ריכטיג וויא דער רייזער זאל איהם מיט אבעזוך בעעהרען, אויך דיא איבריגע געסט האבען איהם פערשאטען מיט כבוד פון אלע זייטען. דריטענס פעהלט איהם דאס קהל שטיבעל וואו ער האט געהאט אגאנץ ברייטע דעה, מען האט איהם געפרעגט אן עצה אונ זיין ווארט האט אגרויסען ווערטה געהאט.

אין אמעריקא פיהלט זיך אזא מענש טאקי וויא אין אן אנדער וועלט. דא זיינען אפילו אויך פאראן אסך קלייזלאך, אבער דיא בטלנים פעהלין, דען אמעריקא האט פיינד לעדיגגעהער, יעדער מוז אין איהר ארבייטען אונ זאגאר דער גרעסטער שלימזל, דער גרעסטער טוגעניכטס געפינט דא בעשעפטיגונג דארום האט קיינער קיין צייט צוא זיטצען אין דיא קלייזלאך, מיא דאנקט גאט ווען מען האט האטש צייט צוא געהען דאווענען. דאס אונגליק אין דיא קלייזליך איז נאך גרעסער דאדורך וואס דער קליינשטעטעלדיגער מיוחס האט דא קיין ווערטה, דען דיא גאנצע מלוכה איבער אזעלכע קלייזלאך ליגט אין דיא הענד פון אזעלכע מענשען וואס אין דער אלטער היימאטה האבען זיא ניט געוואגט יענעם מיוחס גוט מארגען צוא זאגין אונ דא זיינען זייא דיא קנאקערס, וואס זייא ווילען דאס טוען זייא. אין ניויארק איז דא אחברה "אנשי האריזאק", אלע מיטגליעדער פון דער חברה בעשטעהן אויס איינפאכע בעלי מלאכות וואס דיא

שלעכטע צייט האט זייא פון זייער געבורטסשטאדט פערטריבען נאך אמעריקא. דא האבען זייא זיך פעראייניגט, געדונגען אשול צו דאווענען אונ אבהאלטען זייערע מיטהינגען (פערזאמלונגען), זעלבסט פערשטענדליך אז אהרן דארף האט אנגעהויבען באלד וויא ער איז אהער געקומען צוא געהען דאווענען אין דיעזער שול. ער האט געמיינט אז דיא אלע מיטגליעדער פון דער חברה וועלען זיך גאר ערקוויקען אלס זייא וועלין איהם דעם הארידאקער מיוחס דער זעהן אונ זיי וועלין איהם געוויס מאכען פאר זייער הערר'שער. וויא איז איהם אבער פינסטער געווארען אין דיא אויגען אלס דיא פשוטע בעלי מלאכות מיט וועלכער האט זיך קיין מאל געוואלט בעגעגנען האבען איהם זייער קאלט עמפפאנגען אונ האבין איהם געגעבען אפלאטץ נאר אראפ. קיינער האט איהם רעספעקטירט, קיינער האט איהם קיין כבוד אבגעגעבען ריכטיג וויא ער זאל שטעהען אין יחוס פיעל ניעדעריגער פון זייא.

ער האט בעזוכט זייערן אפערזאמלונג אונ האט גאר דער זעהן אז דער פרעזידענט פון דער חברה איז צדוק דעם שינדערס זאהן בערעלע שמאד וואס איז מיט פינף יאהר צוריק אנטלאפען פון רוסלאנד אום מען זאל איהם פאר אמאלדאט ניט אבגעבען. ער זיצט אויבען אן מיט אהאמער אין דער האנד אונ קיינער וואגט ניט אווארט אויסצוריידען וואו בערעלע גיט איהם פריהער קיין ערלויבניס ער זאל מאגען ריידען.

נוא קאן דיא גאל ניט צופלאצט ווערען פון אזא סצענע. בערעלע שמאד צדוק דעם שינדערס זאהן איז דא ראש הקהל אונ אהרן דארף דער גרויסער מיוחס טאהר אווארט ניט אויסריידען וואו דעם שינדערס זאהן זאל איהם דאצו קיין ערלויבניס געבען. אויס כעס אונ פערדרוס האט אהרן אויפגיהערט צוא געהען אין דיעזער שול אונ האט בעסער געדאוונט אין דער היים. אב וואהל דא האט איהם גאר ניכטס געפעהלט, דאך איז איהם דא גיוועזן זעהער לאנגווייליג, ער האט איינפאך ניט געהאט מיט וועמען עטליכע ווערטער אויס צו ריידען.

דער אלטער גרונם האט מיט זיין קומען דעם הארידאקער מיוחס נייא בעלעבט. אהרן האט דער זעהען נאך אזא מיוחס וויא ער אליין איז, אהארידאקער שטאט בעל הבית אונ אגיוועזענער ראש הקהל וואס האט אמאל דאס גאנצע שטעדטעל פאר דער נאז געפיהרט. דאס איז גיוועזן אפיש פון זיין טייך, דארום איז איהם אין דיא אויגען ליכטיג געווארין.

דעם ערשטען מעת לעת האבין דיא ביידע מיוחסים גירעדט נור פון הארידאקער אייזוואהנער, גרונם האט געמוזט ערצעהלען פון יעדען הארידאקער יודען אונ פון יעדער יודענע וויא אויך פון אלעם וואס אין דעם שטעדטעל האט זיך איבער געטאן אין דער צייט זייט אהרן איז פון דארט אוועק געפארען.

נאכדעם האט אהרן פון זיין זייט גענוממען ערצעהלען גרונם'ן וואונדער

פון אמעריקא און דער אלטער האט אנגעשטעלט מויל און אויערן ריכטיג וויא ער זאל הערען מעשיות פון אגוטען יודען וואס האט מיליאנען מויטע לעבענדיג געמאכט. אויף יעדער זאך וואס אהרן האט איהם ערצעהלט, האט דער אלטער איבערראשט אויס גערופען „אטשיקאוואכט“ (אוואונדער) .

עס שאדעט ניט ווען מיר וועלין זיך צוהערען צו זייערן אנגעשפרעך אמעריקא איז שוין צוא אזעלכע גשעשפרעכע געוואהנט געווארען, נור פאר דיא רוסישע לעזער וועט דאס געווים זיין אנייעס .

פע! — האט אהרן געזאגט — איך מוז אייך זאגען רבי גרונם אז דיא אמעריקא גיפעלט מיר גאר ניט. דא איז מען עפעס וויא אין עולם התהו, האט איהר גיהערט אין אייער לעבין אין אשטאדט זאל זיך שטענדיג קאכען און רודערן וויא אין אמיהל .

אטשיקאוואכט הלעבען — האט גרונם געזאגט — פאר וואס רודערט זיך דא אזויא בעשטענדיג .

מיא האלט דא אין איין ארבייטען און אין זוכען געלד, קוקט נאר אן איך בעט אייך אגאס, אונטען פאהרען וואגאנעס געפאקט מיט מענשען אויף דיא פערדבאהנען, אויבען אין דער הויך פליהען דיא עליוועטערס מיט פאר (דאמפף), זייא זיינען אויך געפאקט מיט מענשען, מיינט איהר אז דאס איז שוין גאר? ניין רבי גרונם, אפילו אונטער דער ערד זיינען אויך פאראן באהנען וואס שלעפען טויזענדער מענשען פון איין עק שטאדט אין דער צווייטער .

וואס רעדט איהר גאט איז מיט אייך, וויא קאן מען דאס פאהרען אונטער דער ערד ?

נוא איהר זעהט דאך אז דיא אמעריקאנער קענען אלץ מאכען, זייא וועלין באלד אויסגעפינען אזעלכע מאשינען וואס מען וועט מיט זייא קאנען פאהרין אין הימעל אריין .

אטשיקאוואכט וויא איך בין אייוד! זייא זיינען דאס אזעלכע קעפמענשען ?

וואס איז דער וואונדער איך בעט אייך אז זייא האבען זייערע קעפ אוועק געלייגט נור אויף אזעלכע זאכען, זייא האלטען אין איין קלערין, וואלט איהר דאס ווען געגלויבט אין אייער לעבין אז מען זאל אמויער פון אבנט גארין אויס מויערן אין איין חודש, איך ווייס אז דאס הויז וואס איך האב געבויט אין הארידאק האט בייא מיר גיווערט אהאלב יאהר ביז זיא איז פארטיג געווארין .

דאס איז גאטס וואונדער הלעבין, מלאכים צוא שדים ארבייטען בייא זייא ?

דיא אמעריקאנער זיינען טאקי אמתע שדים, אלץ ארבייט מען בייא זייא מיט מאשינען, צוא יעדער זאך האבין זייא איין אנדער מיטעל, איהר וואלט דאס ווען געגלויבט אין אייער לעבין ווען מיא זאל אייך דערציילען אז

עם קאן מעגליך זיין אמענש זאל שטיין אין הארידאק אונ זאל ריידין מיט איינעם וואס שטעהט אין פינסק.

איך וואלט דאס טאקי ניט געגלויבט.

נוא אונ דא האט עפעס איינער מיט דעם נאמען עדיסאן געמאכט אזא המצאה (ערפינדונג) אז איין מענש קאן דורך איהר מיט דעם צווייטין ריידין האטש זייא געפינען זיך הונדערט מייל וויים אייגער פון אנדערין.

אטשיקאוויסט בייא מיינע נאמנות! — האט גרונם אויסער זיך פאר ערשטוינען אויסגערופען — איהר האט אליין דאס געזעהען?

איהר קאנט דאס אויך זעהען ווען איהר ווילט, דאס איז שוין דא היא אזוי אריין אין דער מאדע, אז מיא האלט דאס שוין גאר פאר קיין וואונדער ניט. וואס באדארפט איהר מעהר, איך וועל אייך נאך אנרעסערין וואונדער דערציילען, דער זעלביגער עדיסאן האט געמאכט אזא קאסטין וואס ווען אימעצער רעדט אין איהר אריין אדער ער זינגט אין איהר אריין אגעזאנג, גיט דער קאסטין אליין ארוים צוריק די זעלביגע ווערטער אדער דעם געזאנג.

זאגט מיר רבי אהרן, איהר זאלט מיר געזונד אונ שטארק זיין, איז דער עדיסאן אמכשף?

איך ווייס? איך האב אויך געזאגט אז ער מוז זיין אמכשף, אבער אלע קלוגע מענשען זאגין אז דאס איז אזא חכמה נור וויפיל איך וועל אייך דערציילען איז נאך קיין טויזענד חלק ניט פון דעם וואס אמעריקא האט אין זיך. דער פאר אבער ליגט אונזער אידעשקייט בעונותינו הרבים דא אין דער ערד. דער גרעסטער טייל יודען האלטין דא ניט פון שבת אונ יום טוב.

רחמנא יצילנו! — האט גרונם ערשראקען אוים גערופין — וואס הייסט דאס, דא זיינען גאר קיין רבנים אונ קיין דינים ניטא?

ווער הערט דא מישטיינס געזאגט רבנים צו דינים. טאמער האבין דיא ביסעל פרומע יודען פון ניויארק ארא‍פ געבראכט אהער דעם ווילנער מגיד אונ האבין איהם געמאכט פאר ארב הכולל, הערט איהם דען אימעצער? אלע גאזעטניקעס האבין אויף איהם אויסגעשטירעט דיא ציין וויא דיא וועלף אונ האבין איהם געוואלט אין שטיקער צורייסען דער פאר וואס ער האט געוואלט מאכען פלאמבעס (בליינע צייכענס) אויף בשר כשר. איהר האט רבי גרונם דא באדארפט זעהען רבנים, טאטע זיסער אזעלכע רבנים האבין געמאגט דיא כפרה ווערין פאר כל ישראל נאך איידער זייא זיינען פון זייערע מוטערס לייבער ארויס געקראכען.

גאטט איז מיט אייך רבי אהרן איהר שעלט גאר רבנים.

דאס זיינען אזעלכע רבנים וואס מיא מאג זייא שעלטין לכל הדעות, ווען איהר זאלט אויף זייא אקוק טאהן וואלט איהר געמיינט אז דאס זייגען פשוטע גוים. איהר וואלט דאס ווען געגלויבט אז אידישער רב זאל געהן געקליידעט וויא אדייטש אונ זאל זיטצען אין שול אן אהיטעל.

רבונו דעלמא כולא ! — האט גרונם אגעשרייא געטאהן אויפשפרינגענד פון זיין ארט — וואס רעדט איהר רבי אהרן ?

דאס וואס איהר הערט רבי גרונם , איך זאג אייך חלילה קיין ליגען ניט , דא זיינען פאראן אזעלכע שולען וואס אלע יודען וועלכע קומען אין זייא אריין מוזען אויסטאהן דיא היטלען . דער ארגעל שפילט דארט וויא צעהן מאל להבדיל אין אקלייסטער , קיינער דאווענט אזוארט ניט נור דער חזן אליין זאגט עטליכע ווערטער פון אביכעל אונ דער מיט זיינען זייא שוין יוצא .

זיינען זייא דאך גאר קיין יודען ניט .

עס פערשטעהט זיך אז זייא זיינען קיין יודען ניט , נור רעדט מיט זייא זאגין זייא אז מיר זיינען קיין יודען ניט , דיא אמתע יודען זיינען זייא . חע חע ! וואס זאגט איהר פארט צוא אזעלכע יודען מאגין זייא ניט אויסגעמעקט ווערין פון דעם יודישען רייסטער !

נוא אונ וואס פאר איוד איז דער בערנארד פון וועלכען איהר האט מיר דערציילט אז ער האט אייך אזוי פיל טובות געטאהן ?

ער איז גאר אנאנדער סארט יוד , מיא האלט איהם פאר איינעם פון דיא דייטשעסע יודין וואס בייא זייא אין דיא שולין געהט צו וויא אין אקלייסטער , אבער איך האב אין איהם באמערקט אשטיק יודישקייט , למשל אין זיין ריידין ווארפט ער אפט אריין דעם נאמען גאטט , פיל מאל האב איך פון איהם גיהערט גאנצע פסוקים פון תנ״ך , קענטיג אז ער פארשטעהט אהיבש ביסעל דיא שווארצע פינטלאך .

דאס איז זייער שיין פון אזא גביר וויא ער איז .

איך זאג אייך דעם אמת רבי גרונם אז דער מענש איז אזא זעלטענהייט וואס מיא זעהט גאר אין היינטיגע צייטין ניט , איך האב נאך אין מיין לעבין אזא גוטע נשמה ניט גיזעהען , ער איז פשוט אן אגאל , איהר קאנט דאך פערשטעהן פון דעם אליין אז ער איז אמלאך , אז האטש ער קאן מיך ניט אונ האט אין זיין לעבין מיין נאמען ניט גיהערט , פון דעסטוועגין האט ער מיר אזוי פיל טובות געטאהן .

יא , דאס איז מאקי צו בעוואונדערין , וויא מיינט איהר רבי אהרן וועט מיין יודעלע האבין פון איהם עפעס אטובה ?

ער וועט געווים פון איהם האבין דיא גרעסטע טובות , זאל ער נאר פארטיג מאכין זיין בילד .

וואס פאר אבילד ? — האט גרונם ערשטוינט גיפרעגט .

איהר ווייסט גאר ניט וואס מיין זיסעלע האט אויפגעטאהן ?

ניין איך ווייס גאר ניט .

איך זאג אייך אז מיין זיסעלע יואקסט אחכם , הערט איין איינפאל פון אקינד , ער וויל דאך אז יודעלע זאל באקאנט ווערין מיט דעם גביר בערינגטאן , הייגט וויא אזוי בריי ט מען דיא קאין איבר דעם וואסר , ער זאל

יודעלען אריינפיהרען צוא בערינגטאנגען איז עפעס ניט שיין, דען וויא קומט ער אריין צו פיהרען אפרעמדין מענשין צו אזא גביר אין שטוב. וואס זשע האט ער גטאן, הערט איין איינפאל, ער האט ערגעץ געקריגין בערינגטאנס אקליין בילד אונ האט עס איבער געגעבין אייער יודעלען ער זאל דער פון מאכין אגרויסין בילד, ווען דער גרויסער בילד וועט פארטיג ווערן, וועט דאס זיסעלע אריין טראגין צו דעם גביר אונ וועט דאס איהם ווייזין. דער גביר וועט דאך מסתמא באלד פרעגין וועמעס ארבייט דאס איז, וועט איהם דערצעהלט זיסעלע דערציילען פון אייער יודעלען, אונ ביא מיר איז קיין ספק ניט אז אייער יודעלע וועט ביא דעם גביר פארדינען אסך געלד. וויא געפעלט אייך רבי גרונם מיין זיסעלעס איינפאל?

טאקי זעהער גוט.

גוט צוא גוט איז דען גלייך? איך זאג אייך אז מיין זיסעלע וואקסט אליין, גאט זאל איהם נור געבין יאהרין, זיין בעל הבית איז אן עין הרע פון איהם זעהער צופרידען, ער וועט אם ירצה השם ביא דעם גביר ווערין אליין. נור שא מיר שיינט אז דיא ביידע יונגע ליט זיינען שוין געקומען פון דער סקול.

פון וואנען זאגט איהר זיינען זייא געקומען?

פון דער סקול.

וואס איז דאס אזיינס סקול?

דאס וואס ביא אונז הייסט שולע אדער שקאלע, הייסט דאס דא היא סקול.

אשקאלע נאר? וואס האבין זייא צוא טאהן אין אשקאלע?

מיין זיסעלע האט אייער יודעלען אריין געפיהרט הייגט צום ערשטין מאל אין דער שקאלע ער זאל אנהייבין אהין צו געהן זיך לערנן דאס ענגלישע לשון. מיין זיסעלע געהט אלע נאכט אהין.

אזא גרויסער בחור אהן עין הרע געהט אויך אין שקאלע?

דא אין אמעריקא פערשטעהט איהר מיך זיינען פאראן אין אלע גאסען אזעלכע שקאלעס פאר אלעמען, פאר קליינע פינפיעהריגע קינדער וויא אויך פאר עלטערע מענשין, אין דיא סקולען געהן אפילו אזעלכע מענשען וואס זיינען אין אונזערע יאהרען.

אטשיקאוויסט חלעבען וואס ווילען זייא זיך אויסלערנען?

איך זאג דאך אייך אז זייא לערנען דארט דאס ענגלישע לשון. איך האלט דאס ניט פאר קיין עולה, ווארום צווישען זיך ריידענדיג איז מאן דאך דא וויא אשטומער ווען מען קען דאס היגע לשון ניט. איך זאג אייך דעם אמת אז ווען איך וואלט זיך ניט געשעמט וואלט איך אויך אהין געגאנגען, ווארום וואס למשל קאן טאהן אונזערער אמענש וואס אגוישער לויפער בעפאלט איהם אין

מיינען

מיטין דער נאס אונ רייסט איהם דעם בארד אוים , ער קאן דאך אפילו זיך ניט בעטען ער זאל איהם אבלאזען .

נוא אונ דאס קאסט אסך געלד ?

וואס ?

איך מיין דאס לערנען אין דיא שקאלעס .

עס קאסט אפילו אסענט ניט , מיא לערינט דא יעדען איינציגען גאנץ אומזיסט ?

אומזיסט ?

יא רבי גרונם, איהר וועט דאס גאר ניט גלויבען ווען איך וועל אייך דער ציילען, אז אין אלע גאססען זיינען אויסגעבויט גאנצע פאלאטצען וואו דיא סקולען געפינען זיך. אין דיא סקולען לערנען מיליאנען קינדער אונ מיליאנען דערוואכסענע מענשען אונ קיינעם קאסט דאס גאר קיין געלט ניט. אפילו ביכער מיט פאפיער ניט מען אלעמען אומזאנסט

רבונו של עולם! וויא קען דאס זיין . דאס דארף דאך קאסטען עפעס אנ'איינענס מיט געלד .

דאס געלד דאצו גיט דיא ממשלה (רעגיערונג). איהר דארפט וויססען אז דיא היגע ממשלה איז רייך וויא קרח .

ווען איהר זאלט דאס מיר ניט דערציילען וואלט איך דאס אסור ניט געגלויבט . דאס איז אפנים טאקי אנ'אמת וואס מען זאגט ביא אונז אז דא איז אנ'אנדער וועלט .

אין דער מינוט האט זיך דיא טיהר פון דעם צימער וואו דיא ביידע אלטע זיינען געזעססען גיעפינט אונ זוסעלע מיט יודעלען זיינען אריינגעקומען, ביידע ווארען זעהער מונטער אונ לוסטיג .

דיר ווערט נאך אלץ ניט מיאוס בעזעהען אמעריקא ? — האט דער אלטער גרונם געזאגט מיט אשמייכעל צוא יודעלען .

מיר שיינט אז אום צוא בעזעהען בלויס דער שטאדט נאיארק אליין איז וועניג אהאלבע צייט — האט יודעלע גיענטווערט .

שאדע וואס מארגען בין איך בעשעפטיגט — האט זוסעלע געזאגט — ווען ניט דאס , וואלט איך דיך יודעלע ערשט געפיהרט אין אזעלכע ערטער וואס דוא וואלסט אויסער זיך געוואַרען .

מיט וואס ביזט דוא דאס מארגען בעשעפטיגט ? — האט אהרן געפרעגט — מארגען איז דאך זונטאג איז דאך אייער אפים צוגעשלאססען .

אונזער בוכהאלטער ספרינגסאל האט מיך איינגעלאדען אויף מארגען צו אספאציר אין צענטראל פארק .

נוא קאנסט דוא דאך יודעלען אויך מיטנעהמען .

ניין דאס קאן איך ניט . דוא פערשטעהסט דאך אליין אז ווען מיא

לאדעט איינעם איין צוא זיך אויף אשמחה , האט יענער קיין רעכט מיט זיך צו ברייננען נאך איינעם אנ׳אונגעבעטענעם גאסט

נוא אז דוא קאנסט ניט דארף מען ניט .

עס מאכט ניט אויס — האט יודעלע געזאגט — מיר וועלין נאך צייט האבען צו געהן אין צענטראל פארק . איך פאהר נאך ניט אוועק פון דאנן , איך וועל ליעבערסט יעצט געהען צו מיין ארבייט . דאס בילד מוז בייא מיר ארויס קומען מייסטערהאפט .

אויך זוסעלע איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער און דער געלער (פראקטישער) אהרן דארף איז אבערמאלס געבליעבען מיט דעם גרינעם גרונם׳ן אין דעם ערשטען צימער און האבין נאך לאנג , זעהער לאנג מיט איינאנדער גירעדט פון דיא אמעריקאנישע גליקען אונד אונגליקען .

ו.

דאס הערץ איז אהאלבער נביא .

דער זונטאג איז אין אמעריקא אוואהרער יום טוב . אבעשטימטער יום טוב פון דער רעגירונג , דען אין דעם טאג איז פערבאטין צו ארבייטען , עס איז זאגאר פערבאטען צו האלטען אפען וויין און ביער הייזער .

איין טאג אין דער וואך מוז מען רוהען !

דאס האט אונזער אלטער גאט געזאגט , אויך דיא מענשען זיינען צו דער איבערצייגונג געקומען אז אמענש מוז האבען איין פרייען ליידיגען טאג אין דער וואך , אין וועלכען ער זאל זיך קאנען אברוהען פון דער שווערער וואך ארבייט .

דיא אמעריקאנישע רעגירונג האט איינגעזעהען אז ווען זיא וועט מיט געוואלד איהרע מענשען ניט צווינגען זייא זאלען איין טאג רוהען , וועלין זייא נאר פערגעסען אז מיא מוז זיך אמאל אברוהען . דארום האט זיא דעם זונטאג געקריינט פאר דעם רוהע טאג , אלע פאבריקען וואו עס ארבייטען דיא גאנצע וואך מיליאנען ארבייטער , זיינען צוגעשלאסען און דיא ארמע קלאססע איז געגען איהר ווילען געצוואונגען צו האבען אגוטען פערגעניגטין טאג .

זאנטאג בעגעגענט מען אין דיא נויארקער גאססין לויטער פראנטען מיט עלעגאנטע דאמען , אקוקטאהנדיג אין דעם טאג אויף דעם רייך געקליידעטען פובליקום קען מען מיינען אז אין נויארק זיינען גאר קיינע ארימע לייט און קיינע אונגליקליכע מענשין פערהאנדען . דער פרישער גאסט וועט גאר ניט גלויבען אז יענער פראנט אין צילינדער הוט אין דעם עלעגאנטין פראנט מיט דער גאלדענער קייט אויף דער וועסט איז אנ׳איינפאכער ארבייטער וואס

אַ בעט דיא גאנצע וואך שווער אונ ביטער מיט דעם בלוטיגען שוויס. קיינעם וועט אויך ניט איינפאלען אז יענע פריילין וואס געהט געקליידעט אין זייד אונ אין סאמעט אונ טראגט נאך אויף זיך אהיבש ביסעל ציערונג, איז אנ׳איינפאכע שניידער מעדכען.

אַלע זיינען אין דעם זונטאג פריי . . . . אַרבייטארינס זייגען דאמען אין פאלען זינען דאס ווארטעס.

דארט אין דער צעהנטער שטראססע לויפט איונגער פראנט געקליידעט נאך דר לעצטער מאדע, ער לייפט זעהער האסטיג, מיא האט גלייך אן דער גליקליכער מינע וואס איז אויף זיין געזיכט געלעגען געקאנט ערקאנען אז ער פליהט צו זיין הערצענס געליבטער וועלכע ערווארטעט איהם מיט דער גרעסטער אונגעדולד.

ביא דעם הויז № 135 האט ער זיך צוגעשטעלט, איינינע מינוטען האט ער זיך אבגערוהט אונ איז ענדליך צוגעגאנגען צו דער טיהר אונ האט אציא געטאהן ביא דער שנור פון דער טיהר גלאקע.

אין דער מינוט האט זיך וויא דורך אצויבערשלאג אינ׳ם צווייטען שטאק גיעפינט אפענסטער, אליבטיגעס פרויענגעזיכט האט ארויסגעקוקט אונ אלס זיא האט דערזעהען דעם יונגען מאן האט זיא לוסטיג אגעשריא געטאהן: איין מאמענט מיסטער דארף עפען איך דיר די טיהר.

מיסטער דארף וועלכער ווער קיין אנדערער וויא אונזער בעקאנטער זיסעל האט אגליקליכען שמייכעל געטאהן אונ האט טאקי ניט מעהר וויא איין מאמענט געווארט, דען באלד האט זיך דיא טיהר גיעפינט אונ אונזער בעקאנטע שיינע בערטהא שטאלץ האט זיך אויף דעם שוועל געוויזען.

זיסעלע!

בערטהא!

אין איין צייט זיינען דיא צווייא נעמען פון זייערע מיילער ארויס געגאנגען אונ ביידע האבין זיך הערצליך דיא הענד געדריקט.

איך האב אבער געוואוסט אז דוא וועסט אין דער שטונדע קומען — האט בערטהא געזאגט — איך האב דיך שוין ערווארטעט.

ליידער אבער בין איך ניט אויף לאנג יעצט צו דיר געקומען מיינע טהייערע בערטהא.

וואס הייסט ניט אויף לאנג?

איך מוז באלד אוועקגעהען.

וואוהין?

אונזער בוכהאלטער מיסטער ספרינגסאל האט מיך אויף היינטע צעהן אוהר בעשטעלט איך זאל מיט איהם אשפאציער מאכען אין צענטראל פארק.

וויא קומט דאס וואס ער איז דיינער אזא גוטער ברודער געווארען?

דאס איז זעהער איינפאך, מיר זיינען אין דער לעצטער צייט שטארק בעפריינדעט געווארין.

ווילסט דוא שוין געהען ?

איך האב נאך צייט אהאלבע שטונדע אונ דיא האב איך פאר דיר מיינע טהייערע געאפפערט.

נוא קום זשע אריין צו מיר אין צימער.

זיא האט איהם אריינגעפיהרט צו זיך אין צימער אונ האט זיך נעבען איהם געזעצט מיט זעהער אבעזארגטע מינע.

עפעס ווייזט דוא מיר היינטע אויס בעזארגט מיינע זיסע בערטהא, האט זיסעל געזאגט בעטראכטענדיג איהר שענעס געזיכט.

פערזארגט בין איך אין דעם מאמענט געווארין.

ווארום ?

איך בין שטארק אונצופריעדען פון דעם וואס מיסטער ספרינגסאל איז דיינער אזא נוטער ברודער געווארין.

וואס רעדסט דוא בערטהא ? איך פערשטעה דיך גאר ניט, האט זיסעל העכסט פערוואונדערט געזאגט.

איך ווייס וואס איך רייד, אונ איך זאג דיר נאך אמאל אז איך בין פון דער פריינדשאפט שטארק אונצופריעדען.

אבער ווארום ?

איך האב גיהערט אז דער מיסטער ספרינגסאל איז אזא מאן וואס מיא בעדארף זיך פאר איהם היטען.

וואס רעדסטו אזעלכע זאכען מיינע טהייערע ? וואס הערסט דוא זיך איין צו לייטעשע נארישע רייד. וויא פערשטעהסט דוא אז ווען ספרינגסאל זאל זיין אזא פערדארבענער מענש וואלט מיין פרינציפאל איהם געהאלטען ביא זיך אין געשעפט אונ וואלט אזויא פיעל צוטרויען צו איהם געהאבט ?

דאס איז ביא מיר אלץ קיין בעווייז. ערשטענס איז דיין פרינציפאל זעהער אגוטער מאן וואס שענקט זיין צוטרויען יעדען איינציגען מענשען, צווייטינס דארפסט דוא וויססען אז דער שלעכטער פערדארבענער מענש האט שוין זיינע מיטעל וויא צו פערבלענדען דיא אויגין פון דיא גרעסטע חכמים.

אבער ווער האט דאס דיך איינגעבילדעט אז ספרינגסאל איז אפער־דארבענער מענש ?

איך ווייס עס פאקטיש.

פאקטיש ?

יא זיסעל, איך ווייס עס פאקטיש אז ער איז אנ'אויסוואורף דער נאטור.

אבער אום גאטעס ווילען! ווען דוא ווייסט יא פאקטיש אז ער איז פערדארבען, ערצעהל מיר אין וואס בעשטעהט זיין פערדארבענהייט.

דאס קאן איך דיר ניט זאגען.

איך פערשטעה — האט זיסעל געלאכט — יעמאנד פון דיא ניפטיגע בייזע צונגען האבען פאר דיר אויף דיעזען מענשען שלעכטס אנגירעדט,

אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אוּנ װִיעדֶערְהָאלְט מַיינֶע װָארְטֶען אַז דָאס אִיז פַאלְשׁ. ספרינגסאל אִיז אַבְּרַאפֶער אָרְדֶענְטְלִיכֶער מַאן אוּנ װֶען מַיין פְּרִינְ־צִיפַּאל הָאט אִיהם זַיין צוּטְרוֹיעֶן גֶעשֶׁענְקְט מַאג אִיךְ אִיהם גֶעװִיס מַיין צוּ־טְרוֹיעֶן שֶׁענְקֶען. אַלֶענְפַאלְס װֶען עֶר זָאל זָאנַאר װִיא דוּא זָאגְסְט פֶערְדָארְבֶּען זַיין, הָאבּ אִיךְ דָאךְ אוֹיךְ נִיט קֵיין אוּרְזַאכֶע אִיהם צוּ פִירְכְטֶען, דֶען װָאס פַאר שְׁלֶעכְטֶס קָאן עֶר מִיר טָאהן, עֶר װֶעט בַּייא מִיר מַיין קַאפִּיטַאל אַװֶעקְנֶעהמֶען. אִין גֶעגֶענְטְהֵייל אִיךְ מוּז אִיהם בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער פְרַיינְדְשַׁאפְט בֶּעהַאנְדְלֶען, אִיז עֶר אַנ'עהְרְלִיכֶער מַאן װֶעט עֶר מִיר פַאר מַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט מִיט זַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט בֶּעלָאהנֶען אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז אַשְׁלֶעכְטֶער פֶערְדָארְבֶּענֶער מֶענְשׁ טָאהר אִיךְ דָאךְ אִיהם גֶעװִיס גֶענֶען זִיךְ נִיט אוֹיפְרֵייצֶען.

אָבֶּער עֶס אִיז פִיעל גְלַייכֶער דוּא זָאלְסְט מִיט אִיהם זַיין גוּטֶע פְרַיינְד פוּן דֶער װַייטֶען.

אִיךְ בִּין זֶעלְץ אֵיינְס מִיט אִיהם נִיט אַזוֹיא אִינְטִים װִיא דוּא מֵיינְסְט. הַייטֶע אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל װָאס עֶר הָאט מִיךְ אַיינְגֶעלַאדֶען צוּם שְׁפַּאצִיר. בִּיז אַהֶער הָאבּ אִיךְ מִיט אִיהם נוּר פוּן דֶער װַייטֶענְס אַפְרַיינְדְלִיכֶע רָאלֶע גֶעשְׁפִּיעלְט.

מִיר אִיז אָבֶּער אַװוּנְדֶער, װִיא קוּמְט דָאס װָאס דֶער שְׁטָאלְצֶער הָאט דִיךְ פְּלוּצְלוּנְג הַייטֶע אַיינְגֶעלַאדֶען צוּם סְפַּאצִיר.

װָאצוּ זָאלְסְט דוּא מַיינֶע מְהַייעֶרֶע זִיךְ אוּמְזָאנְסְט בְּרֶעכֶען דֶעם קָאפּף צוּ קְלֶערֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען. דָאס אִיז זֶעהֶער נַאטִירְלִיךְ. עֶר הָאט גֶעװִיס נִיט מִיט װֶעמֶען מָארְגֶען אַרוֹיס צוּ גֶעהֶען הָאט עֶר מִיךְ אַיינְגֶעלַאדֶען.

עֶר הָאט נִיט מִיט װֶעמֶען אַרוֹיס צוּ גֶעהֶען? דוּא קָאנְסְט זִיכֶער זַיין אַז עֶר הָאט בֶּעקַאנְטֶע אוּנ פְרַיינְדֶע פִיעל מֶעהר אַלְס הָאר אִין קָאפּף.

נוּא אִיז װָאס, קָאן זַיין אַז עֶר װִיל מָארְגֶען אָהן זַיינֶעם אַפְרַיינְד אַרוֹיס גֶעהן סְפַּאצִירֶען. אוֹיסֶער דֶעם גְלוֹיבּ אִיךְ אַז דָא שְׁטֶעקְט נָאר אַנ'אַנְדֶער זַאךְ.

װָאס דֶענְקְסְט דוּא?

אִיךְ קְלֶער אַז עֶר אִיז צוּ מִיר פְרַיינְדְלִיךְ גֶעװָארִין, װַייל עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט װִיא פְרַיינְדְלִיךְ דֶער הֶערר בערינגטאן אִיז צוּ מִיר, דָאס מוּזְט דוּא דָאךְ גֶעװִיס װִיסֶען מַיין זִיסֶע בערטהא אַז אַלֶע מֶענְשֶׁען פוּן אַיין גֶעשֶׁעפְט אַכְטֶען דֶעם יֶענִיגֶען װָאס דֶער פְּרִינְצִיפַּאל װַייזְט זִיךְ צוּ אִיהם פְרַיינְדְלִיכֶער אַלְס צוּ אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע.

אָבֶּער זִיססעלע, מִיר װֶעט דָאךְ דָא זַיין אוּנְמוּטְהִיג אָהן דִיר. דִיא גַאנְצֶע װָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהָאפְט אוֹיף דֶעם זוּנְטָאג אִין װֶעלְכֶען אִיךְ װֶעל קָאנֶען מִיט דִיר פֶערְבְּרֵיינְגֶען, צוּם סוֹף שֶׁענְקְסְט דוּא דִיעזֶען טָאג אַװֶעק אַנ'אַנְדֶערְן.

נוא וואס קאן איך דא העלפען , גלויב מיר אז מיר וואלט אויך מעהר אנגענעהם געוועזען צו פערברינגען מיט דיר איידער צו געהען ספאצירען מיט ספרינגסאלען , אבער איך האב איהם ניט געקאנט ענטזאגען אונ האב איהם פערשפראכען צו קומען צו איהם אהיים אום צעהן אוהר , ער מוז שוין דארט אויף מיר ווארטען .

ווילסט דוא מיין ראטה פאלגען ?

וואס איז דיין ראטה ?

געה ניט צו איהם . דוא וועסט שוין פאר איהם אויסזוכען אנ'אנטווארט , דוא וועסט זאגען אז דוא ביזט ניט געזונד געוועזען אונ האסט ניט געקאנט צו איהם קומען .

ער וועט פערשטעהען אז איך נאר איהם אונ דערפון קאן ווערין אגאנצע שנאה .

ווילסט דוא דורכאויס געהען מיט איהם ?

איך מוז דאס געגען מיין ווילען .

נוא אז דוא ווילסט מיך ניט פאלגען קאן איך דאצו ניט העלפין — דאס זיא זייפצענד געזאגט — געה , אבער איך בעט דיך אז דאס זאל זיין דאס לעצטע מאל . מעהר זאלסט דוא מיט איהם ניט אין געהען .

איך פערשפרעכע דאס דיר .

ווען וועסט דוא פון דעם ספאציער צוריק קומען ?

איך וועל מיך בעמיהען וואס שנעלער צו קומען . ער האט איהר זעהר צערטליך דיא האנד געדריקט . אזימסער לאנגער קוש האט איבער דעם צימער אקלונג געטאהן אונ ער איז אוועק געגאנגען .

גאט שיטצע איהם פון דיעזען אונמענשען ! — האט בערטהא מיט טראהנענדע אויגען געזאגט אלס זיסעל איז ארויס געגאנגען — א דאס הערץ ציטטערט אין מיר . ווען מיין זיסעלע זאל וויסען וואס פאר אנ'אונמענש דיעזער ספרינגסאל איז וואלט ער געוויס פון יהם וויא פון אגיפטיגער שלאנגע אנטלאפען געווארין .

ז.

שיין , פראכטפאל שיין איז דיא גרויסע שטאדט ניויארק . אבער איהר שיינקייט קאן מען פערגלייכען צו דער קינסטליכער שענהייט פון אפופע , וועלכע בעצויבערט אונ פעסעלט אונזערע בליקען מיט איהר פראכט אונ גלאנץ , ווען אבער מיר בעטראכטען זיא פון דער נאהענט זעהט מען אז איהר שיינקייט שטאמט נור פון מענשענהענדע אבער ניט פון דער נאטור . מיר זעהען הויכע צעהן שטאקיגע מויערן אויסגעצאצקעט נאך דער לעצטער

(אמ״נ ח״ב)

מאדין

מאדע. אלע איהרע נאססען זיינען געפלאסטערט מיט שטיינער אונ זא קונסטפאל דאס מען פיהלט גאר ניט די ערד אונטער די פיס. אבער ווען איהר זאלט אין איהר זוכען נאטירליכע שענהייט וועט איהר לאנג דארפען זוכען.

ווען עס קומט דער זיסער פריהלינג, איהר ווייסט זעהער גוט אז אין דער צייט גיבט די ערד פון זיך ארויס די פיינסטע בליטהען, די שענסטע טהייערסטע בלומען. איהר געדענקט אז אין אייער אלטער היימאטה האבען די אנגענעהמסטע ערקוויקענדע ריחות פון די אלע זאכען אריינגעדרונגען זאגאר אין אייערע וואהנונג, אבער אין ניוארק פעהלט אייך די אללע זאכען, איהר פיהלט מעהר ניט א פערענדערונג אין דער לופט אונ אין דער ווארמקייט. די לופט פון דעם פריהלינג אין ניוארק איז פיעל ערגער אלס אין מיטען ווינטער. דען די בעפעלקערונג איז זעהער גרויס, די הייזער ציהען זיך אזויא איינס אינם אנדערן דאס זייא ווייזען אויס וויא גרויסע הויכע ווענד פון אקרעפאקט וואס לאזען גאר ניט אריין קיין פריש לופט. איהר זוכט אגרינעם בוים אשטיקעל מיט גראז בעוואקסענע ערד, אבער איהר געפינט עס ניט. עס זיינען דא פיעלע נאססען אין דיעזער גרויסער שטאדט וואס דעם גאנצען זומער זעהט איהר אין זייא קיין צייכען פון אבוים ריכטיג וויא דער פריהלינג אונ דער זאממער וואלטין פאר זייא ניכט עקסעסטירט.

ווען אבער אייך פאלט אמאל איין צו בעזוכען דעם צענטראל פארק ווייזט אייך אויס אז איהר קומט אין אנ'אנדער וועלט אריין. אוועלט וואס נור די נאטור אליין האט זיך בעמיהעט זיא מיט איהרע קאסטבארע שמוק צו פערציערען. איהר דערזעהט לויברייכע שאטיגע בוימען. טויזענדער בליהענדע בלומען. איהר דערזעהט אנ'ערד וואס איז אויסגעבעט מיט לאנגען גרינעם גראז. פייגעלאך שפרינגען דא ארום אונ זייער מונטערעס געזאנג ערקוויקט אייער הערץ. איהר געפינט דא אויך טייכען מיט זילבערקלארע וואססער.

אויך די מענשען האבען צו דיעזען נאטירליכען פראכט פון זייער קונסט זא פיעל צוגעגעבען. זייא האבען דא געמאכט קונסטפאלע פאנטאנען וואס אין רעכטען הייסען זוממער גיעבען זייא אויך איין קאלטע וואססער. דאצו האבען זייא אויך איינגעריכטעט דא אוועלטבעריהמטען מוזעאום אין וועלכען איהר געפינט אלע אנטיקען פון דער פערגאנגענהייט. זייא האבען דא אויך געמאכט אטהיר גארטען וואו איהר זעהט אלע חיות אונ אלע פייגלאך וויא אויך אלע פישען פון דער גאנצער וועלט אונ דאס אלעס לאזט מען אויך זעהן גאר אהן בעלאהנונג.

דער איראפייער וועט דאס גאר ניט גלויבען אז אין דיעזען צענטראל פארק האט פערבלאנדזשעט איין פיראמיד פון די עגיפטישע פיראמידען –

אין נויארקער מיליאנער האט דיעזען וואונדער בעוויזען אונ האט פון מצרים אויף זיינעם אשיף אראפ געבראכט אין צענטראל פארק אזא פיראמיד. דיעזער פיראמיד איז בעקאנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאמען „קלעאפאטרעס נאדעל". ער איז געמאכט פון איין אונגעהייער הייבען שטיין אויף וועלכען עס זיינען פון אלע זייטען מיט היראגליפישע שריפטען בעשריעבען אלטע זכרונות פון אן עפאכע וואס איז ווייט פון אונז עטליכע טויזענד יאהר! ער שטעהט ניט ווייט פון דעם מוזעאום אויף אקליין בערגעל אונ אונז ווייזט אוים אז דיעזער גרייז קוקט מיט בעוואונדערונג אויף דיא אלע נייעסען, וואס דיא נייע מענשהייט האט געמאכט אין דער נייער וועלט.

עס איז דארום קיין וואונדער, וואס ווען איהר קומט זומער׳ צייט אין צענטראל פארק בעגעגענט איהר דארט טויזענדער מענשען, הערען דאמען אונ קליינע קינדער, וואס קומען אהין זיך זעהן מיט דער מוטער נאטור. בעזאנדערס איז זייער צאהל גרויס שבת אונ זונטאג, דען דאמאלס ערלויבען זיך אויך דיא ארמע ארבייטער וואס האריוען דיא גאנצע וואך וויא דיא עזלען צו קומען אהער מיט זייערע ווייבער אונ קינדער געניסען אביסעל פרישע לופט.

אין אשיינעם זונטאג זעהען מיר צווישען דיא טויזענדער ספאציערענדע אויך צוויא פון אונזערע בעקאנטע פערזאנען, בערינגטאנס בוכהאלטער ספרינגסאלן מיט זיססעלע דארף.

ספרינגסאל איז שוין גוט בעקאנט גיוועזן אין דעם גרויסען צענטראל פארק אונ ער האט דארום געפיהרט זיסלען אין אזעלכע פערווארפענע געסלאך וואו נור געציילטע מענשען זיינען געגאנגען.

וועלין מיר זיך אביסעל צו זעטצען דא אונטער דעם בוים? — האט ספרינגסאל ענדליך געפרעגט זיסלען אלס זייא זיינען געקומען צו אזא פערווארפענעם ווינקעל וואו אויסער זייא איז קיינער גיוועזן.

וואָרום ניכט, מיר קאנען זיך דא זעטצען — האט זיסעלע געאנטווערט.

אונ זייא האבין זיך ביידע געזעצט אויף דער באנק וואס איז דא געשטאנען.

וואס זאגט איהר פארט מיסטער דארף צו דעם צענטראל פארק? — האט ספרינגסאל נאך אקורצעס שווייגען געפרעגט.

וואס זאל איך זאגען — האט דארף גיענטווערט — קאן מען דען אנדערש זאגען וויא נור דאס אז ער איז אזעלטענהייט.

דאך מיר גיפעלט ער ניט.

וואָרום?

איך ווייס אויך ניכט וואָרום, נור דיא וועלדלאך אין אונזער אלטער היימאט זיינען מיר פיעל אנגענעהמער גיוועזן.

דאס ווייזט אייך נור אזוי אוים, ווייל דיא אלטע היימאט אין וועלכער איהר זייט ערצאגען געוואָרען איז אייך זעהער זים. אבער זאגט מיר העדר ספרינגסאל איהר זייט אויך אוים רוססלאנד?

ניין, איך בין פון עסטרייך.

שוין לאנג אז איהר זייט אין אמעריקא?

א זעהער לאנג, איך בין גווען א אכטיעהריגער יונגע אלס מיינע עלטערען האבען מיך אהער געבראכט.

האט איהר דא עלטערען?

ניין, זייא זיינען מיט זעכס יאהר צוריק ביידע אין איין יאהר געשטארבען. נוא אונ איהר זייט אוים רוססלאנד?

יא.

זאגט מיר ליעבער דארף וויא קומט איהר צו בערינגטאנען. האט אייך יעמאנד רעקאמאנדירט צו איהם?

ניין. מיר האבען זיך צו איהם געווענדעט אום שוטץ אזויא וויא אלע אנדערע גרינע.

דאס איז מערקווירדיג! ער זאל אגרינעם וועלכען ער קאן גאר ניכט אזוי פיעל פראטעזשירען.

זיינען מיר דען דיא איינציגע וואס ער פראטעזשירט? דוכט זיך ער האט שוין טויזענדער מענשען פון גרעסטען נאטה גירעטעט.

יא דאס איז וואהר. אבער ער זאל גרינע מענשען אזויא פיעל פראטעזשירען וויא ער האט געטהן מיט אייך אונ אייערע עלטערען דאס איז צו בעוואונדערען.

אויף דיא גוטעס וואס אזא פהילאנטראפ טוהט מיט ארמע דארף מען זיך גאר ניכט וואונדערן.

איך האב געהערט זאגענדיג אז איהר האט שוין אברויטע. איז דאס וואהר? האט ספרינגסאל נאך אלאנגער פויזע געפרעגט.

ווער האט דאס אייך ערצעהלט?

מיר האט ערצעהלט איינער וואס האט אייך געזעהן ארומשפאצירענד מיט זעהר אשיין מעדכען. איז זיא אייער ברויטע?

יא.

איהר האט זיך מיט איהר ערקאנט דא, אדער איהר קאנט זיא נאך פון דער היים?

זיא איז מיינע אשיפסשוועסטער.

אזויא?

יא מיר זיינען צוזאממען אויף איין שיף אהער געקומען.

אין דער מינוט איז פון צווישען דיא געדיכטע בוימען אנעלעגאנט געקליידעטער מאן ארויסגעקומען אונ אלס ער האט דיא ביידע פריינדע

דערזעהן

דערנעהן האט ער זיך צוגעשטעלט , עס וואר לייכט צו ערקאנען אז ער האט זייא געוואלט עפּעס זאגען אבער ער האט זיך געשעמט . ענדליך האט ער זיך געמוטהיגט . העפליך האט ער זיך פערנייגט אונ צווא געהענד איינינע טריט נעהענטער האט ער געזאגט : איהר וועט מיר ערלויבען מיינע הערען מיט אייך עטוואס צו שפּרעכען ?

וואס פערלאנגט איהר ? — האט ספרינגסאל שטרענג געפרעגט .

ענטשולדיגט מיינע הערען — האט דער פרעמדער מיט זעהער אביטערען זיפצען געזאגט — אבער איך בין געצוואונגען אייך צו בעלעסטיגען מיט עטליכע ווארטען .

נוא רעדט שוין — האט ספרינגסאל בייז געזאגט .

איך בין אגרינער — האט דער אונבעקאנטער ערצעהלט — עס איז ערשט איין מאנהייט וואס איך בין אהער געקומען מיט מיין פרויא אונ מיט מיינע קינדער פון רוססלאנד . איך האב געוואהנט פיעלע יאהר אין מאסקווא , איך האב דארט אגרויסע ראליע געשפּיעלט , דען איך האב געהאט גרויסע געשעפטע אונ בין זעהר רייך גיוען . אבער אין דער לעצטער צייט אלס מיא האט אלע יודען פון מאסקווא ארויסגעטריעבען , האט מען מיך מיט מיין פאמיליע אויך פון דארט ארויס געיאגט . מיר האבען זיך בעשלאססען פאהרען אהער נאך דער פרייער אמעריקא , אונזער גאנצעס רייכטהום איז פערלארען געגאנגען דאדורך וואס מיא האט מיר קיין צייט געגעבען מיינע פיעלע שולדען איינצומאהנען . איך האב נור גירעטעט אביסעל געלד אונ מיין ווייבס אויך מיינע צירונג . ביז מיר זיינען געקומען אהער איז דאס ביסעל געלד וואס איך האב נאך גיהאט אויך צושלאגען געווארן . איך האב נור זא פיעל געהאט דאס איך האב מיט מיהע אבגעצאהלט פאר אמאנהייט רענט (דירה געלד) אונ האב איינגעקויפט אביסעל מעבעל , איך האב געהאפט אז מיינע לאנדסלייטע וועלכע קאנען מיך נאך פון דער היים וועלין מיך ניט לאזען פאלען , ליידער אבער ערקאנען זייא מיך ניט אונ קיינער פון דיא אונמענשען וויל מיר זיין הילף רייכען , זעלבסט פערשטענדליך אז איך בין געצוואונגען געווארען צו פערקויפען דאס ביסעל שמוק וואס מיר איז געבליבען , צום אלעם ערשטען האב איך פערזעצט מיין גאלדענע אוהר מיט דער קייט , אויך מיינע ריינגען , יעצט איז געקומען דיא רייהע צו מיין פרויא'ס צירונג , אבער פערזעטצען זייא וויל איך ניט , ווייל אין פיינשאפּ *) לייהט מען זעהער וועניג געלד אויף ווערטה זאכען אונ איך וויים בעשטימט אז זייא וועלין דארט פערפאלען ווערין , דארום האב איך זיך בעשלאססען מיין פרויא'ס צירונג

---

*) פיינשאפּ הייסט אין אמעריקא דאס לייהע הויז וואו מיא פערלייהט געלד אויף משכנות .

ציערונג בעכסער צו פערקויפען, אבער וועמען קאן איך זייא פערקויפען מיא קאן דאך מיינען אז איך האב זייא געגנבעט. דערוועהענדיג יעצט אייך מיינע הערדען, איז מיר איינגעפאלען דער געדאנק איך זאל אייך פרעגען פיעלייכט וועט איהר דאס בייא מיר אבקויפען, גלויבט מיר אז איך וועל דאס בעטראכטען אלס אוואהלטהאט, איהר וועט מיך מיט מיין פאמיליע בייא אונזער לעבען ערהאלטען.

מיר דארפען קיין שמוק — האט ספרינגסאל בייז גיענטוועהרט.

עס קאן זיין אז איהר דארפט ניט, אבער איהר וועט דאמיט אגאנצע פאמיליע פון הונגערטאדט רעטען. ווען איך זאל בייא אייך בעטען אנדבה איז אויך אייער שולדיגקייט אנארמען מענשען צו העלפען, איך בעט דא אבער בייא אייך קיין נדבה, איך פערקויף אייך אזעלכע זאכען וואס האבען דיא ווערטה דרייא מאל אזויא פיעל וויפיעל איהר וועט מיר פאר זייא געבען.

בייא דיא ווארטען האט ער ארויס גענומען פון דער טאש אפאפיר האט איהם אויפגעוויקעלט און ספרינגסאל מיט זיסעלען האבען דערזעהען איין פראכטפאלען דימאנטענעם בראסלעט מיט דרייא שיינע רינגען אויך אפאר ברילליאנטענע אהררינגע געמאכט נאך דעם לעצטען פאסאן.

זעהט איהר מיינע הערדען — האט דער פרעמדער געזאגט — דיעזע ביסעל שמוק האט מיר געקאסט אין רוסלאנד 600 רובעל, איך פערקויף עס אייך פאר אדריטעל געלד בלויס פאר 200 רובעל, דאס איז סך הכל הונדערט דאללאר, איך מוז אייך דאבייא אויפמערקזאם מאכען אז איך האב זייא אויך געקויפט אלס מציאה, דען זייא האבען דיא ווערטה מעהר אלס טויזענד רובעל.

וואס זאגט איהר הערר דארף — האט ספרינגסאל גיפרעגט זיסלען — זאלען מיר דאס קויפען ?

איך קאן דאס ניט קויפען ווייל איך האב קיין געלד — האט זיסעל גיענטוועהרט.

דאס מאכט שוין ניט אויס, איך קאן פאר אייער טהייל אויסלייגען 50 דאללאר און איהר וועט מיר אויסצאהלען ביסליך ווייס.

איך ווייס? — האט זיסעל נאכדענקענד גיענטוועהרט — וועהר ווייס וואס פאר ציערונג דאס איז.

אויב איהר פירכטעט פיעלייכט זיינען זיי ניט קיין עכטע גאלד און עכטע ברילליאנטען — האט דער פערקויפער געזאגט — קאנט איהר זייא ציינען וועמען איהר ווילט, קומט איך גיה מיט אייך אין וועלכען גאלד געשעפט איר ווילט און איהר וועט הערען וואס מיא וועט אייך אויף דעם זאגען.

איך בין אליין אויך אמבין — האט ספרינגסאל גיענטוועהרט — איך זעה אז דא איז אלעס עכט, אבער מיין ליעבער הערר מיר קאנען דאך אייך

ניכט איהר וועט מיר ענטשולדיגען דערפאר וואס מיר האבען אפערדאכט פיעלייכט זיינען זיי דורך אנאונארדענטליכען וועג צו אייך געקוממען.

איך שווער אייך ביי אלעם וואס הייליג איז אז איך האב אייך דיא ריינע וואהרהייט געזאגט — האט דער פרעמדער גיענטווערט — נור אויב איהר פירכטעט אלץ פיעלייכט זיינען דאס געגנבעטע זאכען, בעמיהעט זיך מיט מיר צו געהען אין מיין וואהנונג, איך וואהן אין 130 דיוויזיאן סטריט, מיין נאמען איז לעאפאלד הורטמאן, אינ'ם פאל ווען איהר וועט פון דיא זאכען אונאנגענעהמליכקייטען האבען, קאנט איהר גלייך אנצייגען אז איהר האט עס ביי מיר געקויפט.

וואס זאגט איהר הערר דארף? — האט נאך אמאל ספריגנסאל געפרעגט בעטראכטענד דיא אלע שמוק זאכען.

טוהט וויא איהר פערשטעהט.

וועט איהר צוגעהמען האלב פון דיא זאכען?

האלב ניט, אבער צוויא רינגען וועל איך געהמען.

גוט! — האט ספריגנסאל נאכדענקענד גיענטווערט — איך קויף דאס ביי אייך אב.

ער האט ארויסגענוממען הונדערט דאללאר פון דער טאש און האט עס אבגעגעבען דעם פרעמדען, וועלכער האט זייא זעהער בעדאנקט און איז פרעהליך אוועקגעגאנגען.

איהר ווייסט הערר דארף אז מיר האבען דא געהאנדעלט אמציאה — האט ספריגנסאל געזאגט אלס דער פרעמדער איז אוועק געגאנגען.

דאס פערשטעה איך, אבער מיר רייסט זעהער דאס הערץ אויף דעם אונגליקליכען, ער האט עס געוויס פערקויפט פאר אדריטעל געלד.

ארחמנות איז אויף איהם, אבער איהר האט גיזעהען וויא ער איז אונז דאנקבאר גיוועזן, איך זאג אייך אז ער מאג אונז דאנקבאר זיין, דען ווען ער זאל גיוועזן אנטרעפען אויף אנ'עכטען אמעריקאנער וואלט ער פאר דיא אלע זאכען ניט מעהר גענוממען וויא 50 דאללאר, אלזא וואס בלייבט ביי אייך, איהר ווילט ניט מעהר וויא דיא רינגען?

איך וויל קיין גרויסען חוב ניט מאכען.

זייט ניט קיין יונגעל, וואס פאר אחוב וועט איהר דא מאכען, איהר וועט מיר אויס צאלען צוויא דאללאר אוואך, אין אהאלב יאהר איז אייער חוב בעצאהלט. געהמט דעם בראסלעט מיט צוויא רינגען און איך וועל געהמען דיא אהרינגע מיט איין רינג וועט דאס זיין גלייך צו טהיילט, שטעלט אייך פאר וואס פאר אמתנה דאס וועט זיין פאר אייער כלה. דאס וועט זיא איבערראשען.

מיין כלה איז קיין גרויסע ליעבהאבערין פון שמוק.

(אמ"ג ח"ב) גלייבט

גְלֵייבְּט אִיהר נִיט הֶערר דארף, אַלֶע כַּלּוֹת זָאגֶען אַזוֹיא אַז זַייא הַאלְטֶען פוּן דיא לוּקְסוּס זַאכֶען גָאר נִיכְט, אָבֶער וֶוען מִיא בְּרֵיינְגְט זַייא אַשֵׁיינֶע מַתָּנָה שְׁמֶעקְט דָאס זַייא זֶעהר גוּט. נאט דָא הָאט אִיהר דֶעם בְּרָאסְלֶיעט מִיט דיא צְווייא רִינְגֶען, אִיךְ ווינְשׁ אֵייךְ אִיהר זָאלְט אֵייעֶר פְרוֹיא קָאנֶען שֶׁענְקֶען פִיעל בֶּעסֶערֶע אוּנ טְהֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת.

אִיךְ דַאנְק אֵייךְ זֶעהֶער הֶערר ספרינגסאל פַאר דֶעם קְרֶעדִיט וָואס אִיהר שֶׁענְקְט מִיר אוּנ פַאר אֵייעֶר פְרֵיינְדְלִיכֶען זֶענֶען — הָאט זיסעל גִיעֶנְטְוֶוערְט בֶּעהֶמֶענְד דֶעם בְּרָאסְלֶיעט מִיט דיא רִינְגֶען.

זֶעהֶער אַגְלִיקְלִיכֶע מִינֶע הָאט זִיךְ אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט אִין דֶער מִינוּט גֶעוִויזֶען. דֶען עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וויא שֵׁיין זַיין בערטהא וֶועט אוֹיסְזֶעהֶן אִין דִיעזֶע שֵׁיינֶע טְהֵייעֶרֶע צִיערוּנְג.

ח.

אִין הָארִידָאק.

זֶעהֶער בִּיטֶער אִיז אִין אַלְגֶעמֵיין דֶער פְרוֹיא וָואס אִיהר גֶעלִיעבְּטֶער מַאן מוּז פוּן אִיהר אַוֶעקְפָאהרֶען אִין דֶער וֶועלְט זוּכֶען פַּרְנָסָה. אִיהר אִיז אִין צְווייעֶן שְׁלֶעכְט, עֶרְשְׁטֶענְס וָואס אִיהר מַאן פָאהרְט פוּן אִיהר אַוֶועק. בַּייא אַזַא אַוֶעקְפָאהר עֶרְוֶועקֶען זִיךְ אִין אִיהר בְּרוּסְט זֶעהֶער בִּיטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, וֶוער ווייס וֶוען זיא וֶועט אִיהם צוּרִיק זֶעהֶען. וֶוער וויים צוּא וֶועט עֶר עֶרְרֵייכֶען דֶעם צִיעל וָועלְכֶען עֶר שְׁטְרֶעבְּט אוּנ וֶוער ווייס צוּ וֶועט עֶר זִיטְצֶענְדִיג ווייט פוּן אִיהר נִיכְט שֶׁענְקֶען זַיין הֶערְץ אַן'אַנְדֶערֶער, דֶען אִין דֶער וֶועלְט גֶעפִינֶען זִיךְ זֶעהֶער פִיעל שֶׁענֶע פְרוֹיעֶן אוּנ עֶס הָאט שׁוֹין פִיעלֶע מָאל גֶעטְרָאפֶען דָאס גֶעטְרֵייעֶ מַאנֶען הָאבֶען זֵייעֶרֶע הֵייסְגֶעלִיעבְּטֶע פְרוֹיעֶן וֶועלְכֶע זַייא הָאבֶען אִין דֶער הֵיים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פֶערְגֶעסֶען צוּא לִיעבּ אַנְדֶערֶע. צְווייטֶענְס אִיז אִיהר בִּיטֶער וָואס זיא בְּלֵייבְּט אַלֵיין עֶלֶענְד אוּנ הִילְפְלָאז. נִיטָא דֶער גֶעטְרֵייעֶר מַאן וָואס הָאט פַאר אִיהר גֶעזָארְגְט פִיעל מֶעהר אַלְס פַאר זִיךְ אַלֵיין. נִיטָא דֶער בְּרוֹיט גֶעבֶּער וָואס הָאט אַלֶע זַיינֶע קְרֶעפְטֶע אָנְגֶעוֶוענְדֶעט אִין שְׁטוּב זָאל גָאר נִיכְטְס פֶעהלֶען. זיא מוּז יֶעצְט פַאר זִיךְ אַלֵיין זָארְגֶען, וֶוען זיא וֶוערְט חָלִילָה עֶפֶּעס נִיט גֶעזוּנְד אִיז אֲפִילוּ נִיטָא וֶוער עֶס זָאל אִיהר פְרֶעגֶען וָואס אִיהר פֶעהלְט.

בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ דיא לַאגֶע פוּן דֶער פְרוֹיא וָואס אִיהר מַאן פָאהרְט אַוֶועק זוּכֶען זַיין גְלִיק אִין אמעריקא.

עֶר פָאהרְט נָאךְ אמעריקא, אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסֶען שְׁרֶעקְלִיכֶען יַם וֶועלְכֶער הָאט שׁוֹין גֶעדִינְט אַלְס קֶבֶר פַאר צֶעהְנְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְדֶער מֶענְשֶׁען, וֶוער וויים צוּא וֶועט אִיהר לִיעבֶּער מַאן בְּשָׁלוֹם דִיעזֶען גֶעפֶעהרְלִיכֶען יַם אִיבֶּער פָאהרֶען

אונ ווען נאט וועט איהם שוין בשלום אריבער ברייננען אהין אין יענער נייער אונבעקאנטער וועלט , ווער ווייס וואס דארט וועט מיט איהם זיין .

ער פאהרט נאך אמעריקא ! וויא שרעקליך דיא ווארטען קלינגען אין דיא אהרען פון איונגער פרויא וואס האט ניט לאנג געהייראטהעט איהר געליעבטען אונ האט זיך פארגעשטעלט דעם גאנצען גן עדן אויף דער וועלט . זיא האט דאן גאר ניט געדענקט אז זיא וועט זיך פון איהם אויף איין מאמענט איהר גאנץ לעבען שיידען אונ יעצט פאהרט ער נאך אמעריקא . בייא איהר ווייזט אוים ריכטיג וויא ער זאל זיך פון איהר שיידען אויף אימער אונד עוויג .

אין אזא ביטערער לאגע טרעפען מיר יעצט דער אונגליקליכער מאליע עדעלהערץ גיוועזענע פריילין ראזענהויז .

וויפיעל געזונד האט איהר געקאסט ביז זיא האט געהייראטהעט איהר געליעבטען יודעלען . איהרע רייכע עלטערען האבען גאר פון אזא פארטייא ניט געוואלט הערען, דען יודעלע איז געוועזען אנארם יונגעל פון אזעל הבתישע פאמיליע אונ איהרע עלטערען האבען פאר איהר געזוכט אמאן פון אבעריהמטער פאמיליע מיט אסך מעלות אונ מיט נאך מעהר געלד . ענדליך האט זיא אויסגעפיהרט, זיא איז געווארען יודעלעס ווייב , זיא האט זיך פאר דער גליקליכסטער אין דער וועלט געשעצט . לייז דער אבער האט איהר גליק ניכט לאנג גיווערט , דען איהר פאטער איז בדלות געווארען דורך שלעכטע ספעקולאציאנען , איהר יודעלע וועלכער האט זיך ערווארבין אנאמען פון אגוטען מאליער אונ אלע פריצים פון דעם געגענד האבען איהם גיגעבען ארבייט ער זאל זייערע בילדער מאכען , האט אויך זיין פרנסה פערלארען , דען ער האט שוין אלע ארומיגע פריצים בעזארגט מיט בילדער אונ קיין נייע קונדען זיינען ניט צוא געקומען , ער האט זיך געמוזט בעשליסען פאהרען נאך אמעריקא , וויל זיין יונגענד פריינד זיסעל דארף האט איהם געשריעבען אז ער (יודעלע) קאן אין אמעריקא דורך זיין טאלענט גליקליך ווערען .

פיעל טרערען האט דיא יונגע פרויא פערגאסען בעפאר איהר ליעבער מאן איז אוועקגעפאהרען . זיא האט זיך גאר ניכט געקאנט איינגעוואינען מיט דעם געדאנק אז איהר יודעלע וועט אוועקפאהרען נאך אמעריקא אונ זיא וועט בלייבען דא אין דעם קליינעם שטעדטעל הארידאק .

יודעלען האט גענוג מיהע געקאסט זיא זא ווייט איינצוריידין ביז זיא האט איהם איהר איינווילינונג דאצו געגעבען .

ער איז אוועקגעפאהרען , יודעלע איז געפאהרען נאך אמעריקא .

וויא פערווארפען אויף אויסטען איינזעל האט זיך יעצט דיא ארמע מאליע געפיהלט . עפעס איז בייא איהר יעצט אויסגעקומען אז זיא געפינט זיך אין אפרעמדער שטאדט . דאס איז גאר ניכט דיא שטאדט וואו זיא איז געבארען .

געבארען אונ ערצאגען געוואַרין, זיא זעהט פאר זיך נור לויטער פרעמדע מענשען.

יודעלע איז ניטא.

אונ אז ער איז ניטא איז שוין קיין זאך ניטא. עס איז ניטא קיין היים, קיין געבורטסשטאדט אונ קיינע פריינדע.

איין זעלע, איין אטהעם געהט ארויס פונ'ם קערפער אונ אלע גליעדער בלייבען שטום, שטיל, אבגעשטארבען. איין מאן פאהרט אוועק אונ פאר דער עלענדער פרויא גיעבט קיין לעבען קיין וועלט מעהר.

אך וויפיעל טרערען האט יעצט דיא אונגליקליכע פערגאססען. קומענדיג צוריק פון דער סטאטציאן ביז וועלכער זיא האט איהר מאן בע־גלייטעט, האט איהר אויסגעזעהען אז זיא פאהרט צוריק פון בית עולם וואס זיא האט איהר געליעבטען געטרייען מאן אויף אימער אונד עוויג אין אשווארצען גראב איבערגעלאזט.

יודעלע! יודעלע!

רופט היינט רוף מארגען, ער איז ניטא, עס ווייזט אויס וויא אלע ווענד אלע ווינקעלאך האבען זיך מיט טרויער בעצויגען אונ אלע קלאגען אויף דעם וואס דער געליעבטער בעל הבית פעהלט.

מאליע האט זיך ביא דעם קאפף געהאפט, זיא האט פון זיך דיא האר געריססען דער פאר וואס זיא האט איהר איינציגען פריינד געלאזט זא וייט אוועקפאהרען. אבער וואס העלפט דאס, ער איז שוין אין וועג, דיא דאמפף־מאשינע האט איהם שוין וייט זעהער וייט פערטראגען. עס איז אונמעגליך איהם צוריק אום צוקעהרען.

פערצווייפעלט, צערשמעטערט מיט אגעזינקענעם קאפף אונ מיט פער־בראכענע הענד איז זיא געזעסען אויף איהר בעט, וועהרענד פון איהרע אויגען האבען זיך געגאסען טרערען וויא פון צוויא הייסע קוואלען. זיא וואר זא פערטיעפט אין איהר אונגליק דאס זיא האט ניט גיהערט וויא דיא טיהר האט זיך אויפגעעפינט אונ חיימקע שלאק, דער בעריהמטער פאקטאר איז אריינגעקומען. ערשט דאן אז ער האט מיט זיין קוויטשיג קילכער אנגעשריא געטאהן: גאט העלף מלכהניא! האט זיא זיך אצאפעל געטאהן זוי זי זאל זיך ערוואכען פון אשטארקען שלאף אונ פון אשרעקליכען טרוים.

איך האב אבער פערשטאנען אז איך וועל אייך ליעבע מלכוניא טרעפען אפערצאגטע אונ אפערקלאגטע — האט ער לאכענד געזאגט — דען דאס איז קיין קינדער שפיעל ווען אמאן פאהרט אוועק אזש קיין אמעריקא.

וואס פארלאנגט איהר? — האט מאליע געפרעגט מיט אבייזען טאן.

איך פערלאנג חלילה פון אייך קיין טובה ניט. פערקעהרט, איך בין געקומען טאהן אייך אטובה.

מיר ווילט איהר טאהן אטובה? — האט מאליא ערשטוינט געפרעגט.

יא מלכוניא. מאכט אייך וויל איך טאהן אטובה, געווים ווייסט איהר אז אייער מאן האט געמאכט אבילד פאר דעם פאוואריטיווקער פריץ אונ קיין געלד האט ער נאך ניט אבגענומען ווייסט איהר דערפון?

יא איך ווייס.

יעצט איז דער פריץ דא היא אונ איך קאן ביא איהם דאס געלד איינמאנען.

וויא אזויא?

דאס דארפט איהר מיך ניט פרעגען. אז חייםקע שלאק זאגט אייך א ער נעהמט זיך אונטער אזאך צו טאהן, זאלט איהר איהם גלויבען. אבער זאט פערשטעהט איהר דאך אליין אז אמזיסט בין איך ניט מחויב פון אייערט וועגען צוא ארבייטען, דאריבער בין איך געקומען אייך פרעגען וויפיעל וועל איך האבען פאר מיין טרחה.

וויפיעל פערלאנגט איהר?

איהר פערשטעט דאך אליין אז דר חוב איז אפערפאלענער. איהר מאנט שטעלען נאך איהם אגרויסע יאהרצייט ליכט, אונ ווען איך וועל איהם איינמאהנען הייסט דאס געפונענע געלד. פון געפונענע געלד פערשטעהט איהר דאך אליין אז מיר קומט וועניגסטענס האלב.

גוט, איך וועל אייך געבען האלב. פון איהם קומט צוואנציג רובעל וועט איהר מיר דאפון געבען צעהן.

איך בין צופריעדען — האט חייםקע געזאגט — אבער דיא הוצאות זאלען זיין אין גאנצען אויף אייער רעכנונג.

וואס פאר הוצאות וועט איהר דא האבען?

אקלייניגקייט וואס פאר הוצאות איך וועל דא האבען. איך האב דעם לייב קנעכט פון דעם פריץ צו געזאגט פינף זילבערנע רובעל, דערפאר וואס ער וועט מיר העלפען דעם חוב איינמאהנען, היינט מוז איך מיט איהם פערטרינקען אפאר רובעל, אונ אחוץ דעם מוז איך אלע בעדינטע פונ'ם האטעל וואו דער פריץ שטעהט איין אונטערשמירען זייא זאלען מיך צו דעם פריץ אריינלאזען ווען איך וועל וועלין.

וויא איך פערשטעה ווילט איהר איך זאל אייך נאך עפעס צו צאהלען פון מיין אייגענער קעשענע.

חלילה, דאס פערלאנג איך פון אייך ניט, איך וועל נור פון אייער האלב ארונטער רעכענען אלע הוצאות אונ דאס איבעריגע וועל איך אייך אבגעבען ביז איין פרוטה.

איך בין אייך מוחל רבי חיים אייער טרחה אונ פערלאנג פון אייך ניט איהר זאלט פאר מיר דעם חוב איינמאהנען.

וואס רעדט איהר נאט איז מיט אייך מלכוניא, ווילט איהר אז אייער געלד זאל פערפאלען ווערען ביא דעם ערל טמא?

מִיר אִיז אַלֶץ אֵיינְס צוּ דָאס וֶועט פֶערְפַאלֶען וֶוערִין בַּייא אִיהם אָדֶער בַּייא אַייךְ ·

נוּא שָׁא · אִיךְ וֶועל אַייךְ מֶעהר נִיט אַרָאפּ רֶעכֶענֶען דִיא פִינְף רוּבֶּעל וָואס אִיךְ · דַארְף גֶעבֶּען דֶעם לַייבּ קְנֶעכְט , דָאס אִיבֶּערִיגֶע נֶעהם אִיךְ אוֹיף זִיךְ ·

אִיךְ פֶערְלַאנְג פוּן אַייךְ קַיין טוֹבָה נִיט, נֶעהמְט אַייךְ צוּ אִין נַאנְצֶען ·

וֶועט אִיהר מִיר אַרוֹיסְגֶעבֶּען שְׁוַוארְץ אוֹיף וַוייס אַז אִיהר שֶׁענְקְט מִיר אַוֶועק דֶעם גַאנְצֶען חוֹב ?

אִיךְ בֶּעט אַייךְ רבי חיים דוּלְט מִיר נִיט דֶעם קָאפּ מִיט אַייעֶרֶע פוּסְטֶע רֵייד · אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאר נִיכְטְס אַרוֹיס גֶעבֶּען אוּנ גֵייט אַייךְ גֶעזוּנְדֶער הֵייט ·

אָבֶּער גֶעדֶענְקְט אָן גָאט מלכוניא · צְווִישֶׁען זִיךְ רֵיידֶענְדִיג זַייט אִיהר דָאךְ הַיינְט זֶעהֶער אִין אַשְׁלֶעכְטֶער לַאגֶע אוּנ וֶוען דִיא צַייט אִיז שְׁלֶעכְט אִיז אֵיין רוּבֶּעל אוֹיךְ אַסַךְ גֶעלְד ·

אִיךְ בֶּעט אַייךְ נִיט אִיהר זָאלְט פַאר מִיר זָארְגֶען רבי חיים · אִיךְ בִּין גָאר נִיט אִין אַזַא שְׁלֶעכְטֶער לַאגֶע ווִיא אִיהר מֵיינְט · מַיין מַאן זָאל לֶעבִּין הָאט מִיר גֶענוּג גֶעלְד אִיבֶּערְגֶעלָאזְט ·

מֵהֵיכָא תֵּיתָא , זָאל אַייךְ גָאטט הֶעלְפֶען , וֶוער עֶס פֶערְגִינְט אַייךְ נִיט דֶער זָאל אַליין קַיין גֶעלְד נִיט הָאבֶּען , אָבֶּער לָאזֶען בַּייא אַפְּרִיץ פֶערְפַאלֶען וֶוערֶען אַזוֹיא פִיעל גָאלד , דָאס אִיז דָאךְ אַנ׳עֲבֵירָה פַאר גָאטט ·

בַּייא מִיר אִיז אַלֶץ אֵיינְס צוּ מַיין גֶעלְד וֶועט פֶערְפַאלֶן וֶוערְן בַּיי אַפְּרִיץ צוּ בַּייא אַייךְ ·

מלכוניא גָאטט אִיז מִיט אַייךְ וָואס רֶעדְט אִיהר , ווִיל אִיךְ דֶען דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד צוּא נֶעהמֶען , וָואס הֵייסְט עֶפֶּעס אִיךְ וֶועל אַייעֶר גֶעלְד צוּא נֶעהמֶען , וָואס בִּין אִיךְ עֶפֶּעס אַגַזְלָן חָלִילָה , אָדֶער אַרוֹצֵחַ · אִיךְ פֶערְלַאנְג דָאךְ בַּייא אַייךְ נָאר דִיא הֶעלְפְט · גְלוֹיבְּט מִיר ווִיא אִיךְ בִּין אַיוּד שְׁוֶוער אִיךְ אַייךְ אַז אִיהר וֶועט קַיין עֲבֵירָה נִיט הָאבִּין וֶוען אִיךְ וֶועל פֶערְדִינֶען עֶטְלִיכֶע רוּבֶּעל · חַלֶעבֶּען אָן מִיר אִיז מֶעהר מִצְוָה ווִיא אָן דֶעם רַייכֶען פְּרִיץ , אִיךְ הָאבּ זָאל גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק זַיין אַוַוייבּ מִיט זֶעבְּס קִינְדֶערְלַאךְ , גָאטט הָאט זַייא אַלֶעמֶען גֶעשֶׁענְקְט הִיבְּשֶׁע מָאגִינְס וָואס ווִילֶען אָהן עַיִן הָרַע עֶסֶען אוּנ אַסַךְ עֶסְסִין , מִיא נֶעהמְט אַלֶע טָאג , נִיט אוֹיסְגִירֶעדְט זָאל דָאס זַיין אַהַאלְבִּין פוּד בְּרוֹיט וֶוערְט דָאס צוּשְׁלוּנְגֶען ווִיא אַגוּטֶער קוּגֶעל ·

אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה אָבֶּער נִיט וָוארוּם רֶעדְט אִיהר אַזוֹיא פִיעל ·

וָואס מִישְׁטַיינְס גֶעזָאגְט אִיז דָא פַארַאן צוּ פֶערְשְׁטֶעהן · אִיךְ דֶערְצֵייל דָאס אַייךְ אַלֶץ ווִיא דִי צַייט אִיז הַיינְט אַזוֹי בִּיטֶער אַז טַאקִי נוּר אֵיין גָאטט אִין הִימֶעל זָאל שׁוֹמֵר וּמַצִּיל זַיין , אָ עֶס זַיינֶען שׁוֹין נִיטָא אַמָאלִיגֶע יָאהר , יֶענֶע יָאהר וֶוען דֶער אַלְטֶער גְרַאף טאבאלסקי הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט · וָואס ווייסְט

איהר מלכה קרוין וואס פאר אגאלדען שטיקעל צייט דענסטמאלט איז געוועזן, איך האב דאך זיך פשוט געבאדעט אין געלד. דער גראף, אויף איהם מאג מען טאקי זאגען וויא להבדיל אויף אגרויסען צדיק, עליו השלום, איז געוועזן אדימענט אמענש פשוט אהן אגאל. איך בין בייא איהם געוועזן וויא מיא זאגט דער גאנצער כל וכל. אהן מיר האט ער קיין האנד אונ קיין פוס ניט אויפגעהויבען. עס פלעגט זיך אונטער רוקען איום טוב'ל האט ער שוין געוואוסט אז חאיעמקע דארף האבען עטליכע רובעל אונ ער האט זייא מיר געגעבען. האט מיין ווייב געהאט איונגעל צו אמיידעל האט שוין דער גראף געוואוסט אז חאיעמקע דארף האבען אויף אברית אדער אויף אבריתגיצע אונ עס איז געווארן געלד ווי בלאטע. וויפיעל מיינט איהר פארט, האט מיר דיא קארמעלקא, זיין טאכטערל אנגערוקט געלד בלא יודעים, ס'הייסט דער טאטע זאל דערפון ניט וויססען. איך זאג אייך דעם אמת אז איך וויים גאר ניט וואס מיט דער קארמעלקא איז געווארין, וויא איך בין איוד אז דאס איז גאר ניט דיא זעלביגע וואס פריהער. וואס ווייסט איהר מלכוניא וואס פאר אכשרה נשמה זיא איז געוועזן. שא אייער יודעלע האט דאך אייך געמוזט דערציילען וויפיעל טובות זיא האט איהם געטאהן, דאס איז אפילו קיין וואונדער ניט, ווארום זיא האט צווישען זיך ריידענדיג אייער יודעלען פשוט ליעב געהאט, דען ער איז געוועזן זעהר אשיינער בחור'ל, אבער דאס אליין וואס זיא האט ליעב געהאט אידישען בחור'ל איז דאך דער בעסטער בעוויז אז זיא איז ניט גלייך צוא אלע פריצישע טעכטער וואס קאנען איודיש פנים ניט אנקוקען. איך האב געמיינט דענצמאלט ווען זיא איז פון אסטראג ארויס געגאנגען אז זיא וועט נאך בעסער ווערן, דען לאמיר זיך ניט נארען, ווען ניט אייער יודעלע זאל געוועזן פאר איהר אזויא אוועק לייגען דאס לעבען אונ דעם געזונד וואלט זיא שוין ניט דערלעבט פון אסטראג ארויס צו גיין. דען בייא קיינעם איז קיין ספק ניט געוועזן אז זיא האט טאקי איהר קליינעם ברודער דערשטיקט אונ אין טייך אריינגעווארפען, נור יודעלע האט אויפגעוויזען אזויא וויא איינס מיט איינס איז צווייא אז דאס האט נור איהר שטיעפמוטער מיט איהר געליעבטען דעם בלבול געמאכט. איך אונ אלע איינוואהנער פון הארידאק האבין געמיינט אז קארמעליא וועט איהם דערפאר גליקליך מאכען, אבער וואס איז געוועזן דער סוף שיין בעצאהלט האט זיא איהם אזא יאהר אויף איהר טריפהנעם קאפ. זיא האט זיך גאר פון אייער יודעלען אויסגעלאכט אונ האט איהם אפילו ניט געוואלט אריינלאזען אין איהר פאלאטין ווען זיא האט געמאכט אבאל לכבוד דעם וואס זיא איז בפרייעט געווארין דורך יודעלען. אונ פאר וואס מיינט איהר איז דאס? נור דערפאר וואס איהר מאן דער גראף מארטינאוו ימח שמו איז אצורר היהודים. ער האט פיינד אידען אזויא וויא איוד האט פיינד חזיר. נוא איז דאס עפעס איושר מיא זאל צוליעב אזא שונא

ישראל דעם בעסטען גוטען פריינד, דעם מלאך הגואל אזויא שלעכט בע-האנדלען?

אבער איך פערשטעה ניט וואס האט איהר זיך דא פלוצלונג צוא פלוידערט? ווער פרעגט אייך וועגען קארמעליען אונ ווער בעט אייך איהר זאלט מיר דערציילען אזעלכע זאכען וואס איך האב שוין לאנג פערגעסען.

טאקי וייל איהר האט דאס פערגעסין, דאריבער וויל איך עס אייך דערמאנען אונ אייך דערבייא דערציילען וואס פאר אפינסטערע מפלה זיא האט יעצט. אזא מפלה מאגין האבען אלע מענשען וואס געדיינקען קיין טובה ניט.

וואס פאר אמפלה האט זיא דען געהאט? — האט שוין מאליע ניינעריג געפרעגט.

איז דאס מיגליך אז איהר ווייסט גאר ניט?

ניין איך ווייס קיין זאך ניט.

וואס סטאטש, איהר ווייסט גאר ניט אז זיא בלייבט באלד אזא קבצינטע אזויא וויא להבדיל איך? דען איהר זיסער מאן וועלכער האט שטארק פיינד אידען האט דערפאר זעהער ליעב אקערטעל, נאך חתן וויים האט ער פערשפיעלט זיין טאטענס גאנץ פערמעגען מיט דרייא ארשין אריבער ס'הייסט ער איז היגטערשטעליג געבליעבען אין אזויא פיעל געלד וואס איך מאג זיך ווינשען חאטש אצעהנטעל פון דעם אייגענס האבין אין דרייא יאהר ארום, נוא פערשטעהט איהר דאך אז קארמעליא האט געמוזט אלע זייגע חובות בעצאהלין. דער מיט האט זיא אבער ניט געקאנטשעט (געענדיגט), איהר זיסער מאן האט זיך פון דיא קערטלאך ניט געקאנט שיידען אפילו נאך דער חתונה, ער האט ווייטער געשפיעלט אזויא לאנג אונ אזויא בזייט ביז איהם איז אויסגעקומן צו שפיעלען מיט דער נשמה, דען קיין געלד האט ער שוין ניט געהאט, ער האט אלץ פערשפיעלט אונ דיא געטרייע וייב קארמעליע האט געמוזט בעצאהלען, כדי איהר זיסער מארטינאוו זאל ניט זיטצען אין אסטראג, איצט איז זיא געקוממען אהער איבער צוא געבין איהר טאטענס פאלאמין מיט אלסדינג וואס זיא האט געהאט דעם מענשען וואס האט בייא איהר אבגעקויפט. איהר פערשטעהט שוין וואו זיא האלט אין דער וועלט?

איז דאס אלץ וואהר וואס איהר דערציילט?

צו דאס איז אמת פרעגט איהר? העע חע הע! אשיינע זאך הלעבן, איהר פערגעסט אפנים אז חיימקע שלאק ווייס אלץ; פאר איהם זייגען קיין סודות ניטא, געדיינקט מיינע ווערטער מלכוניא, דער סוף וועט זיין אז איהר קארטענשפיעלער וועט איהר נאך אשענערע שפיעל אויפשפיעלען, ער וועט זיא אוועקווארפען אונ זיא וועט נאך בלייבען אוויסטע עגונה. רעכט אויף איהר, זאל זיא ווייטער וויסען וויא צו זיין אזא כלבטע. אבער זאגט

איהר זאלט מיר לעבען מלכה קריין, וואס האב איך מיך גאר פלוצלונג צורעדט פון דער קארמעליע, אימעצער זאל מיינע ווערטער הערען וואלט ער געמיינט אז מיר האבען ביידע מעהר ניט וואס צו זאהן, וויא נור צו ריידען פון קארמעליען, דער וועיל האבען מיר דוכט זיך גענוג קאפ דרעהעניש, אייך דרעהט דער קאפ וואס אייער יודעלע איז אוועקגעפאהרען אין אמעריקא און מיר דרעהט דער קאפ דערפון וואס מיין פלוניתטע ווארט שוין אין דער היים אויף מיר מיט איהר בלאען פיסקעלע, וועל איך איהר ניט ברייננען חאטש ארובעל, אום איהר מיט דיא קינדער דיא העלזער צו פערשטאפין, וועט זיא מיר אזויא פערשלאגין דעם קאפ, אז איך וועל גאר פערגעססין אז אמאל האט געלעבט איינע, וואס האט געהייסען קארמעליע.

עס איז שוין טאקי צייט איהר זאלט געהען — האט מאליע גיענט־פערט — דען איך בין שוין באלד אויך פערדולט פון אייערע מעשיות.

נוא אסוף, איך וועל שוין ריידען צוא דער זאך. וואס בלייבט וועגען אונזער געשעפט?

געהט אייך געזונדער הייט, איך וויל מיט אייך קיין געשעפטען ניט האבען.

ווילט איהר אז אייער געלד זאל פערפאלען ווערין ביא דעם פריץ?

יא.

נוא אסוף, איהר ווייסט דאך אז איך האב ביינד אסך צו ריידען און זיך אסך צו דינגען, בפרט נאך מיט אייך [illegible] האלב געלד אין דעם וואס איך וועל אויפמאנגען ביים פריץ?

יא.

נוא גוט, גיט זשע מיר ארויס אצעטעלע?

וואס פאר אצעטעלע?

שרייבט אן צוא דעם פריץ עטליכע ווערטער אז אזויא וויא אייער מאן איז אוועקגעפאהרען און איהר שטארבט דא פון הונגער, בעט איהר איהם ער זאל אויף אייך רחמנות האבען און זאל אייך דורך מיר אבשיקען דאס געלד וואס עס קומט פון איהם פאר דעם בילד וואס אייער מאן האט פאר איהם געמאלט, און ווען חלילה ער שיקט אייך דאס געלד ניט אב וועט איהר מוזען מיט אטארבע אין דיא הייזער ארום געהען ברויט בעטען.

ארויס פון מיין שטוב דוא פלוידערזאק! — האט מאליא צארניג אנגע־שריי געטאהן — ארויס פון דאנען, אבער דיא מינוט.

שא! וואס שרייט איהר אזוא, וואס האב איך אייך אזיינס געטאהן?

ארויס זאג איך דיר! — האט מאליא מיט אווילדען בעס געשריען — דען איך צושפאלט דא דיר דיין נארישען קאפ.

איך געה אליין, איהר פערשפּארט מיך צו טרייבען — האט הימקע געענטפֿערט און איז שנעל פון איהר וואהנונג ארויסגעלאפען.

וויא געפעלט אייך איך בעט אייך דיא שלעפּערקע? — האט ער צו זיך אליין גערעדט אלס ער איז שוין אין דער גאס געוועזען — זיא מוז מיינען אז זיא איז נאך דיא זעלבּיגע מאליע ראזענהויז וואס אמאל, זיא האט גאר פערגעסען אז איהר טאטע איז אנ'אנגעזעטצער און איהר מאן האט זיא אוועק געווארפען, זיא וועט איהם אזויא אנזעהן וויא איך זעה מיינע אויערן. אטהייערע שמאטע, ער דארף זיא נייטיג האבען, אין אמעריקא קריגט מען גאר קיין שענערע ניט, ווארט ווארט כלבוניצע! דאס וועט דיך טהייער קאסטען, דיר זאל דאס ניט געשיינקט ווערן.

ח.

דיא ווערטער וואס ספרינגסאל האט גערעדט צו בערינגטאנען וועגען זיסעל דארף, זיינען דעם מיליאנער גוט אינ'ם קאפף אריין, היינטיגע צייטען קאן מען אלעס גלויבען — האט ער זיך געטראכט — דעם יונגען מאן קאן איך דאך ניט פון פריהער, ווער ווייס צו איז ער ווירקליך ניט קיין דיעב, איך מוז דיא זאך גוט נאכפארשען.

בערנארד בערינגטאן איז געוועזען פון דער נאטור אזא גוטער עדלער מאן, דאס ער האט קיינעם געקאנט בעליידיגען, זאגאר דעם מענשען וואס ער האט געוויס געוואוסט אז ער איז אשווינדלער אדער אבעטריגער, בעזאנדערס ביא אזא פאל וואו עס וואר אצווייפעל אין יענעמס שולד, האט ער ניט געוואגט זאגאר יענעם דורך דער מינדעסטער אנמערקונג צו בעליידיגען.

אבער דאך האבען זיינע אויגען געגען זיין ווילען מיט אנדערע בליקען געקוקט אויף זיסלען, דער יונגער דארף האט דאס בעמערקט, ער האט פערשטאנען אז דא מוז עפּעס זיין, אבער ער האט ניט געוואגט צוא פרעגען וואס עס האט זיין פרינציפאלס אונצופרידענהייט געגען זיך ערוועקט, ער האט געמיינט דאס ער האט זיך פיעלייכט פערשולדיגט דורך אפעהלער וואס ער האט בעגאנגען אין זיין ארבייט, אבּוואהל ער אליין האט קיין פעהלער אין זיך בעמערקט דארום האט ער נאך פלייסיגער געארבייט, ער איז איין מינוט לעדיג ניט געשטאנען און האט זיך מיט אלע קרעפטע בעמיהעט זיין פרינציפאלס גונסט וויעדער צו געווינען.

ביא נאכט אלס אלע זיינען פונם אפפיס אוועקגעגאנגען און זיסעל האט זיך שוין אויך צו געקליעבען אוועק צו געהען, האט איהם בערינגטאן געהייסען נאך אויף איינגע מינוטען בלייבען.

ער איז געבליעבען און האט מיט דער גרעסטער נייגיעריגקייט ערווארטעט צו הערען וואס זיין וואהלטהעטער וועט איהם זאגען.

דארף! — האט נאך אלאנגער פויזע בערינגטאן געזאגט — איך וויל דיך עטוואס פרעגען.

פרעגט גינעדיגער הערר.

מיט וואס האסט דוא זיך בעשעפטיגט אין רוסלאנד?

מיט גאר ניכטס.

וואס הייסט מיט גאר ניכטס?

גאנץ איינפאך, איך האב קיין ארבייט געטאהן, דען ביא אונז אין דיא רוסישע שטעדליך איז דיא גרעסטע שאנדע אבעל הבתיש קינד זאל זיין אבעל מלאכה, אונ אזויא וויא מיין פאטער האט זיך גירעכינט צווישען דיא שענסטע בעלי בתים פון שטעדטעל האט איהם ניט גיפאסט ער זאל מיך לאזען ארבייטען.

מיט וואס זשע האסט דוא זיך גאנצע טעג בעשעפטיגט?

מיט נארישקייט, וויא צום ביישפיעל מיט שרייבען ליעדער וועגען דער זון דיא לבנה אונ דיא שטערען, וויא אויך וועגען דעם פריהלינג אונ דעם ווינטער.

וויא קומט דאס וואס דיין פאטער האט געפונען פאר נעטהיג מיט דיר נאך אמעריקא ארויס צו פאהרען?

מיר שיינט אז איך האב שוין דיא עהרע געהאט איך גינעדיגער הער צו ערצעהלען, אז אין רוסלאנד איז יעצט דיא צייט זעהער שלעכט, דארט איז זעהער שווער אלעבען צו מאכען, דארום האט מיין פאטער קיין בעסער פלאן געפונען וויא ארויס פאהרען נאך אמעריקא. דען ביא אונז ערצייהלט מען זיך אן פון דיעזער וועלט זעהער גרויסע גליקען.

איך קאן דאס אבער דאך ניט פערשטעהען וויא קאן דאס איונגער מאן פון צוואנציג יאהר ארום געהען אימטער לעדיג, דורך לעדיג ארום געהען קאן מאן דאך צו דער גרעסטער זינדע קומען.

דערווייל האט מיך גאטט פון זינדע איינגעהיט — האט זיסעל שמייכלענד גיענטווערט.

בערינגטאן האט אקוק געטאהן אויף זיין פרייעם געזיכט אונ אין זיינע ליבטיגע אויגען, אונ האט זיך געקלערט: ניין! עס איז אונמעגליך דער יונגער מאן זאל אגנב זיין.

דוא קאנסט געהען אהיים דארף — האט ער מיט אפריינדליכער מינע געזאגט.

זיסעל האט זיך טיעף פערנייגט אונ האט געוואלט אוועקגעהען, אבער בערינגטאן האט איהם אבגעהאלטען מיט דיא ווארטען: נאך אפאר ווערטער דארף.

זיסעל (אמ״נ ח״ב)

זוסעל איז שטעהען געבליעבען.

איך האב דיר נאך דיין מיינונג ניט געפרעגט וועגען דיא דיעבע וואס האבען מיינע געסט ארום געשוונדען און מיין קאססע אויסגעליידיגט — האט בערנארד געזאגט איינדרינגענד זיינע בליקען אין זוסעלס געזיכט.

וואס פאר א מיינונג ווילט איהר פון מיר הערען גינעדיגער הערר? — האט זוסעל מיט זיין געוועהנליכער רוהיגער מינע געפרעגט.

איך וויל הערען דיין מיינונג וועגען דיא אונמענשען וואס האבען מיר און מיינע געסטע זאפיעל שאדען געמאכט.

מיין מיינונג איז אז זיא זיינען דיא פערדארבענסטע מענשען אין דער וועלט — האט זוסעל גיענטווערט — און ווען איך וועט געלינגען זיא צו דערטאפען דארפט איהר זיך בעמיהען זיא זאלין הארט בעשטראפט ווערין.

וועגען דעם איז קיין רעדע, אבער ניט דאס פרעג איך דיך, איך וויל נור וויססען צוא האסט דוא אויף יעמאנדען פון אונזערע לייטע אפערדאכט אז זיא האבען דאס געטאהן.

ניין גינעדיגער הערר! איך האב אויף קיינעם פון אייערע מענשען אפערדאכט, זיא ווייזען ביא מיר אין דיא אויגען אלע אוים אלס פיינע ארדענטליכע לייטע.

אבער איך קאן ניט גלויבען אז פרעמדע מענשען האבען דיעזען שאדען געמאכט, אין מיין הויז קוממען קיינע אונבעקאנטע פרעמדע מענשען אריין און דיא קאססע האט גיעפינט נור אזא מאן וואס איז בעקאנט מיט דער געהיימניס פון דער עפנונג.

דאס האט איהר אויך רעכט, אבער איך ווידערהאלע מיינע ווארטען אז איך זעה ניט ארויס איינער פון אונזערע לייטע זאל דיא שענדליכע זאכען טאהן.

דיא פרייהייט מיט וועלכער זוסעל האט דיא ווארטען גירעדט, האבען בערינגטאנען וויא דייטליך איבערציינגט דאס ער איז אין דעם פערברעכען גענצליך אונשולדיג, דען אויף זיין געזיכט האט זיך ניט געוויזען איין צייכען פון פערלעגענהייט.

ספרינגסאל איז אנידערטרעכטיגער מענש דער פאר וואס ער האט זיך געוואגט אויף דיעזען ארדענטליכען יונגען מאן צו זאגען אז ער איז אדיעב — האט ער זיך אין דער מינוט געטראכט — ניין און נאך טויזענד מאל ניין! איך וועל פאר קיין פאל גלויבען אז דיעזער בראפער ארדענטליכער יונגער מאן האט דיא זינדע בעגאנגען.

געה אהיים דארף! — האט ער ענדליך געזאגט פאסט מיט א צערטליכען טאן — גערים דיינען פאטער אין מיין נאמען.

דאנקע גינעדיגער הערר! — האט זוסעל גיענטפערט און איז אוועק

געוואנגען, ער איז געוועזען זעהער צופריעדען דאמיט וואס זיין פרינציפאל האט מיט איהם אזויא פריינדליך גירעדט אונ האט איהם געפרעגט אמיינונג וועגען דיא דיעבע וואס האבען איהם בעגנבעט. דאס איז דאך אבעוויז אז ער האלט מיך פאר אקלוגען מענשען אונ פאר אנאהרען גוטען פריינד — האט ער זיך געקלערט אונ האט זיך מיט דער פריינדשאפט וואס דער מיליאנער צייגט איהם זעהער שטאלץ געפיהלט.

ער איז קיין מאל אזויא לוסטיג אונ אזויא מונטער אהיים ניט גע-קומען וויא דאס מאל, ער איז אריינגעלאפען אינ'ם צימער וואו דער הארידאקער קינסטלער יודעלע איז געזעססען שטארק פערטיעפט איבער בערינגטאנס בילד וואס ער האט געמאכט אונ האט אגעשריא געטאהן: גוט נאבענד דיר יודעלע! דוא זיטצט נאך אלץ ביא דיין ארבייט? קום ברודער לאמיר זיך בעססער אביסעל דורכגעהען ספאציערען, דען דיא לופט איז פראכטפאל שיין אונ ערקוויקענד

וואהין וועסט דוא יעצט געהען — האט יודעלע פלעגמאטיש גע-ענטווערט — רוא זיך בעססער אוים נאך דיין שווערער ארבייט.

וואס מיר רוהען, ווער מיר רוהען — האט זיסעל לוסטיג גיענטווערט — מיר יונגע מענשען דארפען געניססען פון דיא פערגעניגען וואס דיא וועלט אונ דיא יוגענד גיעבען אונז מיט זייער פאללער האנד.

וואהין ווילסט דוא יעצט געהען?

לאמיר זיך אביסעל דורכגעהען צו מיין כלה. דוא קאנסט דאך זיא נאך גאר ניט, איך וועל דיך פאר איהר פארשטעלען.

צו דיין כלה געה אליין.

ווארום ווילסט דוא מיט מיר ניט געהען?

וייל עס קאן זיין אז זיא וועט זיין אונצופריעדען פון מיין בעזוך. יעדע כלה וויל מיט איהר ברויטיגאם פערברייגען אונמזער פיער אויגען.

מאך זיך ניט נאריש יודעלע, מיין כלה איז גאר אנאנדער סארט מענש, זיא איז זעהער מענשענפריינדליך, איך האב איהר שוין גענוג ערצעהלט פון דיר, זיא ווייס וויא בעפריינדעט מיר זיינען אימטער גיוועזען אלס מיר זיינען נאך ביידע גיוועזען בק"ק הארידאק, איך ווייס אז זיא איז זעהער נייגיעריג דיך צו קאנגען, קום ליעבער פריינד! דוא וועסט זעהען זעהער אשיינע זאך.

וואס הייסט אשיינע זאך?

איך וועל פאר דיר אין דיא אויגען איהר זעהער אשיינעם פריזענט געבען.

אפריזענט?

יא פריינד, מיר האט זיך געסטערין געהענדיג אין צענטראל פארק

ספאציערען געמאכט צוא קויפען זעהער אשיינע מתנה פאר מיין זיסטער בערטהאן .

וואס איז דאס פאר אמתנה ?

איך וועל דיר עס ווייזען — האט זיססעל מיט שטראהלענדע אויגען געזאגט אונ האט פון זיין טאש ארויס געשלעפט אפאפיר, פון וועלכען ער האט ארויס גענומען צוויא רינגען מיט אבראסליעט.

וואס איז דאס ? — האט יודעלע וועלכער וואר אגרויסער מבין אויף אזעלכע זאכען העכסט ערשטוינט געפרעגט .

דאס איז דיא מתנה וואס איך האב געקויפט פאר מיין בערטהאן .

בעוויז נור וואס דאס איז, מיר שיינט אז דא שטעקען עכטע בריל-יאנטען מיט דימאנטען .

ער האט דיא אלע זאכען אין דיא הענד גענומען , האט עס נוט בעטראכט אונ האט געפרעגט וויפיעל האסט דוא דער פאר געגעבען ?

נאר אקלייניגקייט, סך הכל 25 דאללאר אונ דאס אויך ניט מזומן זאנ-דערן אויף אויסצאהלען .

סך הכל 25 דאללאר ? — האט יודעלע געפרעגט אונ האט נאך אמאל גענומען דיא שמוק בעטראכטען — זיססעלע ! דאס האסט דוא געקויפט אגניבה .

וואס ? אגניבה ? — האט זיססעל געלאכט — ווארום דענקסט דוא אז דאס איז אגניבה ?

דערפאר וואס דיא ביסעל ציערונג האט דעם ווערט געוויסע 1500 דאללאר .

רייד ניט וויא אקליינשטעטעלדיגער,יודעלע , אז דאס איז אמציאה וויים איך אליין , אבער אז דאס האט ניט דיא ווערטה אזויא פיעל געלד וויפיעל דוא זאגסט וויים איך אויך .

פון וואנען ווייסט דוא דאס ?

ווייל דער מענש וועלכער האט אונז דאס פערקויפט , האט ערצעהלט וויפיעל דאס האט איהם געקאסט .

ווער איז דער מענש , דוא קאנסט איהם ?

איך קאן איהם ניט , אבער איך וויים וויא ער הייסט אונ וואו ער וואהנט .

ערצעהל מיר איך בעט דיר וויא קומט ער צו דיר מיט דער מציאה ?

זיססעלע האט איהם ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע וויא אזויא ער מיט ספרינגסאלען האבען דיא מציאה געקויפט .

איך מוז דיר זאגען ליעבער פריינד אז מיר גיפעלט דאס ניט — האט יודעלע נאך אקורצעם נאכדענקען געזאגט — דיא ציערונג זיינען געגנבעטע ,

דען אנדערש וואלט דעם מאן אונמעגליך געוועזן דאס פאר אזא פרייז צוא פערקויפען.

דוא הערסט דאך אבער אז ספרינגסאל האט אויך האלב געקויפט — האט זיסטעלע געזאגט — דוא דארפסט וויסען אז ספרינגסאל איז שוין אן עכטער אמעריקאנער, איהם קאן מאן אזויא לייכט ניט נארען, ווען ער זאל אויפן טויזענדען פאל דענקען אז דאס זיינען געגנבעטע זאכען וואלט ער זיך צו זייא ניט צוגעריהרט, עס קאן זעהער זיין אז דיא ציערונג זיינען ווירקליך זעהער טהייערע, דען דער מאן וואס האט דאס אונז פערקויפט, האט טאקי געזאגט אז ער האט זייא אויך געקויפט אלס מציאה — אונ יעצט האט איהם דער נאטה צוגעדריקט ער זאל דאס נאך בילליגער פערקויפען.

איך וועל מיך מיט דיר ניט שפארען, עס קאן זיין אז דוא האסט רעכט. זעהער שיין, שענק דאס דיין כלה, נאטט זאל געבען דוא זאלסט איהר נאך פיעל שענערע פריזענטען קאנען קויפען.

איך דאנק דיר זעהער ליעבער פריינד פאר דיין ברכה, איך ווייס אז דיין זעגען געהט ארויס פון דיין טיעפען הערצען, איך האב מעהר ניט וויא איין וואהרען נוטען פריינד אונ דער ביזט דוא, איך האף אז אין גיכען וועל איך דיר אויך קאנען גראטולירען מיט דיין גליק, דוא וועסט דא געוויס גליקליך זיין יודעלע, זאל נור דאס בילד וואס דוא מאכסט געלינגען וועסט דוא זעהען וויא דאס וועט דיך צום גרעסטען גליק פיהרען.

וואס שפעטער וועט זיין ווייס מען ניט, דערווייל איז מיר זעהער ביטער אויפן הערצען, איך קאן ניט פערגעסען אז מיין ליעבע מאליא איז אליין איבערגעבליבען אין הארידאק אונ איך שטעל זיך פאר וויא זיא בענקט נאך מיר אונ וויא זיא ליידעט געוויס.

האסט דוא איהר שוין געשריעבען אבריעף?

יא, איך האב איהר היינטע אוועקגעשיקט אבריעף אין וועלכען איך האב איהר האפפנונגען געגעבען אויף אגליקליכען צוקונפט.

דוא מאגסט איהר דיא בעסטע האפנונגען געבען, דען דוא וועסט דא געוויס דאס גרעסטע גליק געפינען. נוא הכלל געהסט דוא מיט מיר צו מיין כלה?

מיין ליעבער פריינד, געה זיך אליין.

זעלבסט פערשטענדליך אז ווען דוא ווילסט ניט געהען, וועל איך אליין מיין אונ איך געה טאקי שוין.

ער האט עפעס איבערגעביסען אונ איז אוועק געגאנגען צוא זיין בערטהאן.

בעסער

(אמ"ג ה"ב)

ט.

בעסער וויא געוואונשען.

אין קיין לאנד האבען שווינדלער אונ בעטריגער ניט אזויא דיא מעגליכקייט צו שפיעלען ראליען פון ארדענטליכע קויפלייטע וויא אין אמעריקא, וויל דא פרעגט מען קיינעם קיין פאשפארט, מיא פרעגט קיינעם ווער אונ וואס ער איז געוועזן. צעהנדליגער טויזענדער מענשען קומען אהער פון אלע וועלטטהיילען אונ אלע גיעבען זיך אן אלס בראפפע עהרליכע לייט, זייא צו קאנטראלירען אדער וועגען זייא נאכפארשונגען צו מאכען איז אונמעגליך. אמעריקא איז שוין מיט דיא באנדיטען פון דיא פרעמדע לענדער געוואהנט געווארין, דיא רעגיערונג וייס זעהער גוט דאס פיעלע פון דיא געסטע וואס קומען אהער דא אמעריקאנישע בירגער צו ווערין זיינען אזעלכע פערזאנען וואס אנדערע לענדער האבען זייא אויסגעבראכען, אבער זיא מאכט זיך ניט זעהענדיג, וויל ערשטענס איז מען אין אמעריקא צו דער איבערציינונג געקומען דאס דער גרעסטערטהייל פון דיא אונמענשען ווערען דא מענשען, זייא פאנגען דא אן אן ארדענטליכעס ארבייטזאמעס לעבען צו פיהרען אונ ווערין ווירקליך נוטצליכע בירגער, צווייטענס איז דיא רעגיערונג פערזיכערט אז איהרע פעהיגע דעטעקטיוויס (געהיימפאליציסטען) וועלען דערשמעקען אלע שטינקענדיגע העכט וואס פאלען אריין אין איהרע וואססערין אונ ווען איינער פון דיא שווינדלער וואס קומען אהער וועט אויך דא אנפאנגען זיינע שווינדלען צו בעטרייבען וועט ער לאנג ניט עקסיסטירען אונ וועט באלד פערזוכען דעם טעם פון דיא אמעריקאנישע געפענגעניססע.

מיא מוז ווירקליך בעוואונדערין דער נויארקער פאליצייא אונ איהרע פעהיגע דעטעקטיוויס, ווען מיא קאן דורכגעהען אנאס אין דיעזער וועלט-שטאדט אונ ניט ערמארדעט אדער בערויבט ווערין איז דאס איינע פון דיא גרעסטע וואונדער, דען דער גרעסטער טהייל מערדער רויבער אונ שווינדלער וואס קומען אהער פון דיא איבעריגע וועלטטהיילע בלייבען אין נויארק וויל דא איז פאר זייא דער בעסטער פלאטץ זייערע בעטריגערישע געשעפטע צו מאכען, אין דיעזער שטאדט געפינען זיך איבער צוויא הונדערטטויזענד מענשען געזונדע אייזערנע קערלען וואס פון זייערע געזיכטער קאן מען לעזען אז זייא האבען שוין לאנג אלע מענשליכע געפיהלע פער-לארען אונ דאך זיינען זייא דא רוהיג וויל זייא ציטטערען פאר דיא דעטעק-טיוויס אונ פאר דיא פאליסלייטע (נארדעוואיעס) וועלכע זיינען אימער בעוואפפענט מיט געלאדענע רעוואלווערין אונ מיט גראבע שטעקענס, דאס געזעטץ ערלויבט דיא פאליסלייטע צו שיססען יעדען פערדעכטיגען מענשען וועלכער וויל זיך ניט לאזען פערהאפטען אונ וויל ניט געהען מיט זייא נאך דער פאליצייא, דאפאן ווייסען אלע פערברעכער זעהר גוט אונ פאר

דעם טויט האבען זייא שטארק מורא, דיא דעטעקטיווס האבען זיך זייער קונסט וואס דעם אייראפייער ערשיינט דאס וויא איבער נאטירליך, געמליך אויס צו געפינען אין אזא ניויארק אמענשען וואס האט אפערברעכען בע־גאנגען.

דאס ווייזט ווירקליך וויא אונגאטירליך אויס, זוכען אפערברעכער פון וועלכען מיא האט קיין אהנונג אין אשטאדט וואס איז גרויס וויא אוועלט, אשטאדט וואו מיא מאג וואוינען אונטער פרעמדע נעמען און וואו קיינער דארף קיין דאקומענט ביים זיך האבען צו בעציינען זיין פערזאן.

און דאך בעווייזען דיא אמעריקאנישע דעטעקטיווס דיעזע גרויסע וואונדער. 99 פראצענט פון דיא פערברעכער ווערין דורך זייא אויסגעפונען און איינגעשפערט.

אבער דיא דעטעקטיווס זיינען אויך ניט מעהר וויא מענשען. זייא קענען ניכט פון יעדענם געזיכט לעזען וואס ער איז פאר אפערזאן, דאוב געפינען זיך אין גאנץ אמעריקא אונגעצעהליגע שווינדלער וואס דרעהען זייערע שווינדעלירישע מאשינען זעהער געשיקט זא דאס עס איז אונמעגליך דיא מאסקעס וואס זייא טראגען אויף זיך ארונטער צורייסען.

דאס פאלק איז אין אלע לענדער זעהער לייכטגלויביג, זעהט מאן אמענשין רייך געקליידעט און מיא הערט וויא ער רעדט זעהער שיין און זים גלויבט מאן איהם אז ער איז רייך און איז אנ׳עהרליכער מאן, עס געהט פאסט אין ניויארק איין טאג ניכט איבער, וואס אנעריהמטע פירמא ענטלארפט זיך אלס אשווינדלערישע, וואס האט נור געוואלט רייך ווערין פון פרעמדע געלד, טויזענדער מענשען ווערען דורך אזעלכע פירמעס בדלות, אבער דאס פאלק בלייבט זא דום וויא פריהער און מיא קריכט אלץ מיט געזונדע קעפ אין קראנקע בעטען.

בעזאנדערס געלינגט עס דיא פאלשע באנקירען זיך לאנג אויס צו בע־האלטען פון די דעטעקטיווישע שארפע בליקען. דאס באנק געשעפט איז אין אמעריקא, וויא מיא זאגט, אריין אין דער שוסטער גאס, ווער עס וויל דער עפינט אויף אבאנקירקען אפפיס און שרייבט אריין אין אלע צייטונגען אז נור ער איז דער באזעלסטער עהרליכסטער באנקיר אין גאנץ אמעריקא, נור דורך איהם קאן מאן בעקוממען דיא בעסטע שיפסקארטען פון דיא פיינסטע דאמפפער און ווען מיא שיקט דורך איהם געלד נאך אייראפא קומט דאס אן פינקטליך און ריכטיג אין פערלויף פון איניגע טעג.

יודעלאך זיינען שוין לאנג בעקאנט פאר מאמינים בני מאמינים, זייא האבען זעהער ליעב יעדען צו גלויבען און דרום גלויבען זייא אויך יעדען באנקיר אז ער איז אנ׳עהרליכער מאן, זייא טראגען צו איהם מיט פריידע זייערע שווער פערהארעוועטע דאללארס און ביי זייא איז קיין צווייפעל אז דאס געלד איז וויא אין אנ׳אייזערנעם קאסטען אריינגעליינט און חאטש עס

פערלייפט איין יאהר ניכט וואס איינגע פון די זא גענאנטע באנקירען האפען צו דאס גאנצע געלד וואס מיא האט זייא אנפערטרויעט אונ פליהען אוועק אין דער אלטער וועלט, פון דעסט וועגין פערליערען אונזערע יהודים'ליך זייער בטחון ניט אן אזעלכע באנקירען אונ טראגין זייער געלד צו אנדערע שווינדלער.

דער יונגער באנקיר קנאפפמאן איז דוכט זיך ניט לאנג געקומען נאך ניויארק, קיינער האט איהם ניכט געקאנט אונ קיינער האט פון איהם געוואוסט פון דעסט וועגען האט מאן געגלויבט אז ער איז איינער פון דיא עהרליכסטע לייטע. מיא האט איבעראל ערצעהלט פון איהם גאנצע וואונדער וואס זיינען ניט געשטיינען אונ ניט געפלייגען.

בעזאנדערס איז זיין נאמען גרויס געווארין צייט ער האט אנגעהויבען אריין צו געהן צו דעם מיליאנער בערינגטאן. דאס האט אלעמען געדינט אלס בעווייז אז ער איז ווירקליך זעהער רייך אונ בעזיצט אגראססין אונגעהייערען קאפיטאל, דאס האט אויך אלס פאקט געדינט אז ער איז אבראפער ארדענטליכער מאן, דען זאנסט וואלט ער קיין צוטריט געהאט אין בערינגטאנס הויז.

אפוואהל ער האט זיין באנק געשעפט גאר ניט לאנג געפינט פון דעסטוועגן וואר דא דיא בעשעפטיגונג זעהער גראסס, פון אלע זייטען זיינען געפלייגען מענשען אין דעם נייעם באנקהויז קויפען שיפסקארטען, אויסבייטען געלד אדער שיקן געלד נאך אייראפא. קנאפפמאן האט זיין ראליע פראכטפאל געשפיעלט, ער האט זיך געוויזען זעהר שטאלץ אבער דאביא אויך הערואבלאססענד. ער האט יעדען פון זיינע קאסטימער (קונדען) צו געווארפין אפריינדליכען בליק אדער אליעבליכען שמייכעל אונ אן זיין גאנצער האלטונג האט מאן געמוזט גלויבען אז ער איז קיין געוועהנליכער מענש, זאנדערן אמיליאנער בן בנו של מיליאנער.

דיא אוהר האט שוין געוויזען דיא צוועלפטע שטונדע, דיא צייט וואס אלע אמעריקאנער האבען אנגענומען פער דער דינער-טיים (די צייט פון עססען מיטאג), קנאפפמאן האט זיך שוין צוא געקליבען אוועק צוגעהען אין דעם רעסטאראן וואו ער פלעגט איממער עססען, אבער אין דער מינוט איז אריינגעקומען אבייגעקליידעטער מאן אונ צוא געהענד צו דעם יונגען באנקיר האט ער זעהער העפליך געזאגט! האב איך דיא עהרע צו שפרעכען מיט דעם מיסטער קנאפפמאן.

יא סער (הערר) דאס בין איך — האט קנאפפמאן געענטפערט.

מיין נאמען איז זימאן טויב — האט דער מאן געזאגט — איך גלויב אז איך האב שוין דיא עהרע געהאט אייך צוא זעהען ביא מיסטער בערינגטאן אויפן באל.

(אמ״נ ת״ב)

עם

עס איז זעהער מעגליך, איהר ווייזט מיר ווירקליך אויס זעהער קענטליך מיט וואס קאן איך אייך דינען?

איך דארף נאך פאריזש שיקען צעהן טויזענד דאללאר, האב איך דאס געוואלט דורך אייער באנק שיקען.

זעהער אנגענעהם.

ווייטער וויל איך וויסען צוא קאן איך ביי זייא קויפען אקציען פון דער „נייער עלעקטריק קאמפאניע“. איך וויל פאר הונדערט טויזענד דאללאר פון דיעזע אקציען קויפען.

פארלייפיג קאן איך אייך וועגען דעם גאר ניכט'ס ענטפערין, ווייל וויא איהר ווייסט בין איך אין אמעריקא דערווייל אגאסט. מיר זיינען נאך אונבעקאנט דער גרעסטער טהייל פון דיא היזיגע קאמפאניעס אונ זייערע אקציען, אבער איך וועל הייטע וועגען דעם נאכפארשונגען מאכען אונ וועל אייך קאנען מארגען אריכטיגען בעריכט געבען.

גוט. איך וועל ווארטען ביז מארגען. נוא וויא געהט עס מיסטער קנאפפמאן, בערייהעז זייא ניכט וואס זייא זיינען אין אונזער לאנד געקומען?

בערייהען? — האט קנאפפמאן לאכענד געענטפערט — דאס פאלט מיר ניט איין, אין גענצענטהייל איך בין מיט אמעריקא זעהער צוא פריעדען, ווייל דיא אמעריקאנער פערשטעהען צו שעצען אביזנעס מאן (אנגעשעפטסמאן). אין דער קורצער צייט וואס איך בין דא, האב איך שוין אגראססע ערפאלג געהאט, מיין געשעפט בעססערט אונ פערגרעססערט זיך פון טאג צוא טאג, איך בין שור (זיכער) אז מיין ערפאלג אין דיעזען לאנד וועט מיט דער צייט מעכטיג ווערען.

יא — האט טויב געענטפערט — אפעהיגער מענש קאן אין אמעריקא דאס גרעסטע גליק ערנייכען, אונ לויט איך האב פון אייך מיסטער קנאפפמאן גיהערט צווייפלע איך אויך ניכט אז איהר וועט ביא אונז פון טאג צו טאג אלין העכער שטייגען. איהר זייט וויא געשאפפין פר אמעריקא.

איך דאנקע הערר טויב פאר דער גוטער מיינונג. איך האף אז איך וועל אייך אימער אויך אלס מיין קאסטימער האבען.

געוויס. איך מוז אייך דאביא אויפמערקזאם מאכין אז איך בין אזא קויפמאן וואס קאן אבאנק געשעפט פיעלע איינטרעגע ברייגגען. ערשטענס קאן איך אליין פיעל געבען צוא פערדינען, צווייטענס האב איך אגרויסע בעקאנטשאפט אונ איך פערשפרעכע אייך פון אייערט וועגען צו טאהן אלעס וואס איך וועל קענען.

איך גיעב אייך מיין בעסטען דאנק פאר אייער פריינדשאפט מיסטער טויב. איך זאג אייך אויפריכטיג אז מיר פרייעט זעהער וואס איך האב אייך קענען גילערינט.

מיר איז איער פריינדשאפט אויך זעהער אנגענעהם אונ נאך אנגענעהמער וואלט מיר געוועזן ווען איך זאל אייך קאנען מאכען פאר מיין הויז פריינד.

זעהער שיין מיסטער טויב, מיט פערגעניגען וועל איך דיעזע עהרע עמפפאנגען זיך צוא ציילען צווישען איערע הויז פריינדע. ווערט איהר מיר ערלויבען אייך אבעזוך אבצושטאטען ?

צו איך וועל אייך ערלויבען פרעגט איהר. איך וועל דאס אלס גרעסטע עהרע בעטראכטען, אויך מיינע פרויא מיט מיין טאכטער וועלין מיט איער בעזוך זעהר, זעהר צופרידען זיין. מיסטער קנאפפמאן ווערט איהר איינוויליגען צו מיין פארשלאג ?

וואס איז דאס פאר אפארשלאג ?

פיעלייכט איז מעגליך איהר זאלט שוין מיט מיר נאך הויזע געהען. איך וועל אייך פאר מיין פאמיליע פארשטעלען אונ מיר וועלין דיא עהרע האבען מיט אייך צו זאממען מיטטאג עסען.

שוין ביא אונזער ערשטער בעקאנטשאפט זאל איך אייך שוין מיט אבעזוך בעלעסטיגען.

א, רעדט דאך ניכט פון בעלעסטיגען ליעבער פריינד, אונזער מיטטאג ווערט אונז דאפפעלט גוט שמעקען ווען מיר וועלין ביים טיש האבען אזא גאסט וויא איהר זייט. איך בעט אייך טוהט מיר דאס געפאלען אונ קומט מיט מיר. איהר ווערט געוויס ניכט בערייהען וואס איהר זייט געווארען מיינער אהויז פריינד.

גוט ! — האט קנאפפמאן נאך אקורצעס נאכדענקען געענטפערט — איך געה מיט אייך הערר טויב. מיר איז אימער זעהער אנגענעהם אלס פריינד אריינצוטרעטען אין דעם הויז פון עדלע פאמיליען.

איהר מאכט מיך גליקליך מיט דער עהרע וואס איהר בעוויזט מיר יעצט — האט זימאן ענטציקט אויסגערופען אונ האט זיך דאביא אין הערצען געקלערט: זאל יעצט מיין נארישע פרויא זעהען אז איך קאן אלעס אויספיהרען בעסער וויא געוואונשען.

ט'

אונטער פיער אויגען.

וואס זיצסט דוא אזויא פערטראכט בערנארד ? — האט דארא געפרעגט בערינגטאנען וועלכער איז געזעסען אין זיין וויעגשטוהל שטארק פערטיעפט אין געדאנקען.

נאר ניכטס — האט בערינגטאן געענטפערט.

וואָרום ווילסט דוא מיך איינבילדען אז דאס איז גאר ניכט'ס, פערשטעהט איך דען ניכט אז דיין פערטראכטהייט האט אַנעווויסע אורזאכע?

דאס איז אַנ'אונבעדייטענדע אורזאכע.

זאָל זיין וואס עס איז, אבער איך בין זעהער נייגעריג צוא וויסען וואָרום דוא ווייזט אויס זא אונרוהיג?

איך מוז דיר דיא וואַרהייט זאָגען דאס מיך בעאונרוהיגט דיא גניבות וואס האבען אין דער לעצטער צייט בייא אונז שטאטגעפונדען.

איך דערקען דיך גאר ניכט בערנארד. דוא האסט קיין מאָל אַשאָדען אַזויא ניכט בעדויערט וויא היינט.

איך בעדויער ניכט דעם שאדען, זאָנדערן איך בין אונרוהיג פון דעם וואס נאך מיינער מיינונג איז דער דיעב אַהיימישער.

אַהיימישער?

יא דארא, אַזויא שיינט מיר, אונ וויא באַלד דאס איז אַהיימישער דיעב זיינען מיר דאך אימער אין געפאהר, איך רייד שוין ניכט פון דעם געלד וואס ער קאן גנבענען, אבער דאס קאן פיהרען צוא אַנרעסערען אונגליק, דען פון גניבה צו מארדטהאטען איז ניכט וויט.

צופיעל ליעבער בערנארד שרעקסט דוא זיך. בייא אונז אין הויז זיינען קיינע מערדער פערהאנדען. אבער איך פערשטעה אַן דיר אז דוא האסט עטוואס בעמערקט פערדעכטיגעס אין איינעם פון אונזערע מענשען.

בערנארד האט געשוויגען.

דוא שווייגסט מיין ליעבער בערנארד? דוא ווילסט מיר דיא וואַרהייט ניכט געשטעהען? רייד דאך מיט מיר אָפפען, דען גראדע מיט דיין שווייגען מאכסט דוא מיך אויך שרעקליך אונרוהיג.

איך וועל דיר אַלעס געשטעהען דארא. פיעלייכט וועסט דוא וועגען דער זאך בעסער אורטהיילען אַלס איך. אונזער בויכהאַלטער ספרינגסאל האט מיך אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם נייעם קלערק וואס איך האב ניכט לאנג צוגענומען. ווען איך זאָל זיינע ווארטען גלויבען איז דער קלערק דער דיעב וואס האט בערויבט אונזערע געסטע אונ האט פון דער קאסע דיא דרייסיג טויזענד דאללאר צוגענומען.

ווער איז דער קלערק?

דוא האסט איהם איינמאל דא געזעהען, זיין נאָמען איז דארף.

אה! דאס איז דער רוססישער יונגע?

יא דעם מיין איך.

וואס האט ספרינגסאל פון איהם ערצעהלט?

ער האט ערצעהלט אז ער האט בעמערקט, וויא דיעזער יונגע האט זיך זעהער אויפמערקזאם צו געקוקט אַלס מיא פלעגט דיא קאסע עפענען.

עס וואר לייכט צו פערשטעהען דאס ער האט געוואלט ערפאהרען דיא געהיימניסם פון דער עפענונג .

נוא אונ דוא שווייגסט ?

וואס ווילסט דוא זאל איך טאהן ?

ווארום ארעטירסט דוא איהם ניט ?

איך וועל דיר זאגען דיא ווארהייט דאס איך קאן ביי זיך ניט רעכט מאכען דיעזען יונגען מאן צו פערהאפטען , ווייל מיר גלויבט זיך אלץ ניט דאס אז ער איז אדיעב .

ווארום גלויבסט דוא דאס ניט ?

ווייל איך בעמערק אין איהם קיין צייכען פון אדיעב . איך האב הייטע מיט איהם גירעדט וועגען דיא גנבות וואס ביי אונז האבען אין דער לעצטער צייט געטראפען אונ ער האט מיט מיר זא קאלט גירעדט , דאס איך האב זיך זעלבסט געמוזט געשטעהען אז ער איז דאך א׳ן ערהליכער מאן .

דוא ביזט צו גוט מיין ליעבער מאן אונ עס וועט מיר דארום קיין וואונדער זיין וואס מיט דער צייט וועט מען דיך אין גאנצען בערויבען .

ביז אהער האט מען מיך נאך ניט בערויבט ? — האט בערנארד שמייכלענד געזאגט .

ווען עס טרעפט זיך איין מאל אנס , דארף מען זיך ניט שטענדיג פערלאזען אויף נסים . איך זאג דיר בערנארד דוא זאלסט ענטוועדער דעם יונגען מאן פערהאפטען , אדער דוא זאלסט איהם פון דיין אפפים ארויס טרייבען , דען אהיימישער דיעב איז ווירקליך קיין קלייניגקייט .

איך וועל נאך ווארטען אשטיקעל צייט , פיללייכט וועט זיך הערויס ווייזען ווער דער ווירקליכער דיעב איז , דען דיא פעהיגסטע דעטעקטיווס פון ניויארק זיינען בעאויפטראגט געווארין דיא דיעבע צו זוכען אונ זייא וועלין געוויס דיא ווארהייט ענטדעקען . פון דעם שאדען האב איך קיינע גרויסע שמערצען , דען איך בין שוין צו אזעלכע שאדענס געוואהנט געווארין , מיר טוהט נור לייד וואס אונזערע געסט , וועלכע זיינען געקומען פערגעניגען האבען אויף אונזער באל , זיינען ביי מיר אין שטוב בערויבט געווארין , אויך דער יונגער באנקיר קנאפפמאן האט אגרויסען שאדען געהאט , דען זיין גאלדענע אוהר מיט דער קייט זיינען אויך פערלארען געגאנגען .

ביי איהם שפיעלט אויך דער שאדען קיין גרויסע ראליע אונ צוליעב דעם וועט זיין פריינדשאפט צו אונז ניט פערקלענערט ווערין .

יא, דאס גלויב איך אויך , איז ער דא נאך הייטע ניט גיוועזן ?

ניין ! אבער איך מוז דיר זאגען ליעבער בערנארד דאס איך וואלט זעהר צו פריעדען גיוועזן ער זאל קיין מאל צו אונז ניט קומען .

(אמ״ג ח״ב) וואָרום

וָוארום ?

ערשטענס האט ער אויף מיר זעהער אשלעכטען איינדרוק געמאכט, צוויי־טענס שענקט איהם אונזער לווירא דיא מינדעסטע אויפמערקזאמקייט ניט, דאס איז אבעווייז אז ער איז איהר אויך ניט גיפעלען, מיך וואונדערט זעהער וואס דוא ביזט פון איהם אזויא ענטציקט, איך ווייס גאר ניט ווארום ער גיפעלט דיר אזויא ?

מיר גיפעלט ער ווייל איך פינדע אין איהם קיינע פעהלער זאנדערן לויטער מעלות, ער איז אנעאיבטער קויפמאן, אהיבש ביסעל געבילדעט אונ דערצו פון אגרויסער פאמיליע. דאס וואס ער גיפעלט דיר ניט איז מיר אויך קיין וואונדער, ווייל איך ווייס שוין לאנג אז דיא געבארענע אמעריקאנישע יודען פיהלען אנ׳אנטיפאטיע צו דיא רוססישע יודען.

דאס האסט דוא שוין אגרויסען אירטהום בערנארד, דוא דארפסט מיך שוין קאנען אז ביי מיר שטעהען אלע מענשען גלייך ארוססע צו אפראנצאזע אדער אדייטש אלע זיינען ביי מיר גלייכע מענשען.

דאס מיינסט דוא אזויא, אבער אין דער ווירקליכקייט האט דער רוססישער יוד ביי דיר קיין אכטונג, דעם בעווייז האב איך דעם מיסטער קנאפפמאן אז אבוואהל ער איז אפאלקאמענער מאן פון דעסט וועגען גיפעלט ער דיר ניט.

אונ דיר האט זיך קיין מאל געמאכט, אז אפאלקאמענער מאן וואס דיא וועלט אכטעט איהם זעהער אונ דיר איז ער ניט געפעלען גע־ווארען ?

יא, דאס האט מיר אויך געטראפען, אבער ביי אזא פאל האב איך געהאט אנ׳אורזאכע צו דער פעראכטונג וואס איך האב אזא מענשען גע־שענקט. דא פעראכטעסט דוא אבער אמענשען גאר אהן דער מינדעסטער אורזאכע.

אבער זאל שוין זיין גענוג פון דעם צו ריידען — האט דארא אונגעדולדיג געזאגט — דוא ווילסט איך זאל איהם אויך אכטען אונ שעטצען ? נוא וועל איך דאס דיר צוליעב טאהן. אבער וואס אנבעלאנגט אונזער לוויראן, זאג איך דיר אז ביי איהר וועסט דוא דאס ניכט אויספיהרען. זיא וועט קנאפפ־מאנען ניט ליעבען.

איז דאס פיעלייכט דערפאר וואס זיא איז צופיעל אינטים מיט יאהן עפינגער ? — האט בערנארד ביין זיך אויסגעדריקט.

אונ איך פערשטעה דיך גאר ניט בערנארד — האט שוין אויך דארא ביין געזאגט — דוא מוזט מיינען אז מיר זיינען אין רוססלאנד, וואו עלטערען האבען דיא פרייהייט זיך איינצומישען אין זייער קינדס געפיהלע. ווען זייער טאכטער ליעבט דעם, ווילען זייא זיא צווינגען זיא זאל ליעבען אנ׳אנדערן דעם וואס זייא האבען ליעב. דוא האסט וויא מיר שיינט גאר פערגעססען אז אין

אַמֶעריַקא הָאבֶּען דיא אונְמֶענְשְׁלִיכְקַייטֶען שׁוין לַאנְג אויפְגֶעהֶערְט צוּ עֶקְסֶעקְ‑טִירֶען. אויב לוויראן גִיפֶעלְט ווירְקְלִיךְ עפּינגער זָאל זיא מִיט אִיהם הַייראַטְהֶען אוּנ אִיךְ וועל דִיא עֶרְשְׁטֶע אִיהר דַאצוּ מַיין זֶעגֶען גֶעבֶּען.

אוּנ דִיךְ וועט גָאר נִיט אַרֶען וָואס דַיין שְׁווִיעגֶערְזָאהן וועט זַיין פוּן אַנְ'אַנְדֶער נַאצְיָאן אוּנ פוּן אַנְ'אַנְדֶער רֶעלִיגִיָאן?

אָבֶּער אוּם גָאטֶעס ווילֶען בּערנארד צוּ קָאנְסְט דוּא בֶּעפֶעהלִין אַמֶענְשֶׁען עֶר זָאל לִיעבֶּען דֶעם וָואס עֶר הַאסְט אוּנ הַאסֶען דֶעם וָואס עֶר הָאט לִיעבּ?

דָאס קָאן אִיךְ נִיט, אָבֶּער אִיהם אויפְקְלֶערִין אַז עֶר טוּהט דַאמִיט אַפֶּעהלֶער, דָאס אִיז מַיין שׁוּלְדִיגְקַייט. דוּא קָאנְסְט מִיךְ גַאנְץ גוּט דארא, דוּא ווייסְט אַז אִיךְ בִּין קַיין פַאנַאטִיק, דֶער יוּד שְׁטֶעהט אִין מַיינֶע אויגֶען נִיט הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְדֶענְטְלִיכֶען קְרִיסְט, אִיךְ בִּין נִיט פוּן דִיא יוּדֶען וָואס שְׁרַייֶען אַז מִיר זַיינֶען דִיא אַתָּה בְחַרְתָּנוּנִיקֶעס, אָבֶּער דֶער גְלַייכֶער פֶערְשְׁטַאנְד זָאגְט אַז וֶוען אַמַאן מִיט אַפְרוֹיא פוּן פֶערְשִׁיעדֶענֶע רֶעלִיגְיָאנֶען פֶערְבִּינְדֶען זִיךְ אוּם אַלְס מַאן אוּנ ווַייבּ צוּ לֶעבֶּען, וועט זַייעֶר פֶערְבִּינְדוּנְג קַיין גְלִיק בְּרֵיינְגֶען.

דָאס הָאסְט דוּא ווַייטֶער אַנְ'אִירְרְטְהוּם, זֶעהסְט דוּא נִיט אויף שְׁרִיט אוּנ טְרִיט אִין אַמֶעריַקא וויא אַזֶעלְכֶע פֶערְשִׁיעדֶע מֶענְשֶׁען פֶערְהַייראַטֶען זִיךְ אוּנ לֶעבֶּען גַאנְץ גְלִיקְלִיךְ?

דוּא קָאנְסְט נָאךְ נִיט זָאגֶען אַז זַייא לֶעבֶּען גְלִיקְלִיךְ, דֶען דָאס לֶעבֶּען פוּן אַזַא פָּאאר פָאלְק אִין אַפְרֶעמְד הויז פַאר פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען אִין דִיא אויגֶען אִיז אַנְדֶערְשׁ אַלְס זַייעֶר לֶעבֶּען בַּייא זִיךְ אִין דֶר הֵיים... אָבֶּר מִיר דַארְפֶען גָאר נִיט רֵיידֶען פוּן דֶעם פַאמִילְיֶען גְלִיק פוּן אַזַא פָּארִיל. אִיךְ זָאג דִיר אַז מִיךְ וועט דָאס זַייעֶר קְרֵיינְקֶען וֶוען אוּנְזֶער לוירא וועט הַייראַטֶען אַקְרִיסְט וֶוען עֶר זָאל זָאגָאר זַיין דֶער פַיינְסְטֶער מַאן, דוּא קָאנְסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבִּין לוויראן אוּנ וֶוען בַּייא אִיהר וועט רֶעכְט זַיין אִיהר גְלִיק צוּ קוֹיפֶען דוּרְךְ דֶעם פָאטֶערְס קְרֵיינְקוּנְג דַאן פֶערְשְׁטֶעהסְט דוּא זֶעלְבְּסְט אַז דִיא הֵייסֶע פָאטֶערְלִיכֶע לִיעבֶּע וָואס אִיךְ הָאבּ אִימֶער גֶעפִיהלְט צוּ אִיהר וועט פֶערְלָאשֶׁען וֶוערִין.

עֶר אִיז בַּייא דִיא ווערְטֶער אויפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן זַיין אָרְט אוּנ אִיז אִין אַנְ'אַנְדֶער צִימֶער אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען.

דוּא בִּיזְט אַנְ'עֶגָאאִיסְט מַיין לִיעבֶּער בּערנארד! — הָאט דארא פַאר זִיךְ גִירֶעדְט אַלְס זִיא אִיז אַלֵיין גֶעבְּלִיעבֶּען — דוּא הָאסְט דָאס גָאר נִיט גֶעמֶאַרְט זָאגֶען, אָבֶּער דוּא הָאסְט דָאס שׁוין יַא גֶעזָאגְט אוּנ דַיין קְרֵיינְקוּנְג וועט אויךְ מִיר שְׁמֶערְצֶען פֶערְשַׁאפֶען. מִיר אִיז שְׁלֶעכְט אִין בֵּיידֶע זַייטֶען, דָאךְ וועל אִיךְ מִיךְ פְּרִיוֶוען רֵיידֶען וֶועגֶען דֶעם מִיט לוויראן, פִיעלֵייכְט הָאבֶּען מִיר אַנְ'אִירְרְטְהוּם אִין דֶעם וָואס מִיר מֵיינֶען אַז זִיא לִיעבְּט עֶפִּי‑

גערן, דאן וועט דאס מיך זעהער פרייען, אבער ווען זאגאר עס וועט זיך אזויא ארויס ווייזען וועל איך איהר אויך ניט צו ריידען זיא זאל הייראטען דעם באנקיר קנאפפמאן, ווייל ער גיפעלט מיר גאר ניט.

יא.

זיסעל? — האט בערטהא ערשטוינט אויסגערופען אלס דיא טיהר פון איהר צימער האט זיך געעפינט אונ זיסעל דארף איז אריינגעקומען — וויא קומסט דוא אהער אין אזא צייט? איך האב שוין געקלערט געהן שלאפין ווייל דיא אוהר צייגט שוין דיא עלפטע שטונדע.

איך האב היינטע געמוזט בייא דיר זיין מיין לעבען — האט זיסעל מיט אפערנגענט שמייכעל געענטפערט.

דוא האסט היינטע געמוזט בייא מיר זיין? — האט זיא נייגיעריג געפרעגט — האסט דוא דען וויכטיגע נייעס מיר מיט צוטהיילען?

דאס ווענדעט זיך אן דיר וויא דוא וועסט דאס בעטראכטען.

עפעס רעדסט דוא מיט מיר אויף שטום לשון.

בייא אזא נייעס וויא איך האב דיר געבראכט דארף מאן ווירקליך פיעל ניכט ריידען, דען דיא נייעס אליין וועלין פאר מיר שפרעכען.

ער האט בייא דיא וואָרטען ארויסגענומען דיא צווייא רינגען מיט דעם בראסלעט אונ האט זייא איהר איבערגעגעבען מיט דיא וואָרטען: דיעזען קליינעם פריזענט האב איך דיר מיינע זיסע בערטהא געבראכט, אלס צייכען פון מיין הייסע ליעבע אונד פריינדשאפט צו דיר.

אך וואס פאר שיינע רינגען אונ וואס פר אפראכטפאלע בראסלעט דאס איז! — האט בערטהא אויסגערופען — מיא קאן מיינען אז אין זייא זיטצען עכטע ברילאנטען.

זיססעל האט אפילו אנפאנגס איהר געוואלט ערקלערען אז דאס זיינען ווירקליך עכטע ברילאנטען אונ ער האט זייא געקויפט אלס מציאה, ער האט זיך אבער באלד בירעכינט אז דאס איז קיין פלאן ניכט, דען דיא גוטע עדלע בערטהא וועט קיין פערגעניגען געפינען אין אזא זאך וואס יענער האט פערקויפט אויס נאטה, דארום האט ער זיך יעצט בעשלאסען זיא צו נארען אונ ער האט דארום גיענטפערט: אבער יא מיין לעבען זייא ווייזען אויס וויא עכטע ברילאנטען?

איך בין אויף ברילאנטען קיין פערשטעהערין — האט זיא גיענטפערט — אונ ווען איך זאל דיא זעלבע ציערונג זעהען אויף אנ'אנדערר וואלט איך גאר ניכט געצווייפעלט אז זייא זיינען פון גראססער ווערטה. וויפיעל האסט דוא פאר זייא בעצאהלט זיססעלע?

(אמ״ג ח״ב) פינת

פינף אונד צוואנציג דאללאר.

וואס? פינף אונד צוואנציג דאללאר? אזוי פיעל געלד האסט דוא מיט איין מאל אויסגעגעבען אויף שמוק?

דאס איז גאר ניכט אזא גרויסע סומע וויא דוא זאגסט, איך ווינש מיר גאטט זאל מיר העלפען איך זאל פאר דיר קאנען קויפען ציערונג פאר הונדערט טויזענד דאללאר.

דוא מוזט מיינען זיסעלע אז איך ליעב מיך נעהער אין ציערונג — האט בערטהא מיט איהר זאנפטען שמייכעל געזאגט.

דאס ווייס איך אז דוא געהערסט ניכט צוא דיא פרויען וואס פאר ציערונג וואלטען זייא זייערע נשמות אבגעגעבען, אבער וויא באלד דיא וועלט האט אנגענוממען אז א פרויא דארף האבען שיינע ציערונג, וויל איך אז מיינע פרויא זאל דאס אויך האבען. מיר וועט זעהער אנגענעהם זיין צו זעהען דיך מיינע זיסע ליעבע בערטהא טראגענדיג דיא שמוק וואס איך האב פאר דיר געקויפט.

אללרייט! ווען דיר פערשאפט דאס פערגעניגען, וועל איך דאס אויך מיט פערגעניגען טראגען. איך דאנק דיר זעהער מיין טהייערער דערפאר וואס דוא האסט מיך אזויא שטארק אין זינען, דיעזען פריזענט וועל איך אלס היילינטהום בעטראכטען. איך וועל ניכט פערגעסען אז דאס האסט דוא מיר געגעבען. דיר מיין נשמה קאן איך דערווייל קיין אנדער מתנה געבען וויא נור א הייסען קוש.

קאן דען אין דער וועלט געבען א טהייערערע מתנה אלס דיין קוש איז? — האט ער מיט אנליקליכען שמייכעל געזאגט — גיעב איהם אהער מיין געלד.

אונ אלאנגער הייסער קוש האט באלד איבער דעם צימער אקלונג געטאהן.

אבער מיין ליבר זיסעלע — האט ענדליך בערטהא געזאגט — דורך דעם וואס דוא האסט יעצט אויסגעגעבין גאנצע 25 דאללאר, האסט דוא דאך זיך זעהער ענג געמאכט אין פאקעט (קעשענע).

זארג ניכט בערטוניא. דאס געלד האב איך ניכט מיט איין מאל געגעבען, איך האב דאס גענומען אויף אויסצאהלען. איך פערדין דאך גאטט זייא דאנק געלד, דאס ווייסט דוא, נוא וואס פאר א בעטרעף וועט בייא מיר האבען יעדע וואך אויסצוצאהלען צוויא דאללאר.

ביזט דוא געסטערען געגאנגען ספאצירען אין צענטראל פארק?

יא, איך בין געגאנגען מיט דעם מיסטער ספרינגסאל.

אלאנגע צייט האט איער ספאציער געדויערט?

אונגעפעהר זעקס שטונדען.

אזויא לאנג?

דאס איז גאר ניכט לאנג, ביז מיא געהט דורך דעם פארק אונ ביז מיא פאהרט צוריק מוז געהמען אציים פון זעקס שטונדען.

וואס האט איהר דארט געטאהן?

ווייסט ניט וואס מיא טוהט אויף אקספאציער, מיא געהט, מיא שטעהט, מיא זיצט, מיא קוקט אונ זא ווייטער.

וועגען וואס האט איהר גירעדט?

דוא שטעלסט מיר מערקווירדיגע פראגען היינט ליעבע בערטהא. קאן איך דיר דען אויס דערציילען אלעס וואס מיר האבען גירעדט? געוועהנליך רעדט מאן פון פערשיעדענע זאכען. פון גישעפט, פון פאליטיק אונ גלאט פון פערשיעדענע זאכען.

מעהר ניט וויא איהר ביידע זייט ספאציערען געגאנגען?

וואס הייסט מיר ביידע? אין צענטראל פארק געהען ארום טויזענדער מענשען ספאציערען.

איך פרעג ניט דאס. דוא פערשטעהסט מיך ניכט. איך פרעג צו אין אייער געזעלשאפט האט זיך קיין אנדער פערזאן געפונען?

ניין.

ווייס ספרינגסאל אז דוא האסט א כלה?

יא.

דוא האסט דאס איהם ערצעהלט?

ניין! אבער יעמאנד האט אונז ביידען גיזעהען ארום געהענדיג, האט ער דאס איבערגעגעבען ספרינגסאלן.

אונ דוא האסט איהם ניכט געזאגט ווער דיין כלה איז?

ניין, איך האב דאס איהם ניכט געזאגט, ווייל ער האט מיך וועגען דעם ניכט געפרעגט.

דוא זאלסט דאס איהם ווייטער אויך ניכט זאגען.

ווארום?

דאס דארף ער ניכט וויסען.

אבער מיינע ליעבע בערטהא — האט זיססעל ערשטוינט געזאגט — איך האב שוין לאנג פערשטאנען אז דוא קאנסט ספרינגסאלן זעהער גוט אונ דוא בעטראכסט איהם אלס שלעכטען פערדארבענעם מענשען. איך בין זעהער נייגעריג צוא וויסען וויא קומסט דוא צוא איהם אונ וואס פאר שלעכטעס האסט דוא אין איהם בעמערקט.

דאס קאן איך דיר ניכט ערקלערען.

מיר קאנסט דוא דאס ניכט ערקלערען? פאר מיר האסט דוא געהיימניססע?

דאס איז אזא געהיימניס וואס איך קאן דאס זאגאר דיר ניכט זאגען,

נור דאס איינע וואס איך האב דיר געזאגט ווידער האלע איך יעצט אבער־מאלס, היט זיך פאר דיעזען סובּיעקט, דען ער איז דער טייפעל אליין.

דיינע ווארטען קלינגען זייער זאנדערבאר אין מיינע אהרען. מיט יעדען ווארט מאכסט דוא מיך אלץ מעהר נייגיעריגער. איך בעט דיך בערטוניא, ערצעהל דאך מיר פון וואגען קאנסט דוא ספרינגסאלן אונ ווארום בעטראכסט דוא איהם אלס דעם ערנסטין מענשען אין דער וועלט?

איך האב דיר איין מאל געזאגט אז דאס קאן איך דיר ניכט זאגען.

אבער פאר וואס בעמערקט מאן אין אונזער געשעפט קיין פאלשקייט אונ קיין ניעדערטרעכטיגקייט פון איהם. מיין פרינציפאל איז זעהער אקלוגער פראקטישער מענש, וויא וואלט ער ניכט פערשטיין אז דיעזער ספרינגסאל האט ניכט פערדיענט צו בעטרעטען ביי איהם אבוכהאלטער שטעלע?

אויף אזעלכע זאכען פרעגט מאן ניכט. דאס וועסט דוא יעדען טאג אונ יעדע שטונדע בעמערקען, וויא ניעדערטרעכטיגע פערזאנען קויפען זיך דורך שמייכעלען אונד בעטרוג דאס צו טרויען פון ארדענטליכע לייטע.

איז וויר֗קליך ספרינגסאל אפערדארבענער קעריל?

ער איז דער טייפעל אליין.

איך גלויב דיר. געוויס וועסט דוא ניכט זאגען אזא זאך אויף אמענשען בעפאר דוא ביזט געוויא איבערציינט אין זיין פערדארבענהייט. איך וועל מיך פון היינטע אן אונ ווייטער געוויס פאר איהם היטען וויא פאר אגיפטיגע שלאנגע. אבער דאס איינע ביטע איך דיר מיינע גאלדענע בערטהא, זאג מיר אין וואס בעשטעהט זיין פערדארבענהייט?

דאס פרעגסט דוא וויא אקינד. אונטער דעם ווארט „פערדארבען" פערשטעהט מאן אלעס, גנב, רויבער, מערדער אונד שווינדלער.

אויב אזויא קאן דאך זיין אז דאס געלד וואס מיא האט ארויסגענוממען פון מיין פרינציפאלס קאססע איז אויך זיין ארבייט.

עס קאן זיין? — האט בערטהא מיט אביטערן שמייכעל גיענטפערט — דאס איז געוויס אזויא. ביי מיר איז דאס קיין צווייפעל אז דאס געלד האט ענטוועדער ער אליין ארויסגענוממען, אדער ער האט אנגעשטעלט אנדערע מענשען פון זיין זיסער חברה זייא זאלען דאס ארויסנעהמען.

דארף מאן דאך זאגען דעם הערען בערינגטאן.

דוא זאלסט דאס ניכט זאגען.

ווארום?

ווייל דוא ביזט מיט דיין לעבען ניכט זיכער ווען דער אונמענש וועט ערפאהרען אז דוא האסט וועגען איהם שלעכטעס גירעדט פאר זיין פרינצעפאל.

בערטהא! אום גאטטעס ווילען! ערקלער דאך מיר פון וואגען קאנסט דוא איהם אזויא גענויא.

דאס וועט דיר קיינע נוטצען ברייגגען ווען דוא ווערסט דאס וויססען.

ווען האסט דוא צייט געהאט דאס אלעס צו ערפאהרען? דוא ביזט דאך אהער געקוממען גלייך מיט מיר.

איך בעט דיך פרעג מיך ניכט, דען איך וועל דאס דיר ניכט זאגען.

נוא ווען דוא ווילסט ניכט וועל איך דיך ניכט צווינגען. אבער מיא מוז דאך פארט דעם הערצען בערינגטאן געבען פון דעם צו וויססען, מיא קאן דאך איהם בדלות שטעלען.

דוא זאלסט זיך אין דעם ניט מישען. איך גלויב אז בערינגטאן אליין וועט מיט דער צייט זיך ארום זעהען וואס פאר אסובייעקט זיין בוכהאלטער איז. איך בעשווערע דיך נאך אמאל זיססעלע, דוא זאלסט וועגען דעם מיט דיין פרינציפאל גאר ניכטס ריידען, אויב דוא ווילסט ניכט אין גרעסטען אונגליק שטירצען.

איך וועל דאס דיר צוליעב טאהן אונ וועל וועגען דעם מיט איהם ניכט ריידען — האט זיססעלע איהר פערזיכערט — אלזא, אגוט נאכט מיין נשמה. איך ווינש דיר דוא זאלסט דיא ביסעל שמוק וואס איך האב דיר געגעבען טראגען געזונדער הייט.

אונ איך דאנק דיר פאר דיין שיינע מתנה אונ פאר דיין הערצליכען זעגען מיין טהייערער.

ער האט איהר דיא האנד געדריקט, אבערמאלס האבען זיך זייערע ליפען בעגעגנט, אבערמאלס האט אלאנגער קוש איבער דעם צימער אקלונג געטאהן אונ זיססעלע איז אוועקגעגאנגען.

דאס איז אזא רעטהזעל וואס איך קאן ניכט פערשטעהן — האט ער געזאגט אלס ער איז פון דעם הויז ארויסגעגאנגען — וויא קומט בערטהא צו ספרינגטאלען. פון וואנען קאן זיא איהם אזויא גוט אונ וואס פאר שלעכטס האט זיא אין איהם בעמערקט וואס זיא איז אזוי א איבערציינט אין זיין פערדארבענהייט.

יב.

דיא ערפרייעטע פרויא.

אבריעף פון אמעריקא! דאס איז פון מיין יודעלען!

אזויא האט מאליא פיינהערץ איבערראשט אויסגערופען, אלס דער ברי־עפטרעגער האט איהר אבריעף איבערגעגעבען.

מיט אקלאפפענדעס הערץ האט זיא דעם בריעף געעפינט אונ ווירקליך דאס וואר פון יודעלען, זיא האט געלעזען פאלגענדע ווארטען:

מיינע טהייערע ליעבע מאליא !

איך בין שוין גאטט זייא דאנק אין אמעריקא , אין דער גרויסר וועלט שטאדט נויארק , איך בין בשלום דעם גרויסען אקעאן דורכגעפאהרען אונ איך זעה פאר זיך יעצט דיא נייע וועלט פון וועלכער מיר האבען געטרוימט אין רוסס-לאנד , דיא נייע וועלט וואס טויזענדער פון אונזערע ברידער בעטראכטען יעצט אלס זייער צופלוכטסארט פאר דיא שלעכטע ביטערע צייטען .

אמעריקא האט פערדינט מיא זאל זיא אלס צופלוכטסארט בעטראכטען פאר אלע אונגליקליכע , דען זיא איז אפרייע וועלט פאר אללע מענשען , אין איהר איז קיין אונטערשיעד פערהאנדען צווישען נאציאנען אונד רעליגיאנען , קוים איז מען אמענש מיט גוטע פעהיגקייט אונ מיט אגוטען כאראקטער קאן מאן דא זעהער גליקליך אונ צופריעדען לעבען , דארום האף איך אויך אז איך וועל דא מיט דער צייט מיין ציעל ערגייכען אונ וועל דא געפינען דאס גליק וועלכעס איז פאר מיר אין רוססלאנד אנטלאפען געווארען .

פארלויפיג בין איך דא אגאסט ביא אונזער פריינד אהרן דארף אין שטוב. אהרן דארף מיט זיין פאמיליע האבען שוין זייער ציעל וויא ערגייכט , דען זייא לעבען זיך דא גאנץ רוהיג, מען קאן זאגאר זאגען גליקליך , דען עס האט זיך געפונען אגוטער עדלער מאן וואס האט זיינע פליגלען אויף דיעזער פאמיליע אויסגעשפרייט. אהרן אליין טוהט דערווייל גאר ניכטס , ער האט גענוג געלד, ער דענקט אגישעפט צו עפענען, אונ מיין פריינד זיססעלע האט אשטעלע בעטראטען ביא דעם זעלבען וואהלטהעטער , וואס האט זייא פון גרעסטען נאטה גירעטעט . איהם ערווארטעט אגלענצענדער צוקונפט .

איך טוא דערווייל גאר ניכטס , אבער איך ערווארטע דורך אהרנס וואהלטהעטער אויך אגליקליכען ציעל צו ערגייכען , דען ער איז אגרויסער ליעבהאבער פון בילדער אונ איך מאל יעצט זיין בילד , ווען עס וועט פערטיג ווערין וועל איך דאס צו איהם אביינטראגען אונ איך האף אז ער וועט דורך דעם פערשטעהען מיין טאלענט אונ וועט מיר העלפען אהייבע שטופע צו ערגייכען .

מיין נראסספאטער איז דערווייל פון אמעריקא שטארק אונצופריעדען , דען איהם פעהלט דא זיין בית מדרש , זיינע גמרות אונ זיינע מענשען , אבער ער וועט מיט דער צייט צו אמעריקא געוואהנט ווערין אונ ווען נאט זאל מיר נור העלפען מיין ציעל צו ערגייכען וועט ער זיין לעצט ביסעל יאהר זעהער גליקליך דורכלעבען .

מיין איינציגער וואונש בעשטעהט נור אין דעם איך זאל דיך מיינע טהייערע קאנען אהער ארויס נעהמען אום מיר זאלען צוזאממען לעבען , איך בין פעסט פערזיכערט אז דאס וועט גאנץ גיך גישעהן אונ דוא וועסט ווערין איינע פון דיא אמעריקאנישע גליקליכע לײדים .

יא מיין זיססע מאליע , דוא קאנסט מיך גראטולירען מיט אנייעם

(אמ״ג ח״ב)

נאמען

נאמען, איך האב מיין פאמיליענאמען אויסגעביטען אויף גראהעם, ווייל דאס איז אנ'עכטער אמעריקאנער נאמען, אונ ווייל איך דענק אנ-עווינער אמעריקאנער בינער צו פערבלייבען, וויל איך פון זיך ארונטער-ווערפען אלעס וואס שמעקט מיט דער אלטער היימאט.

איך האב דערוויל ניט צו שרייבען וואס מעהר דיר, גערוסע דיינען פאטער וויא אויך אלע אונזערע פריינדע, איך פערבלייב דיין עוויגליעבענדער מאן — יודא גראהעם.

דיעזער קליינער בריעף האט אונזער מאליען וויא נייא בעלעבט, זיא האט איהם געקושט אונ פון איהרע אויגען האבען זיך געגאסען פריידענ-טרעהנען.

אבי גאט זייא דאנק מיין יודעלע איז שוין אין אמעריקא קאן איך אויף אנגליקליכען צוקונפט האפען — האט זיא העכסט ערפרייעט אויסגערופען, אונ נאך בעפאר זיא האט צייט געהאט דיא טרערען אויסצווישען האט זיך דיא מיהר ניעפינט אונ ציפה גרונה דיא שולזאגערין איז אריינגעקומען מיט אנ'אבדיראק (אנ'אבגעפליקטע גאנז) אין דער האנד.

מלכוניא! — האט זיא געזאגט — אפשר וועט איהר בייא מיר קויפען דעם אבדיראק? זעהט נאר וואס פאר אגאנז דאס איז גאלע שמאלץ, הלואי אזעלכע אבדירקעס זאל מען זוכה זיין צו עססען בייא אלע אונ-זערע ליעבע אויף חתונות, דאס איז גיוועז אנ'איינענע האדוליע (אליין געהאדעוועט).

ניין ציפע גרונע, איך וויל יעצט קיין גאנז קויפען — האט מלכה גע-ענטווערט.

פאר וואס, זאלט איהר מיר געזונד אונ שטארק זיין, דוכט זיך איהר זייט שוין געוואהנט געוואריז צו עססען אגוט געגזעל, הלואי זאל איך דאס איצט דעם איינעמס האבען וואס אייער מאמע האט אבגעצאלט פאר אבדירקעס, דוכט זיך אז דיא גענז וואס מיא האט אויפגינגעססען אויף אייער חתונה האבען אנגעטראפען אנאנצען גדן.

אבער איך וויל יעצט קיין גאנז קויפען.

פאלגט מיך מלכה לעב, קויפט אב דעם אבדיראק, וואס איר וועט מיר פאר איהם ווינשען זאל דאס מאקי מיר נישעהען, ער וועט פשוט צוגעהן אין מויל, איך האב סך הכל געהאט דרייא אזעלכע אבדירקעס, האט איינעם אבגעקויפט חאצקעליכע, דעם צווייטען זימעליכע אונ דעם דריטען האב איך אייך געבראכט, איך וועל בייא אייך קיין סך געלד פאר איהם ניט בעטין אין האלבע רובעל, קויפט מלכוניא אונ זאל אייך וואול בעקומען.

בייא דיא ווארטען, האט זיא דעם אבדיראק אוועקגעליינט אויפן דעם טיש.

מלכה האט שוין ניט געקאנט מיט איהר אזויא פיעל ריידען אונ

האָט איהר אָבגעצאָהלט דעם האַלבען רובעל וואָס זיא האָט פערלאַנגט.

לאַנג לעבען זאָלט איהר — האָט ציפּע נרונע געזאָגט — איך זעה טאַקי אַז איהר זייט אַגאָלד אַבריליאַנט, וויפיעל געזונד מיינט איהר האָט דאָס פון מיר חאצקעליכע ארויסגענומען דינגענדיג זיך פאַר דעם אָבדיראַק וואָס זיא האָט ביא מיר געקויפט, אוים קריינקען, טאַקע זיססע, זאָל זיא ערען ביסען וואָס זיא וועט עססען פון דער גאַנז, זיא האָט זיך מיט מיט געדונגען אָפּשר דרייא שעה אויפן זייגער און האָט מיר אַראָפגעריססען גאַנצע צעהן ראָשען, אָבגעריסענע יאָהר זאָל איהר גאָט דער פאַר געבען נישקשה זיא וועט האָבען אַשוואַרצען חושכ'דיגען סוף, האָט איהר אָהנגעהויבען צו געהן דאָס שלימזל וועט ער ווייטער אויך צו איהר געהן, און דאָס איז טאַקי גאָר פאַר די שפיכות דמים (בלוט פערגיסונג) וואָס אייער שוועֶר זאָל לעבען און אייער מאַן זאָל געזונד און שטאַרק זיין האָבען איהם געהאַט, איהר שפּילט זיך עפּעס דערמיט וויא דער רוצח חאַצקעל האָט פון זייא דאָס בלוט געטרונקען און פרעגט פאַר וואָס? דער פאַר וואָס אייער יודעלע האָט אָבגעמאָלט אַמאָל קאַרמעליעס בילד. עפּעס אַקלייניקייט וואָס פאַר אַנ'עבירה זייא האָבען ביא איהם געפונען? ער האָט אָבגעמאָלט דאָס פּנים פון אַמיידעל. נוא און אַז מיא מאָלט אָב אין דער היילינער הגדה דאָס פּנים פון אונזער מוטער שרה וויא זיא שטעהט הינטער דער טיהר און הערטאַיין זיך וויא דיא מלאכים זאָגען אָן אברהמ'ן אַז זיא וועט האָבען אַבן זכר למזל, איז דאָס עפּעס אַיין עבירה? אָי קיין גוטס, פאָטער געטרייער, זאָלין זייא ניט האָבין דערפאַר וואָס זייא האָבען זיך דענסמאָל אָנגעטשעפּעט אָן אייער יודעלען איהר וועט זעהען וואָס פאַר אַשוואַרצען סוף זייא וועלין נאָך האָבען, איין קלאַפּ האַבען זייא שוין געהאַט פון דעם וואָס זייער איידים דערתכשיט יוסעלע קלאַפּ האָט חאַצקלען בעגנבעט און איז אַנטלאָפען געוואָרען איבערלאָזענדיג זיין טאָכטער פאַר אַניאיינגע עגונה. וואַרט! איהר זייט נאָך ניט פאַרטיג איהר וועט זעהן וואָס פאַר קלעפּ וועלין ווייטער האָבען.

מיא ווייס נאָך אַלץ ניט וואו זייער איידי איז? — האָ מלכה געפרעגט.

וואָס רעדט איהר האָט מיר קיין פעראיבעל ניט אַזעלכע גאַריקייט, איז דען יוסעלע קלאַפּ אַוועקגעפאָהרען אום צוריק קומען? אָאָה! ער איז שוין אַגוטער סוחר זייא ווילען איהם שוין אַזויא אָנזעהען וויא זייא זעהן זייערע אויערן. עס איז נור אַרחמנות אויף חאצקעלם קאָכטער איך מיין זדדן זעלדען שלעכטע איז געביך אַוויסטע עגונה געבליבען. זיא איז דוקה נישטקשה פון אַווייבעל, איהר ווייסט שוין דערפון אַז חאַצקעל קלערט מיר זיין גאַנצער פאַמיליע אַרויס צו פאָהרען אין אַמעריקא.

וואס

וואס ? חאצקעל וויל ארויספאהרען מיט זיין פאמיליע נאך אמעריקא ? און איהר הערט דאס ערשט ? דוכט זיך דאס גאנצע שטעדטעל קלינגט שוין מיט דעם נייעס.

פארוס וויל ער פאהרען נאך אמעריקא ?

אשיינע ר׳צייא חלעבען, ווייסט איהר דען ניט אז ער איז אגרויסער קבצן געווארן, זיין אייזדימל האט איהם נוט בעקלערט. ער האט אפילו צו גענומען אלע וועקסעלאך וואס ער האט געהאט אויף זיינע בעלי חובות און קיינער פון זייא וויל איהם אקאפיקע ניט אבצאהלען, פון דער טקסא האט מאן איהם ארויסגעטריעבען, ער זיצט איצט און עסט נאך דיא עטליכע גרייטע רובעלם וואס ער האט, אבער גילדערנע בערג קאן מאן אויך אויפעסען ווען מיא פערדינט אן דער זייט קיין געלד, נוא איז בייא איהם געבליעבען ער זאל נאר ארויספאהרען אין אמעריקא, וויל אלע מענשען וואס פאהרען אהין ארויס ווערין מיליאנשציקעס.

מיליאנשציקעס ? — האט מלכה געלאכט.

נוא וואס זשע לאכט איהר אזויא ? אייך גלויבט זיך דאס גאר ניט, ווייסט איהר דען ניט וואס מיט אהרן דארף איז געווארין אין אמעריקא ?

וואס איז מיט איהם דארט געווארין ?

גאר אקליינינקייט — האט ציפה גרונע פערוואונדערט אויסגערופען — עפעס זיצט איהר וויא אין אדארף און איהר הערט קיין זאך ניט.

וואס האט איהר דען גיהערט ?

וואס סטאטש ? דוכט זיך אלע קינדער פון דיא וויעגען ווייסען אז אהרן דארף איז אמיליאנשציק געווארין, ער האט שוין אגרויסען מויער אין אמעריקא, זיין זון זיסעלע וואס האט דא ניט געטויגט איך בעט איבער אייער כבוד אקאטץ אנ׳עק צו פערבינדען, האט דארט אין אמעריקא בעקומען אזא שטעלע וואס ער פערדינט אפשר הונדערט טויזענד רובל איאהר, מיא זאגט אז ער ווייזט שוין גאר ניט אויס וויא איוד נור וויא אגע־בארענער קיסר.

מלכה האט אשמייכעל געטאהן.

איהר לאכט ווייטער מלכוניא ? — האט ציפע גרונה פערדריסליך גע־זאגט — וויא מיר שיינט גלויבט איהר מיר ניט, נור וואַרט אביסעל איהר וועט דאך מסתמא האבען אבריוועלע אין גיכען פון אייער יודעלען זאל געזונד און שטארק זיין, וועט ער אייך שוין אלס דינג ריכטיג אויס שרייבען.

איך האב שוין פון מיין יודעלען געהאט אבריעף.

טאקי ? — האט ציפע גרונע איבערראשט אויסגערופען — אי געלויבט און געדאנקט איז זיין ליעבער נאמען. איך זאג אייך מלכוניא אז איהר האט מיך גאר מחיה געווען, קיין נוטען סוף זאלען דיא שלעכטע צונגען

ניט האבען, איצט מאג איך דאך אויסזאגען דעם גאנצען אמת, איהר ווייסט וואס מיא האט אויסגעטראכט?

וואס?

אז ער איז מיינע שונאים דערטרונקען געווארען אין מיטען ים, טפוי אויף זייערע קעפ טאטע זיסטער, דערפאר וועט ער טאקי מירצעש שם לאנג לעבען אונ געזונד זיין, זאגט מיר חאטש מלכוניא וואס שרייבט ער אייך?

ער שרייבט אז ער איז גאטט צו דאנקען בשלום געקומען נאך אמעריקא אונ ער האפט אויף גוטע צייטען.

טאקי? אי געלויבט ביזט דוא פאטער אין הימעל. נוא אונ פון אהרן דארף שרייבט ער עפעס?

יא, ער שרייבט אז זייא זיינען גאטט צו דאנקען געזונד.

אונ דאס איז טאקי אנ׳אמת אז אהרן איז א מיליאנשציק געוואהרן?

פון זיינע מיליאנען שרייבט ער ניט, אבער לויט איך פערשטעה אן זיינע ווערטער איז איהם ניט שלעכט. זיסעלע האט ווירקליך אשטעלע אין אגרויס גישעפט אונ קיין הונדערט טויזענד רוביל איין יאהר געהמט ער געווים ניט.

וואס שרייבט ער אייך ווייטער?

קיינע בעזאנדערע נייעס. ער איז דאך ערשט אנגעקומען אין אמעריקא קאן ער נאך קיינע בעזאנדערע נייעס ניט שרייבען.

איהר וועט זעהען וויא אייער יודעלע וועט דארט מירצעש האשעם גליקליך זיין, אבער חלעבען מלכוניא, איהר זאלט אויך מיר קיין פעראיבעל ניט האבען איהר האט געטאהן אגרויסע נארישקייט.

מיט וואס?

טאקי דערמיט וואס איהר זייט אויך מיט איהם ניט געפאהרען אין אמעריקא, אייער יודעלע איז אפילו זעהער אנעהרליכער יונגער מאן, הלואי זאל מיר גאט צושיקען פאר מיין האסיען אזא מאן, אבער ער איז דאך פארט וויא זאגט מען דאס איונגער מאן פון היינטיגער וועלט אונ דיא היינטוועלטיגע יונגע לייט טאהר מען ניט געטרויען פון דאנען אהין, בפרט נאך אין אזא ווייטענעש וויא אמעריקא איז.

האט קיין זארג ציפע גרונע, מיין יודעלע וועט מיר אימער געטרייא בלייבען — האט מלכה שמייכלענד געזאגט.

הלואי זאל אייך גאט העלפען וויא איהר ווינשט אייך אליין, איך רייד דען חלילה שלעכטס אויף יודעלען, איך זאג גלאט אין דער וועלט אריין אז עס איז פיעל גלייכער ווען מיא זיצט מיט דעם מאן אינאיינעם אין איין ארט. נוא האט מיר אגוטען אגעזונדען טאג, זאל אייך

מיין גאנז וויל בעקומען און איהר זאלט פון אייער יודעלען בעשטענדיג הערען גוטע בשורות אמן .

זיא האט אויסגעשנייצט דיא נאז אין פארטוך און איז אוועק געגאנגען .

מאליא האט זיך אבערמאלס גענומען צו יודעלעס בריעף און האט איהם נאך עטליכע מאל דורכגעלעזען .

שוין לאנג האט זיא זיך אזויא גליקליך ניט געפיהלט וויא היינטע .

טו.

דרייא טייפלען .

מיר זעהען אבערמאלס דיא דרייא באנדיטען דעם באנקיר קנאפפמאן בערינגטאנס בוכהאלטער ספרינגסאל און דייוויס קאצין צוזאמענזיטצען ביא קנאפפמאנען אין דער וואהנונג . זעלבסטפערשטענדליך אז דער טיש איז אויך יעצט ניט לעדיג, דען אזעלכע לייטע וויא דער טרעצעט וואר קאנען אהן וויין אונד שנאפס וועגען זייערע געשעפטע ניט פערהאנדלען .

זייא זיינען אלע אין זעהער אגוטער לוינע . יעדער פון זיי שערצט און לאכט פון טיפען הערצען .

דאס איז גאר א נייער וועג צו פרישע טויזענדער — האט ספרינגסאל לאכענד געזאגט — דער מיסטער זימאן טויב איז זעהער רייך און וויא באלד ער האט אויף דיר ברודער מאקס געווארפען אזא פריינדליכען בליק און וויל דיר זיין טאכטער איינשלייערן קאנסט דוא דא שעפען געלד וויפיעל דוא וועסט וועלען דוא דארפסט נור שכל האבען וויא דאס געלד צו שעפען .

וועגען דעם זאלסט דוא גאר ניט זארגען — האט קנאפפמאן גיענטפערט , צוא נעהמען געלד האב איך שוין גענוג פערשטאנד ווען עס מאכט זיך מיר נור דיא געלעגענהייט דאצו , דוא האסט בעדארפט זעהען וויא קונסטפאל איך האב מיין ראליע געשפיעלט אלס ער האט מיך צו זיך אויף מיטטאג איינגעלאדען , איך האב אזויא געשפיעלט דאס ער וויא אויך זיין ווייב און זיין טאכטער האבען דאס געמוזט פאר דער גרעסטער עהרע בעטראכטען וואס איך בין זייער גאסט . דיא מאדאם טויב האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טאהן איבער מיר , זיא האט מיך געשמייכעלט און פערשאטען מיט אזויא פיעל קאמפלימענטע דאס מיר האט שוין אנגעהויבען צו עקלען, אויך זייער טאכטערל מינא האט מיר צוא געווארפען אזעלכע זיסע בליקען וואס האבען וויא גירעדט דיא ווערטער : איך האב דיך ליעב און וויל דיין גליקליכע פרויא זיין . קורץ אונד גוט דא וועלין פליעהען דיא

(אפ"ג ח"ב) דאללארס

דאללארס וויא דיא פליעגען . איך פערשטעה אפילו ניט וואס האבען זייא אין מיר דערזעהען וואס זייא ווילען מיך אויסחאפען .

דאס האסט דוא אלץ מיר צו פערדאנקען — האט ספרינגסאל גיענט־ווערט — איך האב דיר גלייך געזאגט באלד וויא דוא ביזט אהער געקוממען אז דוא מוזט אשטיקעל איינגנאנג האבען צו מיין פרינציפאל אין הויז אום דיא וועלט זאל מיינען אז דוא ביזט ווירקליך זעהער אגעאכטעטע פערזאן . יעצט זעהסט דוא שוין וואס פאר אפראכטפאלע עצה דאס איז גיוועזן ? דען זייט מיא האט דיך גיזעהען אביינגעהענדיג אלס פריינד צוא בערינגטאנען אונ מיא האט דערשמעקט אז ער וויל דיך פאר זיין איידים מאכען , מיינען אללע אז דוא ביסט אפעטער ביססען אונ יעדער האט חשק דיך איינצושלינגען .

אבער ערקלער דאך מיר ליעבער פריינד ווארום האסט דוא מיר געהייסען זיך אנאמען געבען קנאפפמאן ?

דאס איז אלץ דערפאר מיין פרינציפאל זאל דיך פאר אגוטען נאסט צו געהמען . דען ער האט מיר איין מאל ערצעהלט אז אפעטערסבורגער גביר מיט דעם נאמען סאלאמאן קנאפפמאן האט איהם אמאל פון גרעסטען נאטה גירעטעט אונ ער וואלט זיך גליקליך געשעצט ווען ער זאל איהם אדער זיינם אקינד קאנען צוריק אטובה אבטאהן , דארום האב איך דיר געהייסען דוא זאלסט זיך אנאמען געבען מאקס קנאפפמאן אונ זאלסט זאגען אז דוא ביזט אזאהן פון סאלאמאן קנאפפמאן אויס פעטערסבורג , איך האב געוואוסט אז וויא בערינגטאן וועט ערפאהרען אז דער זאהן פון זיין וואהלטהעטער איז דא אין ניוּיארק , וועט ער איהם איינלאדען צו זיך אונ וועט איהם דיא גרעסטע היימסטע פריינדשאפט ווייזען אונ איך האב קיין אירטהום געהאבט , קוים האב איך איהם דיא נייעס ערצעהלט האט ער צו דיר גלייך געשיקט זיינע אוויזיטקארטע אונ האט געבעטען דוא זאלסט איהם מיט אבעזוך בעעהרען . נאך נוט וואס דוא האסט זיך ניט פערפלוטעט אין דיא אנטווארטען וואס דוא האסט איהם געגעבען אויף זיינע פראגען . דיא פריינדשאפט וואס ער האט דיר געוויזען האט דיר אגרויסען נאמען פערשאפט ביי אלע מענשען וואס קוממען אריין צו איהם אין הויז , איך אליין האב פערבּרייטעט דיא נאכריכט דאס ער דענקט דיך פאר זיין שוויגערזאהן צו מאכען , דארום איז קיין וואונדער וואס אלע מיינען אז דוא ביזט אמלאך פון זיין ליעבען נאממען אונ וועֶר וויל דאס ניט זיין טאכטער פערהייראטין פאר אמלאך . אויך זימאן טויב מיט זיין ווייב האט געוויס דער מלאכ׳ל פערשמעקט אונ זייא ווילען איהם אויסחאפען פאר זייער טאכטערל .

דוא האסט רעכט פריינד ! — האט קנאפפמאן מונטער געזאגט — אז דוא ביזט אחכם וויים איך נאך פון רוססלאנד אונ פון בערלין . וואס האט מיך

דען געטריבען נאך אמעריקא ווען ניט דער געדאנק וועגען דיר, איך האב געוואוסט אז ווען מיר וועלין זיין ביידע אין איין ארט קאנען מיר בערג איבערקעהרען, דארום האב איך אונזער פריינד זשוליק איינגערעדט ער זאל מיט מיר אויך אהער פאהרען, איך האב איהם דעם נאמען דייווים קאצין געגעבען אונ אז מיר זיינען שוין יא אין אגליקליכער שעה אנגעקומען אהער אין דעם גליקליכען לאנד, מוזען מיר טאקי רייכע גליקליכע מענער ווערין. צו אלעם ערשטען מוזען מיר ארום שינדען דיין פרינציפאל, ער איז זעהער אפעטע געגזעל, דער אנפאנג איז אפילו גיוועזן ניט שלעכט, מיר האבען שיינע עטליכע דאללאר געחאפט פון איהם אונ פון זיינע געסט. נור ווער ווייס וויא ווייטער וועט געהען, איך ציטטער אלין ער זאל ניט דער שמעקען דאס דער זאהן פון זיין וואהלטהעטער קנאפפמאן האט איהם דיא קליין חתונה אויפגעשפיעלט.

זייא רוהיג, ער וועט קיין פערדאכט אויף דיר האבין, דען ער טראגט שוין אפערדאכט אויף זיין קלערק זיסעל דארף. איך האב אין איהם אפאר פונקען אריינגעווארפין אונ איך גלויב אז דיא פונקען וועלין זיך באלד זא צוגליהען דאס זייא וועלין דעם אונשולדיגען הענדעל דארף אין גאנצען פערברענען אונ ער וועט זיין אונזער זיסע כפרה. איך האב דאך דיר שוין ערצעהלט, דאס צווייא ריגען מיט אבראסלעט פון דיא גערויבטע ציערונג געפינט זיך בייא איהם, ער האט זייא געקויפט פאר זיין כלה. איך גלויב אז ער האט זיא שוין אויסגעפוצט אין דיא שיינע ציערונג אונ אונז בלייבט נור אנצוצייגען דעם הערין בערינגטאן וואו מיא זאל דאס געפינען.

דאצו מוז מען דאך אבער וויססען וואו זיא געפינט זיך אונ וואו זיא וואהנט.

דאס געהם איך מיך אונטער צו ערפאהרען — האט קאצין זיך אנגערופען — איך וועל שוין נאכקוקען דעם גליקליכען חתן וואהין ער וועט געהן, איך וועל קוקען אזויא לאנג ביז איך וועל אויסגעפינען דאס הויז וואו זיא וואהנט.

געדענק זשע דוא זאלסט דאס שטארק אין זינען האבען, נאך דיעזע וואכע מוז דארף ערקלערט ווערין אלס דער דיעב פון בערינגטאנס געלד אונ פון זיינע געסט'ס ציערונג.

דוא קאנסט זיך שוין אויף מיר פערלאזען — האט קאצין געענטווערט — איך וועל דיר שוין דיא טעג אריכטיגע נאכריכט געבען.

יא זשוליק, טפויא איך וויל זאגין קאצין — האט קנאפפמאן געזאגט — ווער איז דאס פריילין וואס דוא ביזט מיט איהר געסטערען אבענד ארומגעגאנגען שפאצירען?

דאס איז מיין כלה.

וָואס? דיין כַּלָה? דוא הָאסְט שוין צום טֵייפֶעל אַכַּלָה אויסְגֶעפונֶען?

דוא וֶועסְט פיעלייכְט זָאגֶען אַז זיא איז אַמְיאוס מֵיידֶעל.

דָאס קָאן מֶען ניט זָאגֶען, אַשֵׁיין מֵיידֶעל איז זיא. דיא פְרַאגֶע אָבֶּער איז צו הָאט זיא דיא מַמְתִּיקִים איך מֵיין דיא מַטְבֵּעַ.

גֵיין. זיא הָאט גָאר קֵיין גֶעלְד ניט.

דוא שְׁפַּאסְט?

איך זָאג דיר עֶרְנְסְט אַז זיא איז אַנ׳אָרֶם מֵיידֶעל.

נוּא פַאר וָואס זְשֶׁע הָאסְט דוא זיך אין איהר פֶערְלִיאַפְּעט? זָאל איך גְלוֹיבֶּען אַז אין דיר הָאט זיך אויך דיא לִיעבֶּע אָנְגֶעצוּנְדֶען.

זַייא זִיכֶער אַז דָאס מֶעדְכֶען וֶועט מִיר אַהִיבְּשֶׁע מַטְבֵּעַ אַרַיינְטְרָאגֶען — הָאט קָאצִין שְׁמֵייכְלֶענְד גֶיעֶנְטְפֶערְט.

וִויא אַזוֹיא?

אויף דֶעם מֶעדְכֶען הָאט אַנ׳אויג גֶעוָוארְפֶען אֵיינֶע פון דיא הִיזִיגֶע מַאמֶעלַאך, דיא וָואס הַאלְטֶען אַפְרֵייליך הויז מִיט אַסַך טֶעכְטֶערְלַאך. דִיעזֶע מַאמֶעלֶע הָאט מִיר פֶערְשְׁפְּרָאכֶען טוֹיזֶענְד מְזוּמָנֶע דָאללַארְס צוא צָאהלֶען וֶוען איך וֶועל דָאס מֶעדְכֶען איהר פַאר אַקִינְד אַוֶועקְשֶׁיקֶען....

אַזוֹיא גָאר? זַייעֶן דָא אין נויארק אויך פַאראַן אַזֶעלְכֶע מַאמֶעלַאך וָואס צֶעהלֶען פַאר אַזֶעלְכֶע טֶעכְטֶער גֶעלְד?

אַשֵׁיינֶע קַשְׁיָא חַלֶעבִּין. דוא דַארְפְסְט ווִיסֶען אַז נויארק קָאן זיך אין דֶעם פַאך פֶערְגְלֵייכֶען מִיט קאנסטאנטינאפאל.

אָבֶּער מִיא זָאגְט דָאך אַז דָא הִיא איז שְׁטְרֶענְג פֶערְבָּאטֶען צו הַאלְטֶען אַזֶעלְכֶע הַייזְלַאך.

פֶערְבָּאטֶען? — הָאט דייוויס גֶעלַאכְט — מִיר שֵׁיינְט אַז גַנְבֶענֶען אוּנ רוֹיבֶּען איז דָא אויך פֶערְבָּאטֶען פון דֶעסְט וֶועגִין גַנְבֶעט מֶען דָא אוּנ מִיא רוֹיבְּט מֶעהר וִויא אין אַלֶע שְׁטֶעדְט.

דָאס איז אָבֶּער דָאך ניט גְלַייך צוא יֶענֶעם גֶישֶׁעפְט, גַנְבֶענֶען אוּנְד רוֹיבֶּען קָאן מַאן אינ׳ס גֶעהַיים, אָבֶּער הַאלְטֶען אַהֵייזֶעל מִיט לֶעבֶּעדִיגֶע סְחוֹרָה איז דוּכְט זיך אוּנְמֶעגְלִיך, ווייל אַהִין קוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער מֶענְשֶׁען אוּנ דָאס קָאן קֵיין גֶעהֵיימְנִיס בְּלֵייבֶּען.

דָאס רֶעדְסְט דוא וַוייטֶער דוּמְהַייט. דָא דַארְף מֶען נור בְּלַאט שְׁלִיסֶען מִיט דֶער פָּאלִיצִייא. קוּים מַאכֶען זיך דיא פָּאלִיסְלַייטֶע ניט זֶעהֶענְדִיג מַאכְט שוין קֵיין זַאך ניט אוּים. וֶוען אַזַא מַאמֶעלֶע וִויא איך הָאב דָא גֶעזָאגְט, קוֹיפְט אַמֶעדְכֶען אוּנ פֶערְשְׁפַּארְט זיא בַּייא זיך אין הַארֶם, איז דָאס מֶעדְכֶען שוין פֶערְלָארֶען אויף עֶווִיג, אֲפִילוּ קֵיין טַאטֶער קָאן איהר אויך ניט הֶעלְפֶען.

נוּא קְלֶערְסְט דוא בַּיי מֵיינֶעלֶע אויך אין יֶענֶער שְׁטֵיינֶעלֶע אֵיינְשְׁפַּארֶען?

עֶס פֶערְשְׁטֶעהְט זיך אַז דָאס איז מֵיין גַאנְצֶער צִיעל.

אויף וֶוען זְשֶׁע וַוארְטְסְט דוא?

(אמ״ג ח״ב)

פריזהער

פריהער וועל איך מיט איהר חתונה האבען, נאכהער וועל איך דינגען אדירה ביא יענער מאמעלען און זיא וועט שוין דארט פערבלייבען אויף אימער.

און פאר וואס ווילסט דוא זיא פאר דער חתונה אהין ניט אריינפיהרען? ווילסט דוא דאך פערשפארט דיא גאנצע ארבייט פון דער חתונה.

דאס טוא איך ניט דערפאר ווייל איך וויל אויך חאטש אכט טאג געניסען דאס גליק פון אפאמיליענפאטער, ריכטיגער געזאגט פון אגליק־ליכען מאן.

טוא וויא דוא פארשטעהסט, אבי נעהם געלד. מיר ווייזט אויס אז דאס איז ניט קיין שלעכט געשעפט.

דאס איז זעהער אגוט געשעפט. ווען איך וועל פערקויפען דיא סחורה וועל איך מיך נעהמען צו אצווייטער, נאכהער צוא אדריטער און אזויא ווייטער. איך זאג אייך ברידער אז נואַרק איז אזעלטענע געשעפטס שטאדט, מיא קאן דא אויסגעפינען אזעלכע ביזנעס (מסחרים) דורך וועלכע מיא קאן זעהער לייכט דיא טאשען מיט געלד אנשטאפען.

שא רייד ניט אזויא הייך — האט ספרינגסאל געזאגט — יעמאנד קאן דיין זיסטע שטימע דערהערען וועט מאן אונז פיעל ארבייט איינשפארען

דוא ביזט ליעבער פריינד זעהער אשרעקעדיגער יונגעל אין דער לעצטער צייט געווארען — האט דייוויס געלאכט — דאמאלס ווען מיר זיינען דא אלע געוועסען און מיא האט אין דער טיהר אקלאפף געטאהן, האסט דוא זיך אזויא ערשראקען דאס דוא ביזט לייכענבלאס געווארען, דוא האסט געמיינט אז מיא איז געקומען נאך דיין נשמה צום סוף איז דאס נאר געוועזען אטע־לעגראמען טרעגער וואס האט אונזער קנאפפמאנען אדעפעשע געבראכט.

פון דעסט וועגען שאדעט ניכט פאר אונזערע ברידער מיר זאלען זיך טאקע שרעקען — האט ספרינגסאל געענטפערט. מיר האבען שוין גענוג איבערגעטראגען אין דיא אייראפייאישע געפענגעניסטע און צו דיא אמעריקא־נישע אפטראגען האב איך גאר קיין חשק ניט. עס איז שוין שפעט, לאמיר נעהמען נאך צוא גלעזעלאך וויין און לאמיר געהען יעדערער נאך זיין קוואַרטיר.

יא דיא פלאשען מוזען מיר אויסלעדיגען בעפאר מיר געהען אוועק — האט קאצין געענטפערט — וואס דוא האסט רעכט האסט דוא רעכט.

און דיא דרייא באנדיטען האבען זיך גאר אויף דאס נייע גענומען צוא דיא פלעשלאך און צו דיא גלעזלאך.

מז.

בעססער אלס ערווארטעט.

יודעלע גראהעם (ניוּוֶעזענער פיינהערץ) האט אנגעקלונגען אין דער טיהר־גלאקע פון דעם באנקיר בערינגטאן. אונטער דער האנד האט ער געהאלטען אבילד איינגעוויקעלט אין אגרויסען פאפיער.

וואס ווינשען זייא? — האט דער בעדינטער וועלכער האט דיא טיהר געעפינט געפרעגט.

איך ווינשע צווא שפרעכען מיט דעם מיסטער בערינגטאן — האט יודעלע גיענטפערט.

דער בעדינטער האט איהם בעטראכט פון דיא פיס ביז צום קאפף אונ האט געזאגט: וואס האלט איהר דאס אונטערן ארם.

אבילד — האט יודעלע גיענטפערט.

קאנט איהר מיר עס ווייזען?

! מיט וואס פאר ארעכט פערלאנגט איהר פון מיר אזא זאך? — האט יודעלע מיט אפערדריסליכע מינע געפרעגט.

איך מוז דאס זעהען, אנדערש קאן איך אייך ניט אריינלאזען.

דאס פערשטעה איך גאר ניכט.

צוא איהר מאכט זיך אז איהר פערשטעהט ניכט אדער איהר פערשטעהט דאס ווירקליך ניכט. ווייסט איהר דען ניט אז היינט לאזען דיא רייכע לייט צווא זיך ניט צו קיין פרעמדען מענשען וועלכער קומט מיט אפאקעט אונטערן ארם.

ווארום איז דאס אזויא?

ווייסט איהר דען ניכט דיא געשיכטע וואס מיט צווייא וואכען צוריק האט זיך געטראפען בייא דעם מיליאנער רוססעל זאגע דאס איין אנארכיסט איז צווא איהם אריינגעקוממען מיט ארענצעל אין דער האנד אונ האט בייא איהם געפאדערט ער זאל איהם דיא מינוט געבען אפאר מיליאן דאללאר אונ אלס דער מיליאנער האט זיך פון איהם אויסגעלאכט האט ער ארויסגענוממען פון דער רענצעל אבאמבע האט זיא אשליידער געטאהן צו זאגעס פיס. נור דורך אנס איז דער מיליאנער גירעטעט געווארין אונ דער אנארכיסט האט דעם טויט געפונען דורך זיין אייגענער באמבע, אבער ניט אלע מאל טרעפט זיך אזא נס אונ דארום לאזען דיא רייכע לייטע קיינעם צו זיך ניט צווא מיט אפעקיל אין דער האנד.

אויב אזויא זייט איהר גערעכט — האט יודעלע שמייכלענד געענטפערט — איך וועל אייך צייגען אז איך האב בייא זיך קיין באמבע אנדערן אנ־איינפאכעס בילד.

ער האט אבגעבונדען דעם שנירעל פון דעם פאקעט האט אבגערעקט דאס פאפיער אונ דער בעדינטער האט העכסט ערשטוינט אויסגערופען דאס איז דער מיסטער בערינגטאן אליין.

יודעלע האט אשמייכעל געטאהן אונ האט געזאגט: נוא איז דאס ניכט קיין באמבע, װעט איהר שוין קיין פורכט האבען מיך צו אייער הערר אריינצולאזען?

אי װייא װיא ריכטיג דער מיסטער בערינגטאן שטעהט דא! — האט דער בעדינטער ענטציקט אויסגערופען — ער װייזט אויס ריכטיג װיא לעבעדיג. ער האט שוין געזעהן דאס בילד?

ניין! דאס האב איך ערשט געבראכט איהם װייזען.

ער װעט אויסער זיך װערין אז ער װעט דאס דערזעהען.

אבער געהט מעלדעט איהם אז איך װינשע מיט איהם צו שפרעכען

װער האט דאס אבגעמאלט טאקי איהר אליין? — האט דער בעדינטער געפרעגט.

יא איך אליין.

װילט איהר זיך זעהען מיט דעם מיסטער בערינגטאן אליין?

יא.

ער װעט אייך אזויא געװיס יעצט ניכט עמפפאנגען, דען ער געהמט אין דיעזער צייט קיין מענשען ניט צוא. נור אויב איהר װילט ער זאל אייך יא אריינלאזען, זאלט איהר מיר געבען דאס בילד איך זאל איהם ציינען דאן צווייפלע איך ניכט אז ער װעט אייך באלד רופען.

גוט! געהמט דאס בילד אונ צייגט דאס איהם.

דער בעדינטער האט גחאפט דאס בילד, איז מיט איהם אריינגעלאפען צו זיין װירטה װעלכער איז געלעגען אויף אװייכער זאפע אונ האט געלעזען א בלאט צייטונג.

װאס װילסט דוא איננאץ? — האט בערינגטאן געפרעגט.

אנשטאט אנ'אנטװארט האט איננאץ אויפגעהייבען דאס בילד געגען זיין װירטה.

בערינגטאן איז פון זיין ארט אויפגעשפרונגען.

װאס איז דאס? — האט ער געפרעגט — װאס איז דאס פאר אבילד?

ערקאנט איהר דען ניכט אייער בילד גנעדיגער הערר?

יא אז דאס איז מיין בילד דאס זעה איך, אבער װאו האסט דוא איהם גענומען, װער האט דאס געמאכט?

דער מאלער שטעהט אונטען אונ װארט ביז איהר װעט איהם ערלויבען אריינצוגעהען.

ערשטוינט האט בערנארד דאס מייסטערהאפטע בילד בעטראכט אונ האט געזאגט: רוף דעם קינסטלער אריין אהער.

יא דאס איז ווירקליך אמייסטער ווערק — האט בערנארד צו זיך אליין געזאגט אלס דער בעדינטער איז ארויסגעגאנגען, אבער דאך ערקאן איך אז דער קינסטלער האט דיא קונסט אין קיין אקאדעמיע געלערנט, דען אין איין זייט קומט דער שאטען ניכט נאטירליך אויס.

באלד האט זיך דיא טיהר געעפינט און יודעלע איז אריינגעקומען.

זייט איהר דער מייסטער פון דיעזען בילד? — האט איהם בערנארד זעהר פריינדליך געפרעגט.

יא — האט יודעלע געענטפערט מיט גרויס רעספעקט.

פון אייך קאן אויסוואקסען מיט דער צייט אגעריהמטהייט, איהר האט טאלענט. פון וואנען זייט איהר אליין?

אויס רוסלאנד.

דאס האב איך גלייך ערקאנט אן אייער אויסשפראכע. שוין לאנג אז איהר זייט דא אין ניויארק?

צוויא וואכען.

ניכט מעהר? וויא קומט דאס וואס אייך איז איינגעפאלען מיין בילד צוא מאלען?

ווייל איך וואהן דא ביא מיינעם איוגענד פריינד וועלכער האט דיא עהרע ביא אייך צוא דינען. ביא איהם האב איך אייער בילד דערזעהען און האב מיך בעשלאסען איהם אבצומאלען.

האט איהר עס געמאלט בלויס פון מיינעם אבילד?

איך האב אויך דיא עהרע געהאט אייך פערזענליך צו זעהען דרייא מאל.

וואו?

אום דאס בילד זאל פון מיין פינזעל ארויסקומען פאלקאמען גוט האב איך אייך אבגעהיט דרייא מאל ווען איהר זייט פון אייער אפפיס ארויס געגאנגען און האב זיך גוט אין אייער געזיכט איינגעקוקט.

ביא וועמען פון מיינע מענשען קוואהטירט איהר?

ביא זיסעל דארף.

אזויא? איהר זייט מיט איהם פון איין שטאדט?

יא.

וויא איז אייער נאמען?

יודא גראהעם.

זיצט יונגער מאן און ערצעהלט מיר מיט וואס דענקט איהר זיך היער צו בעשעפטיגען.

פאהרענדיג אהער האב איך זעלבסט ניכט געוואוסט מיט וואס איך וועל מיך דא בעשעפטיגען, דען דער מענש וואס פערלאזט זיין אלטע היימאט און פליהט אין אנ'אנדער וועלט זוכען דאס גליק קאן זיך קיין בעגריעף מאכען פון דעם וואס מיט איהם וועט אין דער נייער וועלט פאססירען. אבער

קופענדיג אבער האב איך ערפאהרען אז דיא קונסט וועלכע איך בעזיטץ איז דא אנ'איינטרעגליכע פראפעסיאן, דארום האב איך זיך בעשלאססין איך זאל מיך בעשעפטיגען מיט מאלען אונ דיעזעס בילד האב איך אלס פראבע געמאכט.

דיעזעס בילד קאן איך אבער אלס פראבע ניכט דינען, דען איך וועל אייך פאר איהם זעהער פיין בעלאהנען, נור צוא אנדערע וועלין אייך אזויא גוט בעלאהנען דאס איז אפראגע. איהר דארפט וויססען יונגער מאן אז דער גרעסטער טהייל פון דיא היזיגע גבירים פערשטעהען זיך גאר אויף דיעזער קונסט ניט. בייא זייא מאכט ניט אוים אבילד וואס איז געמאלט פון דעם בעריהמטען קינסטלער ראפהאעל צו אבילד וואס אנ'איינפאכער מאלער'ל מאלט אב, אונ וויא באלד אז איהר דארפט דיא מבינים זעהען איז שוין שלעכט.

איך ווייס אבער ניכט צוא וואס פאר אנ'אנדער בעשעפטיגונג איך זאל מיך נעהמען. איך מוז אייך גינעדיגער העהר געשטעהן דאס איך בין אין אלע אנדערע געשעפטע זעהער בלינד.

בערינגמאן האט אייניגע מינוטען געטראכט אונ האט ענדליך געזאגט: גוט איהר זאלט זיך מיט אייער קונסט בעשעפטיגען. איהר האט גליק וואס אייך איז דער גליקליכער געדאנק איינגעפאלען פון מיר אנ'אנפאנג צו מאכען. איך קאן אייך געבען פאר דער ערשטער צייט אהיבש ביסעל ארבייט אונ איך גלויב אז מיינע פריינדע וועלכע קומען אפט אריין צו מיר וועלען דערזעהען אייערע בילדער אונ וועלין אייך אויך געבען ארבייט.

איך בין אייך איניגסט דאנקבאר עדלער העהר.

צו אלעם ערשטען וועל איך אייך בעלאהנען פאר דיעזען בילד נאכהער וועל איך אייך אויפגעבען דיא איבעריגע ארבייט.

ער האט ארויסגענוממען פון דעם שרייבטיש אטשעק בוך האט אנגעשריבען אטשעק (אנווייזונג) אויף הונדערט דאללאר אונ האט עם איבער-געגעבען יודעלען מיט דיא ווארטען דא האט איהר אטשעק אויף הונדערט דאללאר, דיעזע פרייז וועט איהר בעקוממען פאר יעדעס בילד וואס איהר וועט פאר מיר מאכען. זייט איהר צופריעדען?

איך בין ניכט אין שטאנד אייך מיין דאנקבארקייט אויסצודריקען — האט יודעלע געריהרט געענטפערט.

אז איהר זייט צופריעדען בין איך אויך צו פריעדען — האט בערינגמאן מיט אפערגעניגטער מינע געזאגט — יעצט וועט איהר מיר מאכען צוויא בילדער פון מיין פרויא אונ פון מיין טאכטער. דא האט איהר זייערע פאטאגראפישע בילדער.

איז ניכט מעגליך איך זאל דיא עהרע האבען זייא פערזענליך אנצוקוקען, האט יודעלע געפרעגט.

יא, דאס קאנט איהר לייכט אויספיהרען — האט בערנארד גיענטפערט

אונ האט אקלונג געטאהן אין דעם עלעקטרישען גלעקעל וואס איז אויף זיין טישעל געשטאנען.

איננאץ איז אריינגעלאפפען.

בעמ אהער אריין מיין פרויא מיט מיין טאכטער — האט איהם בער־נארד בעפאלען.

דיא גינעדיגע מיסיס איז צו הויזע ניכט דא.

נוא אונ מיין טאכטער?

זיא זיצט אין זאאל מיט דעם ריכטער עפינגער.

קומט הערר גראהעם מיט מיר אריין אין זאאל, דארט וועט איהר דיא געלעגענהייט האבען מיין טאכטער צו זעהען, אונ דוא איננאץ טראג אריין דאס בילד אין זאאל.

איננאץ האט גענוממען דאס בילד אונ איז נאכגעגאנגען בערנארדן מיט יודעלען אין זאאל.

לוירא מיין קינד! — האט בערינגטאן צערטליך געזאגט צו זיין טאכטער וועלכע איז געזעסען — צוא דיר געהן יעצט צוויא פאטערס.

וואס? — האט לוירא ערשטוינט געפרעגט אבער באלד האט זיא דערזעהען איהר פאטערס בילד ביי איננאצן אין דיא הענד אונ האט איבערראשט אויסגערופען: אך וויא פרעכטיג! וויא הערליך! ווער האט דאס דיר פאפא דיעזעס פראכטפאלעס בילד געמאכט?

דאס איז דער קינסטלער פון דיעזען בילד — האט בערינגטאן געענט־פערט — זיין נאמען איז יודא גראהעם.

מיר איז זעהער אנגענעהם אזא קינסטלער צו זעהען — האט לוירא מיט אקינדישע מונטערקייט געזאגט רייכענד יודעלען דיא האנד — איך דאנק אייך הערצליך דאפיר וואס איהר האט מיר מיין גוטען פאטער דאפעלט טהייער געמאכט.

יודעלע האט זיך אין דעם ראסקאש וואס ער האט אין דעם זאאל דערזעהען זיך אזויא פערלארען דאס ער האט קוים בעריהרט איהר שיינע האנד אונ האט אויסגעשטאממעלט איינינע אונפערשטענדליכע ווארטען.

אויך איך פיהל מיך גליקליך אזא קינסטלער צו זעהן—האט דער ריכטער עפינגער אויסגערופען ערגרייפענד יודעלעס האנד — איך וויל דיא עהרע האבען אייער פריינד צו זיין, מיין נאמען איז יאהן עפינגער.

זעהער אנגענעהם! — האט יודעלע פערווירט געענטפערט.

דערפאר וואס דוא ביזט דאנקבאר דיעזען קינסטלער פאר דעם וואס ער האט דיר דיין פאטער דאפעלט טהייער געמאכט — האט בערינגטאן לאכענד געזאגט — דער פאר וועל איך איהם דאנקבאר זיין ווען ער וועט

מיין

מיין טאכטער דאפעלט טהייער מאכען. ער נעהמט זיך אונטער אויך דיין בילד זא פראכטפאל צו מאכען וויא מייגעם.

איך בין צופריעדען — האט לווירא פריינדליך גיענטפערט — ווייל איך בין פעסט פערזיכערט אז פון אזא קינסטלערישער האנד וועט זאגאר מיין מיטעס בילד לעבענדיג ארויסקומען.

איך דאנק אייך פאר דיא שמייכעלהאפטע ווארטען גינעדיגעס פריילין, האט יודעלע זיך טיעף פערבייגענד געזאגט.

אויך איך וועל אייך אשטיקעל ארבייט געבען — האט זיך עפינגער אנגערופען — איך בין אויך נייגיעריג זיך זעלבסט צו זעהען ארויסגעהענדיג פון אייער פינזעל.

זעהט איהר יונגער מאן — האט בעריננטאן מיט אפריינדליכען שמייכעל געזאגט — דער ערשטער אנפאנג האט אייך זעהער גוט אבגעגליקט און איהר קאנט האפפען דאס מיט דער צייט וועט איהר אין אמעריקא גרויסע פארשריטע מאכען.

יודעלע האט זיי זעהער בעדאנקט און איז מיט אפריידענפאלעס הערץ צוריק אהיים געגאנגען.

ז׳.

דער אנארכיסט.

נוא מיין גאלדענער זימאן — האט אניא טויב מיט אספאטישען טאן געזאגט צו איהר מאן — וואס זאגסטו יעצט? וועסט דוא שוין מודה זיין אז דיין ווייב איז אביסעלע קליגער פון דיר? וויא איך האב דערזעהען דעם יונגען באנקיר קנאפפמאן ביא בעריננטאנען אין הויז האב איך באלד דער־קענט אז דאס איז אגוטער בראטען פאר אונזער מינאן. נוט האטש וואס דיא האסט מיך געפאלגט און האסט איהם געבראכט צוא אונז אין הויז, דוא האסט בעמערקט וויא ער איז אויסער זיך געווארען אלס ער האט אונזער טאכטער דערזעהן? דו קאנסט שוין זיכער זיין אז אויף דער פריילין לווירא בעריננטאן וועט ער שוין מעהר ניט וועלן אקוק טאן. דען צווישען זיך גירעדט קאן זיך לווירא פערגלייכען מיט אונזער מינאן?

אבער איך וויים נאך ניכט ווארום דוא פרייעסט זיך אזויא — האט זימאן גיענטפערט — ערשטענס ווייסט דוא נאך ניכט בעשטימט צוא איז איהם אונזער מינא בעסער גיפעלען אלס לווירא. צווייטענס זעה איך דא נאך קיין גרויס גליק ווען ער וועט וועלין אונזער טאכטער הייראטען. איך זאג דיר דיא ווארהייט אז דער קנאפפמאן גיפעלט מיר גאר ניכט.

וואס? ער גיפעלט דיר ניכט? — האט אניא ביז אויסגערופען — ווארום גיפעלט ער דיר ניכט?

און איך ווייס ניכט ווארום גיפעלט ער דיר יא? ער איז נאך מיינער מיינונג אגאנץ איינפאכער יונגער מאן, איך זעה אין איהם קיין בעזאנדערעם ניכט.

וואס האסט דוא געוואלט אין איהם זעהען? צוויא נעז אדער פיער אויגען?

און וואס פאר מעלות האסט דוא אין איהם בעמערקט?

גערה! דוא ביסט אגרויסער דומקאפף און ווייטער גאר ניכטס, מיר שיינט אז אבלינדער קאן אויך זעהען דאס דיעזער יונגער מאן איז אויסגעצייכענעט.

עס קאן זעהר זיין אז נור אבלינדער קאן זעהען זיינע מעלות, אבער איך האב זייא ניכט זוכה גיוועזן צו זעהען.

נוא און דאס איז ביי דיר ווייניג, וואס ער איז אגערימהטער קויפמאן אשיינער יונג און זעהר קלוג?

אזעלכע מעלות געפינסט דוא אין אלע יונגע לייט וואס קומען אריין צו אונז. וואס אנבעלאנגט צו שיינקייט פערשטעה איך ניכט דיין געשמאק, מיר שיינט אז ווען איך זאל זיין אפרויא וואלט איך מיט אזא העסליכען פערזאן פאר קיין פאל זיך געוואלט פערבינדען.

ער איז העסליך? קנאפפמאן איז העסליך?

און דוא זאגסט אז ער איז שיין?

איך האב דיר ניכט געזאגט אז ער איז אבילד שיינער יונגער מאן, אבער העסליך איז ער געוויס ניכט. ער האט נור דעם איינציגען פעהלער וואס דיא נאז איז בייא איהם אביסעל פערריסען, אבער בייא אמאנספערזאן איז דאס קיין חסרון. אבער וואצו זאלען מיר ריידען איבעריגע ווערטער? מיר שיינט אז דער פאקט אליין וואס בערינגמאן וויל איהם נעהמען פאר זיין לויראן איז גענוג פאר דיר, דוא זאלסט פערשטעהן אז ער איז אזא יונגער מאן וואס זיין גלייכען איז שווער צו געפינען.

וואצו זאלסט דוא קוקען אויף בערינגמאנען? און אז בערינגמאן וועט וואהנזיניג ווערין און וועט וועלין פאר זיין טאכטער נעהמען אמאן אהן הענד און אהן פיס, דארפסט דוא אויך אזויא מאכען?

איך זאג דיר זימאן אז דוא ווייסט גאר ניכט וואס דוא רעדסט — האט אניא צארניג געזאגט — וואס רעדסט דוא מיר פון אזעלכע זאכען וואס קאנען קיין מאל טרעפען. מיר וויסען אז בערינגמאן וועט פאר זיין טאכטער ניט נעהמען אמאן וואס איז אהן הענד און אהן פיס. ער זוכט פאר איהר אזעלכען וואס זאל זיא קאנען גליקליך מאכען און וויא באלד מיסטער קנאפפמאן איז איהם אזויא גיפעלען געווארען דאס ער וויל

איהם האבען פאר א שוויגער זאהן, האט ער געוויס אויסגעפונען אז דער יונגער מאן שטעהט העכער פון אלע אנדערע יונגע לייט.

איז דיר דער קאפיטאן נור געפעלען דערפאר וואס ער איז בערינגטאנען געפעלען געווארען?

ניין, ער האט מיך אליין אויך פאסט בעצויבערט.

מיט וואס?

איך האב שוין קיינע קרעפטען מיט דיר צו רעדען. דיינע פראגען זיינען גאר ניכט ווייא פון א מענשען מיט א קלארען פערשטאנד. איך זאג דיר אז איך בין פון איהם ענטציקט, ער איז א זעלטענהייט וואס מיא דארף א זעלכען זוכען צווישען מיליאנען.

נוא אונ וואס זאגט אונזער מינא צוא איהם? זיא איז אויך אזויא ענטציקט פון דעם זעלטענהייט וויא דוא?

יא, מינאן איז ער אויך געפעלען, אבוואהל איך האב מיט איהר וועגען דעם ניכט גירעדט, אבער מיר דארף מען אפינגער אין מויל ניט אריינלייגען. איך פערשטעה אז זיא וואלט זיך גליקליך געשעצט ווען דער שידוך זאל געענדיגט ווערען.

זעהער שיין, אויב איך ביידען געפעלט ער אזויא אונ פון איהם ווערט אויך קיין מניעה ניט זיין בין איך אויך צופריעדען. אבער נאך מיינונג דארף מען נאך דער וויל פון דעם ניט רייטען, זאל ער נאך אפאר מאל צו אונז אריינגעהען, לאמיר מיט איהם בעסער בעקאנט ווערען, דאן וועלען מיר זעהען וואס מיר האבען צו טאהן.

אונ איך זאג דען אז מיא זאל היינטיגען טאג מאכען דיא התונה, זעלבסט פערשטענדליך אז אזא זאך ווערט ניט אבגעטאהן אין איין טאג, ער האט פערשפראכען אונז אפט צו בעזוכען, געוויס וועט ער ווארט האלטען, דאך איז מיין באקשה מיר זאלען אלע קרעפטע אנווענדען ער זאל ווערען אונזער מינעס חתן, דען זעהער לייכט קאן ער אריינפאלען אין בערינגטאנס הענד. דוא הערסט זימאן וואס איך זאג דיר? דוא זאלסט דאס ניט האלטען פאר גרינג אונ זאלסט אזא גליק ניט אוועקמאכען פון דער האנד.

איך וועל מיך דא גאר ניכטס מישען. נוא וויא דוא פערשטעהסט.

זעהער גלייך, מיש זיך טאקי גאר ניכט, דען דוא וועסט געוויס ערגער מאכען. פערלאז זיך אויף מיר, איך וועל שוין אלעס אויספיהרען אויפן בעסטען אויפן.

דער בעדינטער האט אין דער מינוט געמעלדעט דאס איינער מאן ווינשט צו שפרעכען מיט דעם הערען מויב.

ווער איז דער יונגער מאן? — האט זימאן געפרעגט.

איך וויים ניכט — האט דער בעדינטער גיענטפערט — ער האט מיר

זיין נאמען ניכט געזאגט. אבער אן זיין קליידונג פערשטעה איך אז ער איז א;שעגטעלמען.

פיהר איהם אריין אין מיין קאבינעט.

מיר האבען נאך גענוג צייט זיך צו בעראטהען וועגען דעם באנקיר קנאפפמאן — האט זימאן געזאגט צו זיין פרויא אלס דער בעדינטער איז ארויסגעגאנגען. מיין ראטה איז דוא זאלסט ניט זיין אזויא געאיילט, איך זעה דא נאך קיין גרויסע גליקען אין דעם שידוך. אונזער מינא איז נאך ניט אזויא אלט, זיא קאן ווארטען נאך א יאהר. איך גאראנטירע דיר אז זיא וועט ניט בלייבען זיטצען אמויד ביז אין גראען צאפף.

גוט! גוט! — האט אניע גיפטיג גיענטפערט — איך קאן דאך דיך שוין אז דוא האסט בעשטענדיג צייט. איך וועל טאהן דאס וואס איך פערשטעה, ווייל איך ווייס אז אויף דיר קאן מאן זיך ניכט פערלאזען.

געדיינק זשע דוא זאלסט שפעטער קיין חרטה האבען — האט זימאן מיט כעס געזאגט אונ איז אריינגעגאנגען אין זיין קאבינעט.

דארט האט ער געטראפפען זיטצענדיג איינעם מאן פראנטיש געקליידעט מיט אפאאר ברילען אויף דער נאז. זאבאלד ווי זימאן איז אריינגעקוממען האט זיך דער יונגער מאן פון זיין ארט ניכט אויפגעהייבען אונ איז זיך געבליעבען רוהיג זיטצען אויף זיין ארט מיט דעם פאפיראס אין מונד.

דאס האט דעם רייכען זימאן שטארק פערדראסען אונ ער האט זעהער אונפריינדליך געפרעגט: וואס ווינשען זיא?

איך וויל ביי אייך דינגען דעם ערשטען פלאר (עטאזש) פון אייער הויז — האט דער גאסט גיענטפערט.

נוא וואריום האט איהר זיך ניט גיווענדעט צו מיין הויזקיפער? (דווארניק), האט טויב מיט דער זעלבער אונפריינדליכקייט געפרעגט.

וואס מאכט דאס אויס דער הויזקיפער צו דער לענדלארד (הויז ווירטה), ביי מיר זיינען זיא ביידע גלייכע מיוחסים.

פאסט ערשראקען האט טויב דעם עזות פנים אנגעקוקט אונ האט בייז גיענטפערט: איך פערדינג קיין פלאר.

עס שטעהט דאך אבער איבער דער טיהר אנגעשריעבען אז דא פערדינגט זיך יא א פלאר?

עס מאג שטעהן, אבער איך פערדינג ניכט.

וואריום?

דאס איז שוין מיין געשעפט.

איך פערשטעה — האט דער יונגער מאן מיט אגיפטיגען טאן געזאגט — אייך האט פערדראסען אויף דעם וואס איך האב איך ניט אזויא נוהג כבוד גיוועזן. איהר זייט ביי זיך שטאלץ דער מיט וואס איהר זייט רייך אבער איהר דארפט ניט פערגעסען אז אייער רייכטהום האט איהר

אנגעקליעבען פון דעם בלוט אונד שווייס פון דיא ארמע ארבייטער, דארום דארפט איהר רעספעקט האבען פאר דיא מענשען וואס האבען פאר אייך זא לאנג געארבייט ביז איהר זייט געווארען אמיליאנער אונ זייא זיינען געבליעבען אהן כוחות.

אזויא? — האט טויב שמייכלענד אויסגערופען — וויא איך פערשטעה האב איך דיא עהרע צו ריידען מיט איין אנארכיסט?

איהר זאגט דאס מיט אשפאס אונ איך זאג אייך זעהער ערנסט דאס איהר דארפט דאס ווירקליך פאר אייגע עהרע בעטראכטען וואס איהר רעדט מיט אנ׳עהרליכען מאן.

איך וואלט דאס נאך פאר אנרעסערע עהרע בעטראכט ווען איהר זאלט דיא מינוט פון מיין הויז ארויס געהען — האט טויב זעהער ערנסט געזאגט.

אייער הויז? — האט דער אנארכיסט געלאכט — וואו האט איהר גענומען דאס הויז, איהר האט זיא געבראכט פון רוסלאנד צו פון דייטש־לאנד? דאס הויז האבען ארמע ארבייטער דורך זייער מיהע אויפגעבויט וועהרענד איהר זייט זיך מיט אפאפיראס אין מויל געלעגען אויסגעצויגען אויף אווייכער זאפע אונ האט געטראכט וויא אזויא דיא אונגליקליכע צו בעשווינדלען.

אבער מיסטער! איך בעט אייך מיט גוטען איהר זאלט אויפהערען מיט מיר צו טענהן אונ זאלט מיין הויז פערלאזען, דען איך וועל ארייגרופען אפאליסמאן.

וואס? אפאליסמאן וועט איהר ארייגרופען? איך לאך פון אייך אונ פון דער גאנצער פאליציא. מורא האבין פאר פאליסלייטע דארפען נור שווינדלער בעטריגער אונ עקספלואטאטארס, אבער ניט קיין עהרליכע ארבייטער. אבער מיר איז קיין וואונדער וואס איהר שרעקט מיך מיט דער פאליציא, דען דיא גאנצע אמעריקאנישע פאליציא בעשטעהט פון אזעלכע בלוטזייגער אונ פאלשע מענשען וויא איהר זייט. נור וואצו זאל איך ריידען מיט אייך איבעריגע ווערטער, ווילט איהר פערדינען אייער פלאר פאר דעם אפפיס פון אונזער צייטונג "דער קרעבין פון אנ׳ארבייטער"?

ניין! פון אזעלכע לייטע וויא איהר זייט אנטלויף איך.

איך פערשטעה, אלע שווינדלער אנטלייפען פאר עהרליכע לייט, אבער איהר וועט זיך פון אונז ניט אויסדרעהען, עס וועט קומען דיא צייט וואס מיר וועלין אייך לערנען רעספעקט, עס וועט קומען דיא צייט וואס איהר וועט אייער גערויבט געלד צוריק אבגעבען דיא ארמע ארבייטער וואס האבען עס צוזאממען געקליבען. אנ׳אנדערע וועלין מיר מאכען פון אלע קאפיטאליסטען אונ פון דיא שווינדלערישע מיליאנערע. געדיינקט מיינע ווערטער

און ציטערט פאר אונזער יום הדין. דא האט איהר זיין קארטע אום איהר זאלט וויסען מיט וועמען איהר האט דיא עהרע געהאט צו שפרעכען.

ער האט אווארף געטאהן אוויזיט קארטע אויף דעם טיש און איז מיט פעראכטעטען געלעכטער ארויס געגאנגען.

טויב האט געוואלט אגעשרייא טאהן „לומפּ! ” אבער ער האט מורא געהאט, ווייל ער האט געוואוסט אז דיא אנארכיסטען טראגען בייא זיך רעוואלווערן און פאר זייא איז קיין זאך צוא שווער צוא טאהן, זייא קאנען אריין ווארפען אדינאמיט באמבע גלייך צו איהם אין שטוב אריין.

ער האט גענומען דיא וויזיט קארטע אין דער האנד און האט אויף איהר געלעזען דעם נאמען „לעאן באמבום רעדאקטאר פון דער קרעכץ פון אנ׳ארבייטער”.

אך פערפלוכטעס געזינדעל! — האט ער העכסט צארניג אויס גערופען — אזעלכע מערדעריונגען לאזט מען דאס ארומגעהען פרייא איבער דיא גאסען? אין דעם פאך שטעהען שוין דיא אייראפייאישע לענדער פיעל העכער אלס אמעריקא, דען דארט וואלט מאן אזעלכע שקצים פערדאממט, פערניכטעט און אין געפענגעניס געשלײדערט. איך קאן זייא גוט דיא לייטע, זייא האבען שטארק חשק דיא קאפיטאליסטען זאלען זייער געלד צווישען דיא ארמע פערטהיילען ווייל זייא (דיא אנארכיסטען) זיינען גרויסע קבצנים לעדיגגעהער און פוסטע פאסניקעס. ווען זייא זאלען אויך זיין רייך וואלטען זייא צו אזא זאך קיין חשק געהאט. עס איז זעהער לייכט צו זיין אבעל צדקה איבער אפרעמדער קעשענע. דערפאר איז אבער ניט אזויא לייכט איבער דער אייגענער קעשענע דער זעלבער בעל צדקה צו זיין.

פאטער! — האט אין דער מינוט געפרעגט זיין טאכטער מינא אריינגלייפענדיג אין זיין צימער — ווער איז געוועזען דער יונגער מאן וואס איז ערשט פון דאנען ארויסגעגאנגען?

וואָרום ביזט דוא זא נייגיעריג צו וויסען ווער ער איז?

ווייל מיט אכט טאג צוריק אלס איך בין מיט לווירא געגאנגען ספאצירען אויף יוניאן סקווער, האבען מיר דיעזען יונגען מאן געזעהען שטעהענדיג צווישען אגרויס פובליקום און ער האט פאר זייא געהאלטען ארעדע. ער האט גירעדט אזויא שיין און מיט אזא פייער דאס מיר ביידע ס׳הייסט איך און לווירא האבין שטארק געוואלט וויסען ווער ער איז.

ער איז דעם טייפעלס אברודער — האט זימאן גיענטווערט.

וואס מיינסט דוא מיט די ווארטען פאטער?

דיעזער שורקע איז איין אנארכיסט, דאס זיינען דיא חברה וואס ווילען פערבעסערן דער וועלט מיט דינאמיט און מיט באמבעס, דו פערשטעהעסט שוין וואס דאס איז פאר אסוחר? שטעל זיך פאר דיא פרעכהייט פון דעם סובייעקט,

ער

ער קומט אריין צו מיר דינגען אדירה און זידעלט מיך ביי מיר אין שטוב וויא דעם ניעדעריגסטען מענשען .

ער האט דיך געזידעלט ? פאר וואס ?

דערפאר וואס איך בין רייך און ער איז אקבצן . וויא גיפעלט דיר דיא זאגע וואס ער האט אין מיר געפונען ?

נוא און דוא האסט איהם געשוויעגין ?

איך האב ניט געוואלט האבען צו טאהן מיט אזא חברה מאן , ערשטענס זאגט מען אז דיא לייטע טראגין שטענדיג ביא זיך רעוואלווערן , צווייטענס איז מיר איינפאך ניט אנגעשטאנגען זיך מיט איהם צו קריעגען, זיין גאנצער יחוס בעשטעהט אין דעם וואס ער איז ארעדאקטאר פון דער אנארכיסטישער צייטונג „דער קרעכטץ פון אן ארבייטער“ .

אזויא ער איז דער אנארכיסט לעאן באמבום ?

וואס ? דוא קאנסט איהם ?

ווען איך זאל איהם גיוועזן קענען וואלט איך דאך דיך ניט געפרעגט ווער ער איז . אבער זיין נאמען האב איך איינינע מאל גיהערט . אזויא ? איז דאס לעאן באמבום ? .....

מיא האט לייכט געקאנט פערשטעהען אן דעם טאן מיט וועלכען זיא האט דיא ווערטער אויסגירעדט , דאס זיא איז פון דער נאכריכט שטארק איבערראשט געווארען .....

יח.

דער קבר איז פערטיג :

קאצין ? — האט ספרינגסאל ערשטוינט אויסגערופען אלס אום עלף דער זייגער ביא נאכט האט מאן איהם אנגעקלאפט אין דער טיהר און דייווים קאצין איז אריינגעקוממען .

יא פריינד דאס בין איך — האט קאצין שמייכלענד גיענטווערט — דוא האסט זיך וויא איך זעה פאר מיר ערשראקען .

דאס איז ניט אומזאנסט וואס דוא ביזט זא שפעט צו מיר געקומען — האט ספרינגסאל געזאגט בעטראכטענדיג נייגיעריג זיין פריינד.

געוועהליך איז דאס ניט אומזאנסט , איך האב דיר געבראכט אריכטיגען אנטווארט וועגען דעם וואס איך האב דיר פערשפראכין .

וועגען וואס מיינסט דוא ?

דוא האסט זיך שוין פערגעססען דאס מיר האבין אבגירעדט איך זאל דיר ברייגגען אריכטיגען אנטווארט וואו זיסעל דארפס כלה וואהנט ?

אה, איך האב מיך שוין דערמאנט. נוא ווייסט דוא שוין וואו זיא וואהנט?

יא זיא איז אנ'איינפאכע שניידער מעדכען, זיא וואהנט אין 135 צעהענטע שטראססע אויפן צווייטען פלאר ביא אגעווישער פאמיליע דזשיי קאבסאהן.

ווייסט דוא דאס בעשטימט?

איך וויס זאגאר אויך דאס אז דארף האט איהר איבערגעגעבען דיא פריזענטע וואס מיר האבען איהם צו געשארט

וויא אזויא ווייסט דוא דאס? — האט ספרינגסאל זעהער גייגעריג גע-פרעגט.

איך וועל דאס דיר ערצעהלען: פון דער מינוט אן וואס איך האב דיר פערשפראכען אוים צו געפינען דיא אדרעססע פון זיין כלה האב איך שוין נוט גערוהט, איך האב מיך ארום גערעהט ארום זיין קווארטיר אונ אלם ער איז נור פון דארט ארויסגעגאנגען האב איך מיינע בליקען פון איהם ניט ארונטער גענוממען אונ בין איהם וויא זיין שאטטען נאכגעגאנגען. אלם ער איז אריינגעגאנגען צו אייך אין אפפים האב איך מיך ארום דעם אפפים גערעהט אונ האב אבגעווארט ביז ער איז פון דארט ארויסגעגאנגען. דאס האב איך געטאהן צוויא גאנצע טעג, ערשט היינטע אום זעכס אוהר פאר נאכט אלס דארף איז פון אייער אפפים ארויסגעגאנגען אום אהיים צו גיין האב איך גיזעהען וויא ער פערדרעהט זיך אין אנ'אנדער וועג, איך האב מיך אויך געלאזט אין דער זעלבער וועג געהען, געוועהנליך בין איך געגאנגען פון ווייטען אום ער זאל מיך ניט בעמערקן, ענדליך איז ער צו געגאנגען צו דעם הויז 135 צעהנטע סטריט אונ איז אהין אריינגעגאנגען, דא איז מיר געווארין זעהער ביטער, דען דאס הויז האט זיבען עטאזשען, יעדר עטאזש האט צוויא וואהנונגען, היינט וויא אזויא טרעפט מען וואוהין ער איז אריין.

איך האב נאך אלאנגעס נאכדענקען זיך בעשלאססען צו קוקען אויף דיא פענסטער פון דיא וואהנונגען, פיעלייכט וועל איך איהם דערזעהען דורך א פענסטער אונ איך בעטראכטע דאס אלס גליקליכען צופאל וואס אין איינינע מינוטען ארום האב איך ביא איין פענסטער פון דעם צווייטען פלאר דער-זעהען פאר דעם שיין פון דיא געז וואס האט בעלייכט דאס צימער, דאס מעדכען וועלכע איך האב איין מאל גיזעהען ארום געהענדיג מיט זיסלען.

אהא! — האב איך זיך געטראכט — איך האב פארט געפונען דאס וואס איך האב געזוכט.

איך האב שוין פון מיין פלאטץ ניט אבגעטראטען אונ האב מיינע אויגען פון יענעם פענסטער ניט ארונטערגענוממען אונ האב צו מיין בע-

פריעדיגונג אין אהאלבער שטונדע שפעטער דערזעהען מיין זיסעלן אויך וויא ער איז דורך געגאנגען הין אונ צוריק מיט אפאפיראס אין מונד .

איך האב שוין אזויא לאנג געווארט ביז רבי זיסעל איז פון דעם הויז ארויסגעגאנגען . קוים איז ער אבגעגאנגען אייניגע קווארטאלען , בין איך אין דעם זעלבען הויז אריינגעגאנגען , איך האב בעשטיגען דיא צווייא טרעפ ביז דעם צווייטען פלאר אונ האב דערזעהען אויף דער טיהר פון דעם וואהנונג נומער 13 אשילד פון אקליידערמאכערין , איך האב לאנג ניט געקלערט אונ האב אנגעקלאפט .

דיא טיהר האט זיך געעפינט אונ דאס זעלבע מעדכען האט זיך פאר מיר געוויזען . זיא האט מיך געפרעגט וואס איך בעדארף אונ איך האב זיא געפרעגט וואו דא וואהנט אגעוויסער מיסטער לאכבערג . זעלבסט פערשטענדליך אז זיא האט געענטווערט דאס זיא ווייס ניט, נור דערוועיל האב איך אויף איהר ליגקער האנד ערקאנט יענעם בראסלעט וואס זיסעלע האט געקויפט , איך האב מיך ענטשולדיגט דאפיר וואס איך האב זיא בעאונרוהיגט אונ בין אוועק געגאנגען , מיין ערשטער גאנג איז געוועזען צו דיר . יעצט ברודער ווייסט דוא אלעס אונ דוא דארפסט אויך ניט לאנג דענקען אונ אבטאהן דעם נארישען דארף זיין רעכט .

וועגען דעם איז קיין רעדע , עס וועט שוין זיין רעכט פון אלע זייטען , אבער דאס מוז אבגעלייגט ווערין אויף מארגען .

ווארום ניט היינטע ?

וואס רעדסט דוא דומהייט , אין אזא צייט זאל איך געהען צום הערין בערינגטאן ?

נוא וואס זשע איז ? מיר שיינט אז עס וועט נאך אויסקומען בעסער אונ שענער ווען דוא וועסט צו איהם יעצט קומען אונ וועסט איהם אנזאגען אז דוא האסט געפונען אריכטיגען שפור פון דעם גנב .

ניין איך ווייס בעסער וויא ארום אזא געשעפט צו געהען , עס וועט אויסקומען פיעל שענער ווען איך וועל מארגען גאנץ קאלטבלוטיג איבער געבען מיין פרינציפאל דיא נייעס אין אצווייא דייטיגען טאן .

איך וועל מיך מיט דיר ניט שפארען , אבי ארבייט דאס אב קלוג אונ גוט . דוא זאלסט ניט פערגעססין אריינצווווארפין אין דיין געשפרעך אזא שפילקע וואס זאל שפעטער אויך שטעכען

וואס מיינסטו דוא מיט דיא ווארטען ?

דוא דארפסט דאך פערשטעהען אז צו בערינגטאנס קאססע האבין מיר זיך בלויס צוגערידרט , מיר דארפען זיך צו איהר ערשט נעהמען מיט אלע קרעפטע אום זיא אויסצולידיגען , אלזא דארף מען זעהן אז אויך דאן ווען דארף וועט אברוהען אין געפענגעניס זאל דער פערדאכט פון ווייטערדיגע גנבות פאלען אויף איהם .

וויא איז דאס מעגליך ?

נאנץ איינפאך, דוא זאלסט זעהען צוטשעפען צו איהם אחבר, אום מיא זאל מיינען אז אין דר צייט ווען ער קאן גאר ניכטט מאהן טוט עס זיין חבר.

דארף מאן דאך אויסזוכען ווייטער עפעס אפרישען העכט אום מיא זאל אויף איהם קאנען ארויפווארפען דיא שולד פון דיא קינפטיגע גנבות.

אזא העכטעל קאן מען זעהער לייכט אויסגעפינען אונ מיר שיינט אז איך האב איהם שוין.

ווער איז דאס ?

איך האב בעמערקט שפאצירענדיג דיא לעצטע צוויא טעג אונזער זיסטען וואלף ארום זייער הויז, דאס אין דער זעלבער וואהנונג וואו זיינע עלטערען וואהנען, געפינט זיך נאך איינגער מאן, וויא מיר שיינט איז ער אגרינער, וואס איז ניט לאנג געקומען אין דעם נאלדען לאנד. דוא פערשטעהסט שוין אז אזא סוחר קאן אונז צו ניטץ קומען אויף אשפעטערדיגע כפרה.

ווער ווייס אבער צו שפעטער וועט דיעזער גרינער אויך וואהנען אין דעם זעלבען הויז ?

ער מאג שוין וואהנען וואו ער וויל, דוא דארפסט נור מארגען ביידענדיג מיט בערינגמאנען אפאר ווערטער אביינגווארפען וועגען דעם גרינעם העכט וואס ליעגט אין דער זעלבער וואהנונג וואו דער דארף שטעהט. שפעטער ווען מיא וועט איהם בעדארפען קאן מען איהם שוין אויסגעפינען חאטש ער וועט וואהנען ערגעץ אנדערש. דוא פערשטעהסט מיך צו ניין ?

איך פערשטעה דיך זעהער גוט אונ איך וועל געוויס אלעס אב ארבייטען אויפן פיינסטען אופן, דאס קאנסט דוא זיך דוכט זיך אויף מיר פערלאזען.

אלזא וועסט דוא מארגען בעשטימט בעגראבען דעם דארף ?

בעשטיממט.

געדענק זשע אונ האבע מיר אגוטע נאכט. מארגען אין דער צייט וועלין מיר מאכען לחיים אויף דעם פרישען קבר פון דעם זיסטען רבי זיסעלע.

איך וועל געדענקען, העד שוין אויף מיך צו לערגען,

אונ דוא זאלסט ניט פערגעסען אביינמישען דעם גרינעם פון וועלכען איך האב דיר ערצעהלט.

איך וועל ניט פערגעסען, גוואלד געה שוין לאז מיך שלאפען.

דוא וועסט נאך שלאפען, פערגעס נור ניט צו לייענען קריאת שמע אונ דערמאנען דיא גוטע מלאכים גבריאל גזלניאל אונ געלטיאל, האט קאצין לאקענד געזאגט אונ איז ארויסגעגאנגען.

ענדע פונ'ם צווייטען טהייל.

(אמ"ג ה"ב)